עורכי־דין — לפני המלחמה היה עורך־דין יהודי אחד בשם ד"ר פרנקל, שבגלל יחסו ליהודים וליהדות אין הוא ראוי שנאריך עליו את הדיבור. לעומת זאת נזכיר את מר בנימין ארליך הי"ד, שלא נשא את התואר עו"ד, אך היו לו ידיעות מקיפות ויסודיות בענייני דין ומשפט. הוא עבד אצל עו"ד פולני ואמרו עליו שהוא מבין יותר מבעליו. בנימין ארליך היה אדם חביב, מעורב בציבור היהודי בקוסוב, ציוני, מוכן לעזור בעצה משפטית לכל מי שפנה אליו. לו בת בארץ, רופאת קו"ח, ד"ר גניה רביץ. לאחר המלחמה היו עורכי־דין יהודים בעירנו. אחד מהם בן קוסוב, הד"ר יצחק ברטלר, הנמצא כעת בארץ, עו"ד מוכשר ומקובל על הבריות וד"ר מנשה מנדל, שבא מקוטי, הי"ד. שניהם ציונים מסורים. כ"כ היו ד"ר רוזנבוים, ד"ר הכט, ד"ר מנקיס, ד"ר שנפּ, ד"ר מצגר, האחרון ציוני פעיל.

בעלי מלאכה — היה זה מעמד מכובד בעירנו. היה בית כנסת מיוחד לבעלי מלאכה, שנקרא, משום מה בית כנסת החייטים — „שניידערישע שול".

חייטים — חייטים היו רק יהודים. היו חייטים וחייטות לבגדי נשים: ר' יעקב הירש החייט, יהודי מכובד וידוע כחייט מומחה, מרדכי

באומוואָל, שנהג לתת נדבה יפה, שרה שנייברג והינדי פיש, שרה שטרנברג ונתן זמלר.

לבגדי גברים מודרניים היו החייטים פריזל, איכנר, חיים וזלמן בעקער, מיכאל יגרמן, שמואל שניידר, חנא וגנר ועוד. מומחים היו אלה ועל כן מחיריהם גבוהים. הם תפרו בשביל לא־יהודים וליהודים שהתלבשו כמו „דייטשן". בשביל „עמך" היו: דובצ'י החייט, בר זעלצער ופייביש דרוקר (קארפלס), האחרון ע"פ רוב מחוסר עבודה, אך תמיד נחפז והיה מפיק בדיחות. אלה היו מומחים לז'יפיצעס — בגד משי שחור ארוך, שכיסיו לארכו של הבגד מאחוריו — ומעילים רגילים ארוכים בשביל בחורים.

סנדלרים: זוסיה צדוק הרשקוביץ, המכונה „ליבו'א הסנדלר", ציוני אדוק („אַ פאַרברענטער ציוניסט"), מן הראשונים שהבינו את הציונות כפשוטה והיה מוכן בכל רגע ללכת לארץ ישראל. מסופק היה אם לקנות עצי הסקה לחורף, שמא תגיע טלגרמה ללכת. היו עוד: ברל ליב שיזל הסנדלר, שלמה פרידל ומשפחת ה„סוסליקים". סנדלרים לא מומחים היו ה„סוסליקים" ונקראו כך על שם עיניהם הצרות מאד גם של הנשים וגם של הגברים. כולם נמוכי קומה היו, הן הגברים והן הנשים. אבי המשפחה הזאת היה זוסיה הסנדלר (זוסי דער שוסטער). היה ישראל הסנדלר המכונה קמפל, מומחה במקצועו, שאשתו היתה ממשפחה זו. ר' ישראל זכה לעלות ארצה עם כל משפחתו וגר בחיפה. סנדלרים היו גם שלמה ומאיר פרידל ואחרים.

נגרים — בקוסוב היו נגרים יהודים טובים גם לרהיטים וגם לבנינים, כגון: ר' איציק אפפלבאום, מומחה לרהיטים, יהודי מכובד, מקובל על הציבור היהודי וידוע כחסיד ועסקן, וביק גולדשטין והירש כהן. האחרון היה גם כבאי ואם איני טועה — הכבאי היהודי היחיד בעיר, כ"כ חיים שניידר, שלשת האחים עקיבא, וולף ושמואל נמט ואחרים.

פחחים היו רק יהודים. מהם נזכיר את ר' זיידי הפחח — ווכטל, בעל זקן לבן, שירד לו על פי מידותיו. היה אומר שיעור ב„עין יעקב" בבית כנסת החייטים. יעקלי הפחח — ווכטל, שלא איבד רגע לבטלה בטוענו „צייט איז געלט", פיני דרוקר ובנו חיים הירש, אורצי קרמר ושלושת בניו, איציק הפחח, האחים אנטשל, איצי ויעקל מינצר, חיים ומשה פפאו.

מסגרים היו רק יהודים: ברוך בירנבוים, חיים קרמר ומאיר דרזנר בן מנדל.

נ פ ח: יהודי אחד היה בכפר סמוך לקוסוב בשם ר׳ משה הזנפרץ, שהפיל חיתיתו על הגויים בגבורותיו.

צ ו ר פ י ם ו ש ע נ י ם היו רק יהודים: ר׳ זיידי הצורף — גולדשמיד, יהודי ירא שמים ויודע ספר, ר׳ חיים השען — קויפמן, יהודי מכובד ומקובל על בריות, אשר לו כאן בת ונכדים, יעקב ובנו יודל הופנברג, משה שטיינר הי״ד, בנימין השען — וינטר ע״ה, ויונה פוקס.

ח ר ט י ע ץ יהודים היו: ר׳ חיים החרט, ר׳ זיידי הודס החרט, שבארץ נמצאים בתו ושלושת בניו. הוא היה עושה או מתקן גם מטריות.

א ו ר ג י ם — מלאכת האריגה היתה נפוצה בקוסוב כתעשייה ביתית, במיוחד בין עם הארץ. הם ארגו בעיקר בד עבה מפשתה, שגדלה בסביבה והיה עיקר תלבשתם. היהודים היו מוסרים גם כותנה הביתה לעיבוד. היו גם בתי מלאכה לאריגה של שמשון לעטיך, הירש הילמן, אלטר הילמן ושל דוד פוגל הי״ד. האחרונים הכניסו גם נולים מיכניים דוד׳ל היה גם ציוני טוב. כשהוציאו לעז על הציונים, המועלים בכספים, היה דוד פוגל מתלוצץ: „צריכים לתת כל כך הרבה, שיהיה גם בשביל לגנוב״. בבתי המלאכה הנ״ל עבדו הרבה אורגים יהודיים. ראוי להזכיר את זיידי שטייגמן, מנהל בית החרושת של אלטר הילמן, חיים נחמן פריילין ובנו מאיר, יוסף הזלמן, אשר זכה לבן בארץ, ברוך שירן, וועלוויל ויידל ויטשר, הירש זידרר הי״ד ועוד. אפילו שביתת אורגים היתה בקוסוב.

ב ת י ב ד ל ש מ ן — היו שני בתי־בד לעצירת שמן של ר׳ מיכל רט ושל ר׳ משה פייבלעס, ברודר. את השמן עשו משומשומין ו„סימניה״. הפסולת שימשה מאכל לפיטום בהמות.

נ ר ו ת — גם נרות מחלב היו עושים אצלנו. היה זה ר׳ משה ״דער לעכטציר״ (כנראה מורכב משתי מלים — ליכט־ציער), שהיה עושה נרות־חלב (חלב־לעכטלעך). יהודי עם בטן ועם זקנקן מדובלל, איש טוב וישר. עם הארץ הרבה לקנות נרות אלה בשביל הכנסיות. היהודים השתמשו כבר בנרות פרפין.

א ו פ י ם — אופים יהודים היו: ר׳ דוד׳ל וינטר, ר׳ לייזר העשל, ר׳ משה׳קי וינטר, לאחרון בן בארץ יוסל וינטר ועוד.

ש ו א ב י מ י ם ו ח ו ט ב י ע צ י ם — בעיר קוסוב, שבה מביאים את המים מן הבאר בדליים או בקנקנים גדולים על האסל, יש תפקיד חשוב לשואבי מים. היהודים לא שימשו בתפקיד זה בעת ההיא, מחוץ

לאחד לא קבוע, ר׳ זוסיה השמש. ספקי המים היו אז רובם ככולם לא־יהודים, ע״פ רוב נשים. היתה גם „שבת־גויה״ להורדת הפמוטים מן השולחן בשבת ולהסקת התנור בחורף. לאחר מלחמת העולם הראשונה היו גם שואבי מים יהודיים, לעפטוש והולנדר, שני בחורים, שכבשו גם פרנסה אחרת מן הלא־יהודים, את החמרות — נהיגת בהמות מקוסוב למקומות מיועדים (מסיפוריו של מ. פוקס). חוטבי עצים, הכוונה לעצי הסקה, לא היו יהודים. רק משהתחילו בחורים יהודים להכשיר עצמם לעלייה לא״י, עסקו גם בעבודה הזאת.

ש מ ש י ם — ר׳ זוסיה השמש, השני של „הסומר״, היה משמש בשעת הדחק גם בכתר של שואב מים. אמנם גם על שתיים אלה לא היתה עיקר פרנסתו. פרנסתו העיקרית היתה — חיזור על הפתחים, אך לא בקוסוב, בבחינת „אין נביא בעירו״, אלא בישובים אחרים. הוא אהב גם כוסית, דבר שנהג להכחיש בכל תוקף. משכנו היה בבית הכנסת מאחורי התנור, בחינת רואה ואינו נראה. קולו לא נשמע. רק בבית המרחץ, במדרגה העליונה, התעורר. פה נשמע קולו ברמה. היה בודד, ערירי, בלי משפחה.

לעומתו, השמש הראשון בבית הכנסת דסומר, ר׳ משה מנדל וכטל, היה בעל בעמיו. היה דר עם משפחתו, אשה ובן, בחדר המרווח שליד בית הכנסת. היה קפדן והטיל מוראו על הילדים. דואג היה לצרכי בית הכנסת ולסדר. גם הוא פרנסתו לא על השמשות בלבד. היה לו דוכן בשוק, שם מכר גרעיני שבת, פול מבושל חם, שעועית שחומה גדולה מבושלת ומלפפונים כבושים. תמיד ממורמר היה ופניו זועפים. נראה היה בעליל, שאין דעתו נוחה מבעלי הבתים שלו וממעמדו. אלה ידעו את זאת ועברו על כך בשתיקה, כי את המוטל עליו עשה באמונה. היש לו ברירה, אמרו, היש לו פרנסה טובה מזו? היה משווק את תוצרתו בין בחורי בית הכנסת, בייחוד בערבי החורף, ובמסיבות בבית הכנסת בשבת ויום טוב.

טיפוס אחר לגמרי היה ר׳ זיידל, השמש של בית הכנסת הוויז׳ניצאי. היה בעל מזג טוב, לא כעס ולא צעק על הילדים. היה עני מר׳ משה מנדל, אך לא היו לו מעולם טענות כלפי שום איש. השלים עם גורלו — מה לעשות? גם לו פרנסה צדדית — היה סוחר עופות וביצים. כמובן, שלא היו לו חלילה לולים גדולים או קטנים. אלא מאי? לאחר שגמר עבודתו בבית הכנסת, היה יוצא לשוק וכשמצא תרנגול או תרנגולת טובים, היה קונה, מביא לבעלת בית, נוקב את מחיר הקניה וזו מדדה לו קצת ריווח, לפי נדיבות לבה וגודל המציאה. האמינו לו לר׳ זיידל, שכן חזקה עליו שלא ירמה. היה עני מרודה ויהודי כשר. ועם חיוכו, שהיה נסוך על

פניו בכל עת ובכל שעה, הרגשת כאב מוסתר. אשתו היתה תופרת לבנים — וכרגיל: הרבה פרנסות ואילו פרנסה אין.

וכיוון דאתינא להכא, אספר גם על אביו של ר׳ זיידל, ר׳ שמואל פילר או ר׳ שמואל „פונעם נאפט״. הוא ואשתו פרלי גרו בביתם הנמוך והמט לנפול מול בית אבא. דומה, שמעולם לא היו עשירים. כנראה מכר פעם נפט ומכאן שמו. אך בזמן המדובר, מצבם היה קשה מנשוא. היא היתה מתקנת גרביים ועל זאת פרנסתם — אך היא היתה כמעט עיוורת. היו אנשים טובים והשכנים אהבו אותם. זכורני כשר׳ שמואל פילר נכנס אלינו הביתה, היתה נכנסת עמו הביתה השמחה.

נחרתה במוחי תמונה זו: פורים, שעת הסעודה, על השולחן מפה מבהיקה מלובן, נרות גדולים דולקים מצד אחד וחלת פורים גדולה מצד שני. באמצע השולחן בקבוק יי״ש, כוסיות ותופינים ובצלחת מעות לשם חלוקה. ר׳ שמואל פילר נכנס, ברכת פורים רחבה בפיו, מתיישב, שותים לחיים ומיד אוירא דפוריא מתפשטת בכל הבית.

בת מוצלחת ויפה היתה לר׳ זיידל, וחיה־שרה שמה, פרח, שהעוני והדלות לא יכלו לו. משגדלה נתנה אל ליבה להדביר את רישו של בית אביה והצליחה. התחילה לעבוד בבית חרושת לסריגת סוודרים וחצאיות ועד מהרה נעשתה מנהלת של בית החרושת. מעשה בבחור קוסובאי, שהיגר לאמריקה והתעשר. כשבא פעם לבקר בבית הוריו מצאה וחפץ בה ולקחה לאשה. לפני מלחמת העולם השניה חזרו לעירנו — עתירי נכסים והיא אשה נדיבת לב שאין כמותה. משפרצה המלחמה ובעלה יצא לחדש את הדרכון לאמריקה, לא רצתה לעזוב את קוסוב ואת הוריה ונספתה בשואה, הי״ד.

כ ל י ־ ז מ ר י ם — צדקה עשה הקב״ה ליהודי קוסוב ונתן להם להקה מפוארת של כלי־זמרים. אין לתאר חתונה יהודית בקוסוב בלי כלי־זמר. מחוללה היה ר׳ חיים נחמן הכלי־זמר, המכונה וויטשר. הוא בעצמו ניגן על הרבה כלים, חיבר מנגינות וכולם היו תלמידיו. שמו יצא בכל הסביבה, הקרובה והרחוקה והגיע עד לקולומיא, הכרך הרחוק. היו מזמינים את להקתו למסיבות ולנשפים אפילו של לא־יהודים. כנרים מצויינים היו יעקלי וויטשר, בנו של ר׳ נחמן ולעמיש אסלאואר (לאחרון בן בארץ). ידועים היו עוד: ר׳ מאיר הפליטיסט (חליל), יעקלי הוויולוניסט, נתן דוד לדר ה„באס״, המתופף איציק פייאר (שאול׳ס) ואחרים.

ב ע ל י ע ג ל ו ת ו ס ב ל י ם — קוסוב המרוחקת ממסילת הברזל ת״ק פרסא ואוטומובילים לא היו בזמן ההוא, קיימה את קשריה עם העולם

הסובב אותה ע״י עגלות ומרכבות רתומות לסוסים, וכמובן גם ברגל. היו בעלי עגלה להסעת אנשים ומשא כגון: ר׳ מיכאל שיזל, ר׳ מנדל האק, עזרא בדר ובנו ניסן, שהיה גם מעין קבלן להסעה, אפרים רייכמן, שהיו לו שתי עגלות וסוסים, אך הוא בעצמו לא עבד בהן, אלא העסיק בעלי עגלה שכירים, „מצליפים״. כשעלינו לא״י העמיד הוא לרשותנו את רכבו, חינם אין כסף.

שמור בזכרוני ר׳ אורי הסבל ברטפלד, יהודי תמים, שהתלהב לרעיון הציוני. אחר הצהרת בלפור, כשהלכנו לאסוף בשביל „קרן היסוד״, תרם 5 דולרים. היו עוד: משה דוד לדר הסבל ושני בניו, ברוך וולף, שיש לו בן בארץ, מנדלי ומתתיהו (מאתעס) שיפר הסבל. צריך להזכיר עוד את בעלי העגלה הרצל הניגסברג, ומשה הירש הפלר, את יוסף פליישר, יוסל קלוי, הירש ויניקר, דוד הפלר ומנשה הפלר, את הסבלים זליג קליין ובנו אנטשל ושני המצליפים מרדכי אלטיס (קריוויאק) ונטע קליין.

ש ו ח ט י ם — ר׳ יעקל השוחט ובנו פנחס פוגעל. ר׳ יעקל שוחט ותיק בקוסוב היה, יהודי פיקח ונבון, לא אדוק, חשוך ילדים. מתהלך זקוף קומה ואומן במלאכתו. והנה משום מה ירד חינו בעיני הרבי ר׳ משה׳לי זצ״ל ופרץ סכסוך ביניהם. חסידי וויז׳ניץ תמכו בו, היינו המשיכו לאכול משחיטתו ושלחו אליו עופות לשחוט, כמובן בתשלום. הרבי זצ״ל הביא את השוחט ר׳ מרדכי גלר, יהודי ירא שמים, יותר אדוק מר׳ יעקל וכנראה מסוגל יותר ממנו להרכין את הראש. כמותו היה גם בנו השוחט ר׳ לוי גלר הי״ד. היו עוד שלושה שוחטים — ר׳ ישראל פלמר ושני בניו.

ק צ ב י ם — הקצב ר׳ קלמן (קלמוציק) דרזנר היה מהסוג, שאפילו המהדרין סמכו עליו לקנות אצלו בשר „גלאט כשר״ ז. א. שלא נמצאה סירכא בבהמה זו. היה ציוני מן הותיקים וזכה לבן בארץ. במקצוע זה עסקו עוד: אליעזר דרזנר, איציק שטרנברג, עקיבא שטיינר, אברהם טוי, אדם טוב ומקובל על הבריות (בנו, משה טוי, בארץ), שלמה שטיינר (הודיס) ובנו אברהם, שלמה אייזיק לדר, זרח טוי, שמואל מאיר, יוסל לדר, מאיר ולייבצי שטיינר, יהושע והירש שטרנברג ואחרים.

המצב הכלכלי של הקהילה בכלל

לא נתברכה עיירתנו כלל בעושר רב. העשירים היו מעטים ואפשר היה למנותם על אצבעות הידים. אף המעמד הבינוני לא היה רב. אלה שרכשו נכס כלשהו הגיעו לזה רק אחרי עמל של שנים, בהסתפקם במועט

באוכל ובלבוש וממש חסכו מן הפה. רבים היו שסבלו חרפת רעב וביניהם שאיש לא ידע על עגותם בעניים, שעל כן התביישו לספר.

המסחר התבסס בעיקר על יושבי הכפרים הלא־יהודים שבסביבה הקרובה והרחוקה. קוסוב היתה עיר מחוז. היו בה בית משפט, ספרי אחוזה, שר מחוז ומשרדיו. לא ברצון נזדקקו לאלה בני הכפרים שמסביב, שכן הפקידות היתה זרה להם — רובם פולנים.

הירידים, שהיו פעמים מספר בשנה, היו מפיחים, מבחינה כלכלית, רוח חיים בעיר. אך ימי־שוק אלה היו מלוים חרדה ופחד. עוד מצלצלים באוזני דברי אמא ע״ה תמיד לפני יריד: „הלואי ויעבור בשלום״. בין באי היריד מעם הארץ היו שיכורים, גנבים, בריונים ובכלל שונאי ישראל היו כמעט כולם וכל מאורע קטן היה עשוי להצית אש גדולה כנגד היהודים.

גם מצבם של רוב החנוונים לא היה משופר ביותר. היו לרוב עמוסי חובות וזקוקים כמעט תמיד לגמילות חסד. לא היו „שעות עבודה״ קבועות בחנויות, שכן היו פתוחות יומם ולילה. כדאי להזכיר פה חנווני טיפוסי כזה, את ר׳ איצי שפיכר. חנותו פתוחה היתה מעלות השחר עד חצות הלילה ולפעמים עד שעה אחת אחר חצות. שעות מנוחה בצהרים — מאן דכר שמה. כל היום היה טרוד בחיפוש אחרי גמילות חסד. לא מצא פנאי גם לאכול, שכן תמיד אץ, תמיד רץ. קשה היה למצוא אותו בחנות. פה עמדו שלושת בניו ואשתו בתוספת משרת. היתה לו חנות כל־בו. הפדיון היה רב, רק בלי הצלחה.

רבנים וחסידים*

ר׳ מנדלי. שושלת האדמו״רים מבית האָגר בקוסוב יסודה בהרה״צ הק׳ מו״ה מנחם מנדל זצ״ל, בנו של ר׳ יעקב קאפיל חסיד, מתלמידי הבעש״ט זי״ע. הוא היה אבי שושלתא דדהבא שנמשכה יותר מ־150 שנה, מתק״ן—תש״א. ישב על כסא הרבנות בעירנו כ־37 שנים ונפטר בי״ז מרחשון תקפ״ז. הוא חיבר ספר מלא דברי נועם על התורה וקרא לו „אהבת שלום״.

ר׳ חיימל. אחרי פטירתו עלה על כסא הרבנות בנו הרה״צ הק׳ מו״ה חיים זצוק״ל, בעל הספר „תורת חיים״ על התורה. מכיל דברים כפנינים יקרים. הוא כיהן ברבנות 27 שנים, נפטר בכ״ה באייר, מ׳ בעומר תרי״ד. על קברותיהם בבית העלמין בקוסוב ניטו אוהלים. מדי שנה ביומא

* ראה עוד מאמרו של הרב מ. ח. א. בלוך על קוסוב ואדמו״ריה.

דהילולא באו להשתטח על קבריהם רבנים וחסידים מוויז׳ניץ, ברהאָמט, אוטיניא ועוד.

ר׳ יעקב שמשון. אחריו כיהן על כסא הרבנות בקוסוב בנו הרה״צ הק׳ מו״ה יעקב שמשון זצ״ל 24 שנים, נפטר בי״ט באדר תר״ם.

ר׳ משה׳לי. אחרי פטירתו של הרה״צ ר׳ יעקב שמשון עלה על כסא הרבנות בנו הרה״צ, בוצינא קדישא מו״ה משה זצוק״ל בעה״מח „לקט עני״ על התורה. נפטר בו׳ תמוז תרפ״ה בברלין, לשם נסע כדי לשאול בעצת רופאים והובא למנוחות עולם בבית העלמין בקוסוב ליד אבותיו הקדושים. הוא שימש בכהונתו משך 45 שנים.

ר׳ חיימ׳ל. אחריו ירש את כיסא הרבנות בנו יחידו מו״ה חיימ׳ל זצ״ל, שנספה בשואה בתש״ג, הוא ובניו וכל המשפחה. עמם נגדע הענף רב התפארת של שושלת האדמו״רים מבית האגר, הענף הקוסובאי.

אנחנו מסרנו פה רק את הרבנים מבית האגר, ששימשו ברבנות בקוסוב. אך גזע אדיר זה שלח נצרים רבי הוד ותפארת, רועים נאמנים בהרבה קהילות אחרות בתפוצות, כגון: וויז׳ניץ, אוטיניא, ראדוויץ, ברהומט ועוד. גם לא כתבנו את קורות ימיהם ותורותיהם והמסופר עליהם בפי צדיקים וחסידים, שנמסר מדור לדור. הכל כלול בפרוטרוט בכמה וכמה ספרים עתיקים וחדשים והמבקש פרטים יבקשם משם.

לפני ר׳ מנדלי חיו בקוסוב: הצדיק רבי יהושע, שנקרא ה„בעל בכי הגדול״, על שום ששפך שיחו לפני בורא עולם בלב מר ובבכיה רבה ואחיו ר׳ זימל, שבתו שיינא רחל נישאה לר׳ מנדלי בעודה צעירה לימים.

על עתיקותה של עירנו מסופר בשם בן עירנו מר יהושע גרטנר, כי נמצאה בבית העלמין הישן בקוסוב מצבה מלפני יותר מ־500 שנה.

✶

חסידים. חסידי ויז׳ניץ התפללו בבית הכנסת של ה„סומר״, שם התרכזו ונזדמנו יחד מדי פעם בפעם, ביומא דפגרא ובלילי שבת הארוכים בחורף, בשיחות ובסיפורים על רבנים וצדיקים ובמיוחד על הוויז׳ניצאי ר׳ ישראל ואבותיו הקדושים. לפעמים שתו לחיים על כוסית יי״ש וביומא דפגרא גם על כוס יין ובירה. והיה כטוב ליבם יצאו בריקודים. משהגיעה ההתלהבות למרום פסגתה ויצר להם המקום, עלו ר׳ פישל שרל ור׳ הירש פרנקל על הספסלים ועל השולחן ותיכף הצטרף אליהם הכתוב השלישי, ר׳ יוסל המלמד ושרו ורקדו אלה למעלה ואלה למטה, כשהשטריימליך הפוכים על ראשיהם מעשה קונדס, או נטויים על הצד

מעשה בריון (ווילער יונג). היו שרים ורוקדים עד כלות הכוחות. ואז הפליג ר׳ הירש פרנקל, שהיה בעל תפילה, בעל מנגן וקולו ערב, בשירים מתוך שמחה שבלב והשתפכות הנפש: „עורה נא כי בלילה נשמתכם עולה למעלה, לתת דין וחשבון לפני כיסא כבודך...״ וכיוצא בשירים אלה וגם באוקראינית. החרו החזיקו אחריהם ר׳ שמעון מאיר החסיד הוויז׳ניצאי בלי פשרות והמתנגד החריף לרבי מקוסוב ור׳ זרח ארליך, יהודי חרד וירא שמים, בר אורין ובעל מזג טוב, ר׳ משה ריגלר האדיש והשקט ועוד.

אשר לחסידי הרבי מקוסוב, צר המקום לפרטם. הם הקיפו רבים מאנשי העיר על שני פלגיה, קוסוב ומונסטיר. היו ביניהם יהודים יראי שמים ולמדנים, כמו: ר׳ פיני ראובליס, ר׳ אלטיר פיגר, ר׳ מאיר בלוך, ר׳ משה שק, ר׳ מרדכי קמיל, ר׳ זימל קמיל ועוד, משכילים כמו משה שאובר, ר׳ ש. א. היזלר ופשוטי עם. הרבי ר׳ משה׳לי התדבר עם כולם. ניכר, שהוא הבין את כולם, אך אם כולם הבינו אותו, לא אדע. לעתים מזומנות, כגון בשבת מברכים וביומא טבא, כשבאו חסידים מהונגריה וממקומות אחרים אל הרבי, היתה השמחה גדולה בחצר הרבי. קולות זמרה ושמחה היו בוקעים ועולים משם וכולם התעלו והתאחדו באחוות אמת.

היו חיכוכים בין חסידי קוסוב וחסידי ויז׳ניץ. אלה וכן אלה לא שמרו את לשונם ופלטו מלה קשה על הרבי של הצד האחר. ואילו „הנפגעים״ קינאו קנאת רבם והגיע הדבר לפעמים עד לידי ניפוץ שמשות — אך לא לנזק שבגוף ואפילו לא לנזק שבממון.

והרי מאורע הבא לאשר את האמור לעיל: היה זה בלילה הראשון של חג העצרת. חזרנו מבית הכנסת. אבא ע״ה קידש על היין וישבנו ליד השולחן. אמא ע״ה העלתה את האוכל ופתאום הורעד הבית לקול נפץ של כל השמשות בבת אחת. נבהלנו. ברם אבא ע״ה אמר: מעשה נקמה הוא זה של חסידי קוסוב. למחרת החג בא הזגג וזיגג את כל החלונות. מי שלח אותו? — מי שניפץ הוא ששלח.

אברכי המשי בקוסוב בזמן ההוא

ר׳ ישעיהו הלוי איש הורוויץ. בא אלינו מסטניסלב. הוא נצר ממשפחת רבנים ותלמידי חכמים והתייחס על השל״ה הקדוש. לקח אשה ממשפחת מאיר יגרמן, אחד העשירים המעטים שהיו בעיר. עשה רושם בחיצוניותו המסודרת. והנה מה שכתב עליו הפרופ׳ דב סדן, לארגון עולי קוסוב בתשובה על הזמנה ליובלו ה־75: „אני ממכבדיו ומוקיריו של ר׳ י. ה. איש הורוויץ שהוא בעל תרבות פנימית עמוקה,

תלמיד חכם מופלג ונושא באמונה ובתום את מורשת משפחתו, גדולי תורה וגדולי מידות ומעטים בני קומה כזאת בסביבתנו".

ר' פ י ש ל ש מ ח ה. בא מויז'ניץ. היה חתנו של ר' משה קמיל, הבנקאי, שהיה יהודי תלמיד חכם. ר' פישל שמחה היה ידוע כאדם אינטליגנטי, בעל מזג טוב ונוח לבריות וציוני טוב.

ר' ש ל מ ה א י ז נ ק ר פ ט. אדם פיקח ואינטליגנטי ומקובל על הבריות. לא נולד בקוסוב.

ר' א ל י ע ז ר ג ו ט ס מ ן. אינטליגנט יהודי טיפוסי, בעל חיצוניות נאה. היה חתנו של ר' דוצי אנגלר, שהיה בזמנו סגנו של ראש העיר הפולני.

ר' ב ר ל ג ו ל ד ש ט י י ן. בעל הדרת פנים ויפה תואר, אדם משכיל. היה חתנו של הבנקאי ר' יידל טננצפף. לא היה יליד קוסוב.

ר' ב ר ל ר י ג ל ר. איש משכיל ומעורב עם הבריות. בעל מזג טוב.

ר' מ ש ה ש א ו ב ר. ידען ועסקן ואיש משכיל

ר' מ א י ר ר י ג ל ר. אדם רציני, משכיל ובעל מזג טוב.

כל אלה אברכים יקרים. לכל אחד מעלותיו וכמובן גם חסרונותיו. הצד השוה שבהם, שכולם היו ציונים טובים ומסורים. לכל אחד יד וחלק בגאולה. היו בזמנים שונים בוועד האגודה הציונית.

עושים ומעשים בקוסוב

בקוסוב היו אנשי מעשה מרובים, עושים ומעשים. העושים — אלה בעלי צדקה, שהפרישו מהונם ונתנו, וכן המעשים — אלה שנתנו מזמנם ואונם, שאספו וקיבצו בלי לאות בכל הזדמנות, בערבי שבתות וימים טובים וחילקו בין הנצרכים, ראויים הם ששמותיהם ייזכרו וייפקדו בספר הזכרון של קוסוב.

י ו ד ל ו ר ב ק ה ג ר ב ל ר — בעלי צדקה ידועים, שנתנו צדקה ביד רחבה.

צ י ר ל ק י י ז — מדי שבוע בשבוע אפתה תנור לחם וחילקה לנצרכים.

ר' ד ו ד י ג ר ט נ ר — בכל ערב שבת היה אוסף חלות ומחלק

לנצרכים, ביניהם רבים, שאיש לא ידע עליהם, שאין ידם משגת לקנות חלה לשבת.

ר׳ מרדכי הירש גרטנר ואשתו ריסיה — ביתם היה פתוח לכל קשה יום וקיימו את מאמר חז״ל „ויהיו עניים בני ביתך״. וכשנפטר, הלכו עניי העיר אחרי מיטתו ובכו בכי רב וקוננו: הוי אבי, אבי על מי אתה משאיר אותנו!

אשת החיל ברטה שטיינר — שהיתה גם מן העושות וגם מן המעשות. בזמנים כתיקונם היתה ידועה במעשיה הטובים והפליאה לעשות בימי השואה. כששכבו יהודים בבונקרים וגוועו מרעב, היתה הולכת מתוך סכנת נפשות אליהם והביאה דבר מה להחיות את הנפש. ניצלה ונמצאת עם בתה בארץ.

ר׳ מאיר דרזנר ואשתו אסתר — טובי לב ונוחים לבריות, שקיבלו כל אדם בסבר פנים יפות, אם לגמילות חסד ואם לתרומה ונדבה יפה — הכל בכבוד ובשמחה.

ר׳ יוסל שטין המלמד — בליל שבת לא היה עוזב את בית הכנסת אחרי התפילה עד שאחרון האורחי פורחי שנזדמנו לשם לא אושפז אצל אחד הגבירים בעיר. ואם קרה ולא נמצא מקום בשביל אחד העניים, היה לוקח אותו בעצמו הביתה. ר׳ יוסל, שהיה מלמד ועיתותיו לא היו בידיו ונצרכים היו וכסף לא היה לו משלו, היה לווה גמילות חסדים ומחלק ובימי צום ובפורים היה אוסף נדבות מבית לבית ושילם. בפרוס חג הפסח היה כולו דאגה: לזה מצות ולזה תפוחי־אדמה...

ר׳לייזר׳ל — או לייזר הירש דער יוסליכיס — היה משתף עצמו בסידור העניים אצל בעלי בתים. אף הוא לא עזב את בית הכנסת עד שאחרון העניים לא סודר אצל מי שהוא. היה יהודי תמים וירא שמים. התפרנס בקושי. היה סוחר בשוק וגם סוחר בתבואה. אך את המסחר הניח בידי אשתו והוא עסק בתפילה ומצוות. היה מהלך מבית כנסת לבית כנסת, מקבץ נדבות ומחלק.

ר׳ שמואל דוד הירש — מכונה פלאך — נקרא איש האגורה, שבקבצו נדבות לא דרש ולא לקח יותר מאגורה. היה טוען, שאם מבקשים שלב המנדב יהיה שלם עם נדבתו, לא צריך לדרוש יותר מדי ממנו, ואילו מעצמו דרש. לאחר שאסף כמה שאסף היה מכניס ידו במגירה של חנותו — היתה לו חנות לצורכי חלב, שאשתו היתה מנהלתה — הוציא

מלוא חופניים מצלצלים, הוסיף לקופת הצדקה ואחר חילק. אשתו שמצאה „חור" במגירה, ידעה שהזקן כבר חיטט בה.

זיסל אייפרמן — סבתו של ד"ר י. מאיר ז"ל — תחת הסינר היתה מביאה לבית הנצרכים תמחוי בסתר.

חסיא יוסליס (שטין) — למרות היותה טרודה וקשורה לדוכנה בשוק, היתה דואגת, כשהגיע יום חמישי — „לזו אין עוד שמץ דבר לשבת". עזבה איפוא את הדוכן, הסתובבה בין החנויות בשוק ואספה „עטלעכע זעקסער" (כמה אגורות) והכניסה לנצרכים.

ר' אהרון(אורצי) ריגלר — בן טובים, בנו של משה ריגלר. סח לי, שמכל הכנסותיו הוא מפריש מעשר, שם הצדה — קודש לצדקה.

באבצי פוגל — אמו של הציוני והחרושתן דוד'ל פוגל. הירבתה לעשות צדקה וחסד עם עניי העיר.

חיה שרה בארטפעלד — זו בת העניים, שסבלה בנעוריה בבית אביה חרפת רעב ממש ומשנתבגרה וד' נתן חינה בעיני כל רואיה והתחילה להשתכר, פירנסה את משפחתה, נישאה לבחור קוסובאי, שהיגר לאמריקה וכשחזרה משם והיא עתירת נכסים, פיזרה כספים ביד נדיבה לכל עני ורש, משל רצתה לגרש את העוני מיהודי קוסוב.

ר' מאיר קרסל — איש יודע ספר ומעורב בין הבריות, חבר נאמן ופעיל ב„מזרחי", עסק בצדקה וגמילות חסדים.

ר' זוסיה שלוסברג — אברך בר אורין. התחבב על הבריות ע"י מעשיו הטובים. כשבאו הגרמנים העירה בזמן האקציה הראשונה ואסרו אלפי יהודים והובילום לטבח, התנדב ר' זוסיה שלוסברג יחד עם עוד שניים, ולקח את צרור הכסף ואת המתנות והלך לגסטפו לקיים מצוות פדיון שבויים ולא חזרו משם. הי"ד.

ר' שמשון לעטיך — יהודי יקר עושה ומעשה בענייני צדקה.

ר' מנחם מנדיל שטומר — נתינתו מלווה חיוך וטוב לב. ציוני נאמן ומסור ותורם ביד רחבה.

אסתר רובינגר — אשת ר' חיים רובינגר, מהחסידים הנאמנים של הרבי ר' משה'לי מקוסוב, שהירבתה לעשות צדקה.

ינטה שפוטהיים מז'אביה — נולדה בקוסוב ונישאה לר'

חיים שפוטהיים בז׳אביה. היתה ידועה במעשיה הטובים למען עניי הכפר. זכתה לעלות ארצה לשני בניה זלמן ואברהם שפוטהיים. נפטרה בארץ בשיבה טובה בגיל 83 שנה.

גמילות חסדים

ענין זה קובע מקום לעצמו. רק מי שחי בעיירה היהודית בגולה בזמן ההוא, יכול להעריך כראוי את גודל המעלה של גמילות חסדים. כשיהודי צריך לפרוע שטר ואין לו באותה שעה כסף מזומן, או צריך הוא לקנות סחורה ואין לו במה, הריהו נכנס ומקבל גמילות חסד בלי קשיים ובסבר פנים יפות. מה גדולה המצווה! קשה להעריך את חשיבותה. היו כאלה שכל המסחר שלהם התבסס על היסוד של גמילות חסד. לדאבוני אינני זוכר הרבה שמות. אלה הידועים לי, שאני זוכרם, היו: מאיר דרזנר, דוד לנדמן, מאיר קרסל, מרדכי הייצלר, חיים קלוי — ייזכרו כולם לטובה וזכותם תגן עלינו ועל כל בית ישראל לעולמי עד.

היו כמובן עוד עושים ומעשים, ויבורך כל שיבוא ויוסיף על שמות אלה, כי עיירתנו היתה בתקופה ההיא ענייה ומרובים היו בה מחוסרי האמצעים. אך יד עוזרת ורצון טוב היו תמיד מוכנים ומזומנים להקל על הסובלים.

ד״ר משולם שמחה

קאָסעוו אין איר לעבנסצייט

עס איז געווען אַ יידיש שטעטל — קאָסעוו, און נישטאָ מער. מיר, דער דור דערוואַקסענע, עלטערע, וועלן עס טראָגן אין האַרץ און מוח ביז אונדזער לעצטן אָטעם. אָבער ווען מיר וועלן שוין מער נישט זיין, די יעניקע, וואָס אין זייער נשמה איז אויסגעקריצט דאָס לעבעדיקע, צאַפּלדיקע יידישע קאָסעוו — ביי וועמען וועלן זיך פרעגן וועגן קאָסעוו אונדזערע קינדער און קינדסקינדער? פאַר זיי, וואָס זייערע טאַטעס, זיידעס און עלטערזיידעס האָבן אין קאָסעוו געלעבט, געווירקט, געחלומט אין משך פון דורות לאַנגע, וועט קאָסעוו זיין העכסטנס עפּעס ווי אַ פאַרשלייערטער, פאַרווישטער חלום און פאַר די מיינסטע — בכלל נאָר אַ ווייסער פלעק.

גרויסע שטעט האָבן געהאַט זייערע אַרכיוון. אין גרעסערע שטעט זענען געווען היסטאָריקער, און ווען דאָס מזל האָט צוגעשפּילט און אַרכיוון און שרייבער זענען על־פּי נס ניצול געוואָרן, האָט מען זיך אַוועקגעזעצט און מיט גרויס התמדה און אַ סך איבערגעגעבנקייט באַמיט נאָכצודערציילן, רעקאָנסטרואירן דאָס וואָס איז געווען.

אונדזער שטעטל האָט אַזאַ מזל נישט געהאַט. דאָס ביסל ארכיוו־מאַטעריאַל, וואָס איז געווען אין דער יידישער קהילה, איז פון אוקראַינישע שונאים בכוונה פאַרברענט געוואָרן, און מיר האָבן נישט, לײדער, קיין היסטאָריקער און שרייבער פון פאַך צווישן די ווייניקע אָפּגעראַטעוועטע יוצאי־קאָסעוו. מען וועט אויך ווייניק געפינען וועגן קאָסעוו אין אַנדערע היסטאָרישע דאָקומענטן און ביכער, ווייל אונדזער שטעטל איז געלעגן אין אַ זייט פון די היסטאָרישע שלאַכן, וויכטיקע באַן־ליניעס, און קיין גרויסע געשעענישן האָבן זיך אין איר נישט אָפּגעשפּילט.

פאַראַן דעריבער אַ סכנה, אַז דער זכר פון אונדזער טייער שטעטל מיט זיינע אַרום 4000 יידן זאָל אָפּגעמעקט ווערן לחלוטין, און דאָס דאַרף נישט און טאָר נישט געשען!


25—30 קילאָמעטער שלעכטע וועגן האָבן געפירט צו דער באַן־ליניע לעמבערג־טשערנאָוויץ. שפּעט האָט קאָסעוו זוכה געווען, און דערצו אין אַ קליינער מאָס, צו עלעקטריפיקאַציע, זייער שפּעט אַרויסגעשיקט דעם ערשטן אויטאָבוס קיין קאָלאָמיי, און דאָס — נאָך אַ שווערן קאַמף מיט די באַדראָטע באַלעגאָלעס, שפּעט גענומען זיך צו הויז־אינדוסטריע. פון דעסטוועגן, און אפשר דווקא צוליב דעם, איז קאָסעוו געווען פון תמיד אָן אַ יישוב אַן ערנסטער, באַוווסטזיניקער, אַקטיווער, און אויף טייל געביטן — אַ מוסטערהאַפטער.

וועלן מיר זיך דעריבער באַמיען — לויט אונדזערע באַשיידענע מעגלעכקייטן — איבערצוגעבן אין קורצן וואָס עס איז באַקאַנט, וואָס מיר האָבן געהערט פון אַנדערע בני־עיר, אָדער אויך וואָס מיר האָבן געפונען באַשריבן, אָדער פאַרשריבן ביי אַנדערע, אָנגעבנדיק דעם מקור.


אונדזער שטעטל איז געלעגן אין סאַמע דרומדיקן טייל פון מזרח־גאַליציע. אַ 10 קילאָמעטער לאַנגער שאָסיי האָט געפירט פון דאַנען איבער קיטעוו צום גרענעץ־טייך טשערעמאָש און צו דער בוקאָווינער גרענעץ־שטאָט וויזשניץ. אַזוי, אַז נעמען פון די דריי שטעט: קאָסעוו, קיטעוו און וויזשניץ פלעגט מען אַרויסזאָגן בנשימה־אחת. ביז 1918, ד. ה. ביז צום צעפאַלן זיך פון דער עסטרייכיש־אונגאַרישער מאָנאַרכיע, זענען נאַטירלעך קיין שום באַגרענעצונגען אין פאַרקער מיט דער בוקאָווינע נישט געווען. יידן פון קאָסעוו זענען געפאָרן פריי קיין וויזשניץ, קיין טשערנאָוויץ, און די השפּעה פון דער בוקאָווינע מיט איר העכערן לעבנס־שטייגער, קולט פאַר דער מאָנאַרכיע און פאַר דייטש בכלל („טשערנאָוויץ — קליין ווין“) האָט אַ לאַנגע צייט משפּיע געווען אויפן קולטורעלן און גייסטיקן לעבן פון קאָסעוו.

ווען די בוקאָווינע איז געוואָרן רומעניש און שפּעטער סאָוויעטיש, איז די בריק איבערן טשערעמאָש געוואָרן אַ ריכטיקע גרענעץ און צום סוף, ביים ביטערן סוף, איז דאָס וואַסער נישט איין מאָל רויט געווען פון בלוט פון די קאָסעווער, וועלכע האָבן געפּרווט אויפן דאָזיקן וועג צו ראַטעווען זייער לעבן.

אַ צווייטער שאָסיי האָט געפירט איבער ראָזשנאָוו צום שטעטל זאַבלאָטאָוו, אַ 25 קילאָמעטער ווייט, אַ דריטער — איבער פּיסטין, צו דער באַצירקשטאָט קאָלאָמיי, אַ 30 קילאָמעטער.



מפל־מים „הוק״ — שמש, מים ונוף נהדר.
דער „הוק״ — זון, וואַסער און שיינע לאַנדשאַפט.




Pisany kamien w Jaworowie — *,,La pierre'' gravée a Jaworów*

הרי יבורוב, ע״י קוסוב

אָבער דער שענסטער שאָסיי איז געווען דער, וואָס האָט געפירט אין די בערג, אין דער ריכטונג זשאַביע (דאָס גרעסטע דאָרף אין געוועזענעם עסטרייך), וואָראָכטע און ווייטער ביז צו דער אונגאַרישער גרענעץ. באַלד הינטער קאָסעוו האָט דער וועג אָנגעהויבן אַלץ מער שטייגן און געפירט דורך אור־וועלדער און פעלדער גרינע, אַ סך מאָל אונטער אַריבערהענגענדיקע ריזיקע פעלדזן, איבער רוישנדיקע וואַסערלעך, ביז אַ גאָר גרויסער הייך, וווּ עס האָבן זיך געפונען די אַזוי גערופענע „פּאָלאָנינעס“; דאָס זענען ריזיקע פעלדער, וואָס זענען זומער באַדעקט מיט אַזאַ שפע בלומען, אַז זיי זעען אויס ווי דער שענסטער פילפאַרביקסטער טעפּיך; דאָ האָבן געפּאַשעט פון פרילינג ביזן שפּעטן האַרבסט די גרויסע טשערעדעס שאָף און רינדער. דאָ פלעגט זיך הערן דער ווידערקול פון די לאַנגע טרומייטערס, אין וועלכע הוצולן האָבן געבלאָזן. האָט דאָ פלוצעם אָנגעהויבן זיך אַ שטורעם מיט בליצן און דונערן, איז די מענטשלעכע שפּראַך צו שוואַך אויף צו באַשרייבן די שיינקייט און דעם גרויל פון די דאָזיקע נאַטור־דערשיינונגען, עפּעס אַ מין מעשה־בראשית. אָט דאָ אין דעם שיינעם קאַרפּאַטן־ווינקל האָבן געוווינט די הוצולן, אַ פּרעכטיקער שטאָלצער טיפּ פון אוקראַאינישן פּויער, וואָס פלעגט זיך נאָר זעלטן אַראָפּלאָזן אין שטאָט מאַכן קניות און זיך באַלד אומקערן אהיים. דערפאַר פלעגן אַ סך פון זיי פאַרברענגען וואָכן און חדשים אויף די טראַטוועס — צונויפגעבונדענע האָלץ־שטאַמען — פירנדיק זיי פון די טיפענישן פון וועלדער איבערן ווייסן און שוואַרצן טשערעמאָש ביז צום פּרוט און נאָך ווייטער.

אין אָט די בערג און טאָלן, וווּ אַלץ אַרום זינגט שירה דעם בורא און וועקט מחשבות, זאָל זיך האָבן מתבודד געווען דער באַגרינדער פון חסידות, ר׳ ישראל ברבי אליעזר בעל־שם־טוב, איידער ער איז נתגלה־געוואָרן. עס איז געווען אין די דרייסיקער יאָרן פון אַכצנטן יאָרהונדערט, ווען ר׳ ישראל, קומענדיק פון בראָד, האָט דאָ געלעבט גאַנצע 7 יאָר צוזאַמען מיט זיין ווייב, אַ שוועסטער פון ר׳ אברהם גרשון קיטעווער. זייער פרנסה האָבן זיי געצויגן פון גראָבן ליים אין די בערג און פירן עס אויף אַ וועגעלע צו פאַרקויפן אין די נאָענטע ישובים.

אַרום דער אומגעוויינלעכער סודותפולער געשטאַלט פון בעש״ט האָט זיך געוועבט אַ שפע לעגענדעס, וואָס זענען איבערגעגעבן געוואָרן פון דור צו דור. באַרימט איז די לעגענדע פון דאָבאָש און בעש״ט. אין קאָסעוו, אין סאַמע מיטן שטאָט, דערהויבט זיך אַ באַרג, אויף אים אַ הויכער צלם, און אונטער דעם צלם זאָלן זיין באַגראָבן די ביינער פון אָט דעם




Pop Iwan — polonina na stoku *Haut paturage sur le versant du Pop Iwa:*

פסגת „פּופּ איבן“

דאָבאָש, אַ באַרימטן אוקראַאינישן אָנפירער פון באַנדיטן. דאָבאָש, וואָס איז געווען צו שרעק פון דער גאַנצער סביבה, זאָל זיך האָבן באַגעגנט אויף זיין פייערדיקן פערד, מיטן בעש״ט, אין דער צייט פון זיין התבודדות אין די בערג, אויסגעהערט פון אים מוסר־רייד און זאָל אים האָבן זייער געשעצט, אָט דעם ייד „סרולקאָ“, וואָס אין זיינע ווערטער איז געווען אַ מאַכט, וועלכע האָט געשטאַמט פון גאָר אַן אַנדערער וועלט.

אין דאָרף יאסיענאָוו גורני, נישט ווייט פון קאָסעוו, האָבן די פּויערים געוווסט לויט דער מסורה אָנצווייזן אויף אַ הייל, ווו דער בעש״ט פלעגט זיך מתבודד זיין, אַ שטעל אין אַ טייך, ווו ער פלעגט זומער און ווינטער זיך טובל־זיין, און אַ געוויסע לאַנג־לעבנדיקע הוצולישע משפּחה האָט געגלייבט, אַז זיי פאַרדאַנקען זייער אריכת־ימים דער ברכה פון בעש״ט פאַר דער הילף, וואָס זייערע אבות האָבן אים געגעבן. דער דאָזיקער תקופה אין לעבן פון בעש״ט, דער תקופה קאָסעוו—קיטעוו האָט געגעבן אין זיינע באַלאדן אַ פּרעכטיקן דיכטערישן אויסדרוק שמשון מלצר, דער זון פון שטעטל טלוסטע, ווו עס האָט געוויילט דער בעש״ט נאָך קאָסעוו און ווו עס איז געקומען צו קבורה זיין מוטער.




מראה קוסוב מן ההר. במרכז — בית האדמו״רים
קאָסעוו, געזען פון שטאָט־באַרג. אין צענטער — דעם רבינס הויז.

צופוסנס פון אָט די שיינע קאַרפּאַטן־בערג איז געלעגן קאָסעוו אויסגעצויגן אין דער לענג, אריינגעפּרעסט אין אַ שמאָלער פלאַך צווישן באַרג און טייך אויף אַ שטח פון עטלעכע קילאָמעטער. דער בארג האָט געהייסן „גורא־מיעיסקא״, שטאָטבאַרג. דער טייך האָט קיין נאָמען נישט געהאַט, געהייסן סתם „ריקע״, אַמאָל באַצייכנט אויף מאַפּעס אַלס „ריבניצא״ (פון ריבא — פיש), אַ וואַסער אַ קליינס. מ׳האָט געדאַרפט זוכן דערין אַן אָרט, ווו זומער זיך אויסצובאָדן. אָבער וויי, ווען עס האָבן אַמאָל פרילינג די שנייען אין די בערג צו גיך זיך צעטאָפּיעט, איז די נעבעכדיקע ריקע פון אַ גאַנץ יאָר געווען נישט צום דערקענען: גרויס, ווילד, רייסט ברעגעס, פאַרגיסט פעלדער, שלעפּט שטאַלן, הייזער און מאַכט ריזיקע שאָדנס.

אין דער ריקע גיסט זיך אריין אַ קליינער זייטיקער טייך, וואָס טיילט אַזוי אָפּ אַ געוויסן טייל פון דער שטאָט פון דער מערב־זייט וועלכע מען רופט „מאָנאַסטער״.

קאָסעוו אַליין

אויף אַן אָפּהאַנג פון דעם שטאָטבאַרג האָט זיך געפונען דער בית־עלמין, און ער איז אַזוי אַרום געווען אין סאַמע מיטן שטאָט. יעדע לוויה



הנהר „ריבניצה" — דער פּאָפּולערער באַד־פּלאַץ.

פלעגט אָנוואַרפן אַ מרה־שחורה אויף די איינוווינער, און פון ראש־חודש אלול אָן פלעגט מען אין אַ האַלבער שטאָט הערן די יללות פון ווייבער, וואָס האָבן אויף די קברים געבעטן אויף ישועות ונחמות. צווישן צוויי שורות געציילטע הייזער איז מען דורך אַ טויער אריין קודם כל אין דעם טייל, וואָס האָט זיך גערופן הקדש. דאָ האָט געוווינט דער בית־הקברות־ייד, פון דער אַנדערער זייט איז געווען דאָס טהרה־שטיבל. דאָ פלעגט זיך אויך דורכשלאָפן אַן אָרעמאַן, אַ פאַרבלאָנדזשעטער, דאָ איז געווען די מלוכה פון שטאָט־משוגענעם „יעקב", וואָס האָט יאָרנלאַנג דאָ פאַרבראַכט, איינגעוויקלט אין שמאַטעס, טעג און נעכט, האלוציצירנדיק וועגן גאָט, דעם רבין, או"וו. (פריער געווען אַ שניידער, אין דער ערשטער וועלט־מלחמה אַראָפּ פון זינען). אַרויפגעקומען אויפן „פעלד", האָט מען זיך באַלד אָנגעשטויסן אין „אהל", ווו עס איז געקומען צו קבורה טייל פון דער קאָסעווער רבישער דינאַסטיע. אין „אהל" האָבן יידן געצונדן

ליכט, און דאָס אָרט איז געווען פאַרשיט מיט „קוויטלעך“, אָנגעשריבענע מיט ציטערדיקע הענט פון יידן, וואָס האָבן געדאַרפט האָבן ישועות. ס׳רוב מצבות אויף דעם בערגל האָבן קיין לאַנגן קיום נישט געהאַט, זענען פאַמעלעך וואָס אַ מאָל מער איינגעזונקען, און זייער אַ סך אין גאַנצן אין דער ערד פאַרשווונדן. שולדיק זענען געווען אין דעם — פון איין זייט דער שיפער, ווייכער, ליימיקער באָדן, פון דער אַנדערער זייט דאָס ווייניק אַכטונג געבן אויף די קברים. דערפאַר געפינען מיר דאָ נישט די עלטסטע מצבות, וואָס וואָלטן געקאָנט עדות זאָגן וועגן דעם עלטער פון יידישן ישוב. עס האָבן זיך דערהאַלטן בלויז שרידים פון מצבות פון אָנהייב פאָריקן יאָרהונדערט.

ווי שוין געזאָגט, איז דאָס שטעטל באַשטאַנען בעיקר פון צוויי לאַנג־אויסגעצויגענע שורות הייזער אויף איין זייט ריקע, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן ביי דער א. ג. „האָראָדער בריק“ און געענדיקט ביי דער „מלינובקע“ אויפן וועג קיין קיטעוו. אין דער מיט שטאָט איז געווען דער „רינעק“ מיטן מאַגיסטראַט, הויפּטמאַנשאַפט, שול־געביידע און זיי אַנטקעגן — דאָס שטאָלצע שטאָקיקע הויז פון רבין. אויף דעם „רינעק“ און אַלע זיינע נעבן־גאַסן זענען געווען די מיינסטע געוועלבן, בודקעס, טישלעך, ווו מען האָט געקאָנט באַקומען פון כל־טוב, אָנגעהויבן פון



ב״ת־העלמין הישן. (צלמו: מ. סופר, ד. קרמר).

שפייז־אַרטיקלען מכל־המינים, פּאָסטעלעס און זאַפּאַסקעס פאַר גוים, ביז אַן עלעגאַנטן שוך און הוט פאַר אַן אונדזעריקן.

אויף אַ פלאַכן שטח, הינטער די הייזער און ביז צו דער ריקע, אויפן א. ג. „זארינעק", איז געווען דאָס אָרט פון די ירידים, וועכנטלעכע און יערלעכע, אין וועלכע ס'האָבן זיך באַטייליקט אַ סך טויזנטער מענטשן פון דער סביבה.

אויפן „זאַרינעק", ווי אויך אויף דעם קלייניקן שטח באָדן „אונטערן באַרג", אונטערן באַרג ממש, ווייל נאָך רעגנס פלעגן פאַלן שטיינער פון באַרג דירעקט אויף טייל דעכער פון די קליינע הייזלעך, האָט געוווינט די דלת־העם, אָרעמע, מיט אַ סך קינדער געבענטשטע, משפחות פון טרעגערס, באַלמעלאָכעס און אויך פון בכבודיקע מלמדים, וואָס זייערע חדרים זענען געווען אַ שם־דבר.

נישט ווייט פון „רינעק" האָט זיך דערהויבן די גרויסע שול, דער שטאָלץ פון אַלע אונדזערע קאָסעווער שולן. אריינגעקומען אין שול, ביסטו געוואָרן פאַרכאַפּט פון איר אימפּאָנירנדיקער הויך, פון די שיינע פאַרביקע וויטראַזשן אין די פענצטער, און פאַר אַלץ — פון דעם פּרעכטיקן „אָרון־קודש". און אָט אַ קורצע באַשרייבונג וועגן אים לויט רשימות פון ד"ר יוסף מאיר ז"ל, און דערגענצט פון א. צ. שטיין (איבערזעצט פון עברית־טייל פון אונדזער ספר):

„דער אָרון־קודש האָט אריינגעבראַכט אין שטוינען מיט זיינע קונסטפולע האָלץ־שניצערייען, וועלכע האָבן פאַרנומען אַ האַלבע וואַנט אין דער ברייט ביז צום סופיט אַרויף. אין דער הייך אויבן־אָן זענען געווען אויסגעשניצט צוויי כרובים מיט אויסגעשפּרייטע פליגלען און אין דער מיט צוויי לייבן, וואָס טראָגן די לוחות־הברית מיטן כתר־תורה. איןביידע ווינקלען אויבן האָט מען געזען אויסגעשניצט צוויי וואַזעס מיט מירטן־בלעטער (הדס) און אין ביידע זייטן פון אויבן ביז אַראָפּ צו 6 סימבאָלן פון די שבטים, — דאָס גאַנצע אריינגעפּאַסט צווישן צוויי זיילן, וואָס האָבן זיך געפונען אין ביידע זייטן און אויסגעזען ווי צונויפגעראָלטע ספרי־תורה. פאַרן ארון־קודש איז געווען אַ שמאָלע געקראַטעוועטע גאַלעריע, צו וועלכער מען איז צוגעקומען דורך אַן אייזערנעם שער מיט צוויי טירן און עטלעכע טרעפּן, אויך זיי מיט אַ פאַרקראַטעוועטער ראַמפּע".

צו דער גרויסער שול זענען געווען צוגעטוליעט דאָס „שטאָט־בית־המדרש", ווו עס האָט זיך שבת און וואָך געטומלט פון מנינים מתפּללים,

און דאָס קליינע „שניידערישע שולעכל" ווו עס האָבן געדאַווענט די שניידערס.

אַ ביסל ווייטער, אויך נאָך ווי אונטערן שוץ פון דער „גרויסער שול", זענען געווען נאָך דריי בתי־תפילה, די „קאָסעווער שול", „וויזשניצער שול" און דער „סומאר". אין קעגנזאַץ צו דער „גרויסער שול", האָבן אָט די זיך אַרכיטעקטאָניש מיט גאָרנישט באַזונדערס אויסגעצייכנט, אָבער יעדע האָט געהאַט איר כאַראַקטער, איר ספּעציפישן ציבור, וועלכער איז איר דור נאָך דור פאַרבליבן טריי און געווען צו איר צוגעבונדן. די נעמען פון די דריי שולן זענען דוקא נישט אידענטיש מיט חסידות און מיט צוגעהערן צו אַ געוויסן "הויף". די „קאָסעווער" זענען נישט געווען באַקאַנט אַלס חסידים פון קאָסעווער הויף, און ר׳ משה קאמיל, איינער פון די גרינדער פון דער „קאָסעווער שול", איז געווען אַ דעקלאַרירטער מתנגד. אויך אין דער „וויזשניצער שול" האָבן זיך נישט קאָנצענטרירט די וויזשניצער חסידים (מיט שמעון מאיר, זרח ערליך, משה ריגלער, א. אנ. אין דער שפּיץ), נאָר דוקא אין „סומאר" ווו אַלץ — תפילות, ניגונים, מנהגים זענען געווען על טהרת נוסח־וויזשניץ.

נאָך דריי בתי־תפילה האָבן זיך געפונען נאָענט צום „זארינעק", דאָס זענען געווען די קליינע צוויי שולעכלעך, דאָס „קאַלאָמייער", דאָס „טאלמעטשער" און דער גרויסער „סאלאש", אַ ריזיקער, קיינמאָל נישט פאַרענדיקטער בנין, וואָס אַ חוץ אין די ימים־נוראים, איז ער געשטאַנען אַ גאַנץ יאָר ליידיק און פאַרמאַכט. דערפאַר אין די הייליקע טעג, ווען דער רבי אַליין האָט געדאַווענט פאַרן עמוד, האָט דער ריזיקער חלל פון „סאלאש" געראַשט פון די טויזנטער מתפללים, קאָסעווער און צוגערייזטע. אַ גאַנץ יאָר האָבן די חסידים געדאַווענט אין „רבינס בית המדרש", וואָס האָט זיך געפונען אין רבינס הויז אין צענטער.

אַ קליין אָבער אינטערעסאַנט בית־תפילה איז געווען דאָס „מאָנאַס־טערסקער" הילצערנע שולעכל.

כדי צו ענדיקן מיט דער ריי לאָקאַלע זאַכן, וואָס זענען אינטערע־סאַנט מחמת דער אָדער יענער סיבה, וויל איך דאָ נאָך קורץ דערמאָנען די „סאַלינע", (זאַלצגרובן), אַ ספּעציעלער שטח פון וועלכן מען באַקומט אַרויס זאַלץ און ווו ס׳געפינען זיך וווינונגען פאַר פאַרשידענע פּוילישע נאַטשאַלסטווע, און דעם נאָך מער ספּעציעלן „זאַקלאַד ד"ר טאַרנאַווּ־סקיעגאָ" — אַ שיינע, גרויסע נאַטור־הייל־אַנשטאַלט לויטן מוסטער פון „ווייסן הירש" אין דרעזדן. אַהער פלעגט זומער קומען די פּוילישע

„שמעטענע" פון די גרויסע שטעט, כדי איבערצולאָזן די איבעריקע קילאָס פלייש דורך דיעטע, אַרבעט, גימנאַסטיק און אַזוי ווייטער. דער באַזיצער און לייטער פון דער אַנשטאַלט, ד"ר טאַרנאַווסקי, האָט שוין פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה נישט אריינגעלאָזט קיין יידן צו זיך און בכלל שטאַרק פיינט געהאַט יידן.

אַ דאַנק איר שיינער לאַגע, אירע קלימאַטישע באַדינגונגען — דער דרומדיקסטער און וואַרעמסטער טייל פון פוילן — דער שפּע פון בעסטן אויבסט האָט קאָסעוו וואָס אַ מאָל מער זיך אַנטוויקלט ווי אַ קוראָרט, און איר צאָל פּענסיאָנאַטן איז געשטיגן פון יאָר צו יאָר. די מיינסטע האָבן זיך געפונען אַרום קאָסעוו, אין האַראַד, מאָסקאַלובקא א. א. און זענען געווען מייסט אין גוישע הענט.

✶

וואָס ווייסן מיר וועגן דעם אַמאָליקן קאָסעוו? וועגן וויכטיקע לאָקאַלע געשעענישן, וואָס האָבן זיך אין אים אָפּגעשפּילט? עס איז דאָך אַ ישוב, וואָס איז לכל־הדעות אַלט עטלעכע הונדערט יאָר!

עס האָבן נישט געפעלט קיין שריפות. אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק האָט געברענט, אַ מאָל נישט ווילנדיק און אַ מאָל — אפשר ווילנדיק. גאָר גרויסע באַרימטע שריפות זענען געווען אין יאָר 1866 און 1895, ווען די מיינסטע הייזער זענען אַוועק מיטן רויך. קראַנקהייטן האָבן אויך נישט געפעלט; קיין וואונדער נישט, ביי די פּרימיטיווסטע סאַניטאַרע און היגיענישע באַדינגונגען פון יענע יאָרן. באַרימט איז די כאָלערע־מגיפה פון יאָר 1894, וואָס האָט איינגעשלונגען אַ סך קרבנות. מענטשן האָבן אפילו דעזינפיצירט זייערע קישקעס דורך טרינקען בראָנפן, מוזיקאַנטן האָבן געהויבן די שטימונג מיט שפּילן אין די גאַסן (אַ רמז אויף פּסיכאָטעראַפּיע...), אויך אַנדערע ענלעכע מיטלען זענען אָנגעווענדעט געוואָרן, אָבער אַלע צוזאַמען זענען אַלץ צו שוואַך געווען אַקעגן דעם מעכטיקן באַציל פון כאָלערע.

אנשי־שם אין קאָסעוו

אויב מיר ווילן אָנרופן אנשי־שם פון יענע פריערע צייטן אין קאָסעוו, זענען עס די רבנים און צדיקים, פאַר אַלעמען פון בעש"טס צוויי תלמידים:

1) ר' נחמן קאָסעווער. אַ גדול בתורה, וועגן וועלכן מיר ווייסן ליידער מער גאָרנישט. אַ לעגענדע דערציילט, אַז זיינע ביינער ליגן אויף אַ בערגל מיטן נאָמען „מיכאלקאָ" נאָענט צו קאָסעוו. די מלמדים

פלעגן אין ל״ג בעומר פירן זייערע תלמידים צו „ר׳ נחמנציס הייל״. אָבער זיכערע פאַקטן איבער דעם אָרט פון זיין קבר זענען נישט פאַראַנען.

2) ר׳ ברוך קאָסעווער. אַ גרויסער למדן, וועגן וועלכן עס ווערט דערציילט („ספר החסידות״ — יצחק ווערפל), אַז ער האָט זיך אַ סך פאַרנומען מיט קבלה און איז געווען אַ גרויסער בעל־מופת. אין זיינע ספרים, „יסוד האמונה״ און „עמוד עבודה״, ברענגט ער תורות פון בעש״ט, דעם מגיד פון מעזריטש א. א. ער איז נפטר געוואָרן אין יאָר תקמ״ב.

נאָך פרטים וועגן די צוויי רבנים — אין אַרטיקל פון הרב בלאָך אין דעם ספר.

גענויערע ידיעות האָבן מיר שוין וועגן יענע רבנים און צדיקים, וואָס געהערן צו דער „שושלת קוסוב־וויזשניץ״, דער צדיקים־דינאַסטיע האגער, וועלכע איז באַשטאַנען 150 יאָר, פון יאָר תק״ן ביז יאָר תש״ג און וואָס איר פאָטער און באַגרינדער איז געווען אַ בן־דור פון בעש״ט. ידיעות וועגן דער דאָזיקער משפחה, נישט אין קיין צו גרויסער מאָס, זענען צעזייט איבער פאַרשידענע ספרים און חיבורים, און עס איז אַ גרויס פאַרדינסט פונעם מחבר יצחק אלפסי, וואָס האָט מיט אַ סך מי און איבערגעגעבנקייט צונויפגעזאַמלט דאָס פאַראַנענע און אַרויסגעגעבן אַ שיין און אינטערעסאַנט ספר געווידמעט דעם „בית קוסוב־וויזשניץ״ — „תפארת שבמלכות״ (הוצאת „אריאל״ תשכ״א).

דער באַגרינדער פון דער דינאַסטיע איז געווען ר׳ יעקב קאָפּל, שפּעטער גערופן ר׳ קאָפּל חסיד, פון קאָלאָמיי — אַן אייניקל פון ר׳ יעקב קאָפּל קאמיאל פון די מגורשי־אשכנז און האָט אָפּגעשטאַמט פון רבנו עובדיה מברטנורא, דעם באַקאַנטן מפרש המשנה, וועלכער האָט אין אָנהייב 17־טן יאָרהונדערט זיך באַזעצט אין ארץ־ישראל און איז דאָרט, לויט איין מקור, געוואָרן ראש רבני־ירושלים. עס ווערט דערציילט:

„ווען דער בעש״ט איז געווען אין דער שטאָט קאָלאָמיי, האָט ער אין איינעם אַ פרייטיק־צונאַכטס דערפילט עפּעס אַן „אור גדול״ אין שטאָט. אָפּגעמאַכט קידוש, איז ער פאַרן וואַשן זיך צום עסן אַרויס זוכן דאָס „גרויסע ליכט״. געזוכט און געזוכט, ביז ער איז צוגעקומען צו אַ באַשיידן הייזל און האָט דערזען דורכן פענצטער, ווי דער טיש איז שבתדיק געדעקט צו דער סעודה, און דער בעל הבית — דאָס איז געווען ר׳ יעקב קאָפּל — זינגט און טאַנצט מיט גרויס דבקות. דער בעש״ט האָט געוואַרט גאַנצע צוויי שעה ביז ר׳ קאָפּל האָט אויפגעהערט טאַנצן. פון דעמאָלט האָבן זיי זיך איינער צום צווייטן מתקשר־געווען מיט גרויס פריינטשאַפט,

און ר׳ קאָפּל, וועלכן מען האָט אָנגעהויבן רופן ר׳ קאָפּל חסיד, איז געוואָרן ביים בעש״ט זיין שטענדיקער בעל־תפילה און באַגלייטער. ער האָט געהאַט אַ זיס קול, און לויט חסידישער טראַדיציע, זענען זיינע ניגונים שפּעטער געזונגען געוואָרן אַלע יאָרן אין קאָסעוו און וויזשניץ. די ניגונים זענען אין משך פון דער צייט אויך באַאיינפלוסט געוואָרן פון די מעלאָדיעס פון דער סביבה און באַזונדערס פון דעם האַרציקן „וואָלאַך״־מאָטיוו, אין וועלכן עס מישן זיך טענער פון טרויער און פריילעכקייט. דאָס האָט צוגעטראָפן דעם וועזן פון חסידות, וואָס איז געווען פאַר מבטל־מאַכן די תחומים צווישן צער און שמחה (מ. ש. גשורי — „נגוני בית קוסוב־וויזשניץ״).

ר׳ קאָפּל חסיד, אַ גרויסער צדיק, האָט קיין רבישן הויף נישט געפירט און איז אויך נאָך דער פּטירה פון בעש״ט געבליבן אַ נסתר. האָט זיך מפרנס־געווען פון אַ קליין געוועלבל, וואָס עס האָט געפירט זיין ווייב, חיה בת ר׳ זלמן. ר׳ קאָפּל איז נפטר געוואָרן אין טיסמעניץ אין יאָר תקמ״ז (1787) און דאָרט געקומען צו קבורה.

✶

זייער זון ר׳ מנחם מענדל, דערנאָך גערופן ר׳ מענדעלע קאָסעווער, איז געווען באַשטימט צו זיין דער אבי־השושלת, דער ערשטער פון „מלכות קוסוב״. האָט געהאַט אַ שאַרפן מוח און איז געווען זייער פּעאיק. ער איז געבוירן אין קאָלאָמיי און פרי געבליבן אַ יתום פוןביידע עלטערן. האָט חתונה־געהאַט מיט דער טאָכטער פון זיין פעטער ר׳ שמואל שמחה זימל פון קאָסעוו, איז צוליב פּרנסה אַוועק קיין טיסמעניץ, אויך דאָרט נישט געהאַט געענוג אויף חיונה און צוריק זיך אומגעקערט קיין קאָלאָמיי. איז נאָך עטלעכע יאָר, צוליב די זעלבע סיבות, צוריק געקומען קיין קאָסעוו, פון וואַנען עס האָט געשטאַמט זיין ווייב און ווו ער האָט געוווינט נאָך דער חתונה.

ר׳ מענדעלע איז געווען דערצויגן אין דרכי־חסידות לויטן בעש״ט אליין, האָט זיך אָבער נישט באַגנוגנט דערמיט און איז געפאָרן צו אַנדערע גדולי־הדור, כדי צו פאַרטיפן זיין וויסן און זיין חסידות. קודם, — צו ר׳ אלימלך פון ליזשיינסק, דעם תלמיד פון מעזריטשער מגיד, וואָס זיין ספר „נועם אלימלך״ איז געוואָרן אַ ספר־קדוש; שפּעטער צום נאַדוואָרנער רבין, ר׳ צבי הירש, איינעם פון די באַדייטנדסטע אדמו״רים פון דור, וועלכער האָט אים זייער מקרב געווען. מען דערציילט, אַז ר׳ צבי הירש האָט אים געהייסן שלאָפן אין אַ חדר לעבן זיינעם, און יעדע

נאַכט, בחצות הלילה, האָט ער מיט ר׳ מענדעלען געלערנט תורת־הנסתר, תקון־נשמות און אים איבערגעגעבן וווּנדערלעכע סודות.

ר׳ מענדעלע האָט לאַנג נישט געוואָלט אָנטאָן די קרוין פון אדמו״ר, טענהנדיק: „אמת קנה ואל תמכור״, כל זמן דו קאָנסט נאָך קויפן, וואַרט מיטן פאַרקויפן. אָבער אַרום תקס״ה, ווען פון אַלע זייטן זענען געקומען אַלץ מער מענטשן פרעגן ביי אים עצות, הערן תורה, געניסן פון זיינע שיינע תפילות, האָט זיך אָנגעהויבן דאָס „מלכות״ אין קאָסעוו שוין אָפן און פריי.

ר׳ מענדעלע איז געווען באַרימט מיט זיין אהבת־ישראל, אהבת־הבריות — דער צער פון יעדן ייד איז געווען זיין אייגענער צער — און באַקאַנט מיט זיין פאַרשווענדערישקייט אין געבן צדקה ביז נישט איבער־צולאָזן זיך אַ פּרוטה אין שטוב.

אויף זיין גרויסקייט ווייזן די אויסשפּרוכן פון מעזריטשער מגיד, אז: „אַזאַ נשמה איז נישט געווען זייט די נביאים״, און פון דעם חוזה פון לובלין, אַז: „ר׳ מענדעלע איז בבחינת מלך״.

ר׳ מענדעלע איז נפטר געוואָרן אין תקפ״ו, און אויף זיין קבר אין קאָסעוו האָט מען אויפגעבויט דעם „אהל״.

זיין ספר „אהבת שלום״ איז געדרוקט געוואָרן אין עטלעכע אויפלאַגעס, און עס האָט אויך זוכה געווען אַז אַ גאַס אין ארץ ישראל אין בני ברק, איז אָנגערופן געוואָרן „אהבת שלום״.

ר׳ מנחם מענדלס עלטסטער זון, ר׳ ח י י מ׳ ל איז געבוירן געוואָרן אין תקנ״ה און האָט זיך אַרויסגעוויזן פון די יונגסטע יאָרן אָן פאַר זייער באַגאַבט. ער האָט חתונה־געהאַט מיט דער טאָכטער פון שפּעטיווקער רב, ר׳ יהודה מאיר שפּירא, אַ זון פון באַרימטן ר׳ פּנחס פון קאָריץ. צפורה, זיין ווייב, איז געווען אַזאַ מושלמת במידות טובות, אַז דער ריזשינער האָט אויף איר געזאָגט: „זי איז אַ צדקת וואָס אירס גלייכן איז אין דער וועלט נישטאָ״. אין אָנפאַנג איז ר׳ חיימל געזעסן ביי זיין שווער אין שפּעטיווקע על התורה ועל העבודה און, ווי זיין פאָטער, געפאָרן צו די צדיקים, גדולי־הדור. אומעטום האָט מען אים אויפגענומען מיט התלהבות. דער „אוהב ישראל״ פון אפּטע האָט אים אָנגערופן „צדיק בן צדיק, מלך בן מלך״. שפּעטער האָט ר׳ חיים׳ל זיך אומגעקערט קיין קאָסעוו, צו זיין פאָטער, וואָס האָט אים אויסגעהאַלטן און אָנגעפילט מיט תורה און קדושה.

נאָכן טויט פון ר׳ מנחם מענדל, אין יאָר תקפ״ו, האָבן זיינע חסידים

געקרוינט ר׳ חיים׳לען, דעם בכור, צום אדמו״ר פון קאָסעוו. ר׳ חיים׳ל האָט זיך אויסגעצייכנט, ווי זיין פאָטער, מיט די מידות פון אהבת־ישראל און געבן צדקה ברחבה, האָט ליב געהאַט דעם אמת און געקעמפט קעגן שנאת־חנם, איז געווען אַ גדול־בתורה, און נישט קיין קלענערער ווי ר׳ ישראל ריזשינער פלעגט זיך מיט אים באַראָטן אין אַ סך זאַכן, האָט אים אויך אַמאָל באַזוכט אין קאָסעוו.

ר׳ חיים׳ל איז נפטר געוואָרן אין קאָסעוו כ״ה אייר תרי״ד.

זיין ספר „תורת־חיים" איז איבערגעדרוקט געוואָרן עטלעכע מאָל, דאָס לעצטע מאָל אין ניו־יאָרק ערשט מיט 12 יאָר צוריק.

ר׳ חיים׳לס ממלא־מקום איז געווען זיין בכור, ר׳ י ע ק ב ש מ ש ו ן, געבוירן אין תקע״ד אָדער תקע״ה. געווען אַ גרויסער צדיק. עטלעכע יאָר פאַר דער פטירה האָט ער אויף זיך גוזר־געווען צו שווייגן, און נישט גערעדט מיט קיינעם, אויך נישט מיט די בני־בית. ווען עס האָט אים אַ מאָל געפרעגט זיין יונגערער ברודער, דער צדיק פון וויזשניץ, דעם פירוש פון זיין שווייגן, האָט ער אים צוגעפירט צום פענצטער און מיטן פינגער אָנגעוויזן דאָס בית־הקברות...

ער איז נפטר געוואָרן אין תר״ם.

זיין ווייב, די רבנית חוה איז געווען די טאָכטער פון ר׳ יעקב יוסף פון אָסטרע.

זיין איינציקער זון, ר׳ מ ש ה׳ ל ע איז געבוירן געוואָרן אין תרי״ט אין קאָסעוו. צו 23 יאָר איז ער געוואָרן דער אדמו״ר פון קאָסעוו. גלייכצייטיק איז ער אויך געווען רב פון דער שטאָט און דער סביבה, האָט אָבער אַליין די פונקציעס פון רב נישט דערפילט. דאָס האָט געטאָן אַ דיין. האָט אימפּאָנירט מיט זיין הייך (איבער צוויי מעטער!) און הדרת־פנים, געהאַט אַ פּראַקטישן שכל, איז געווען אַ גרויסער עושר, אַ באַזיצער פון הייזער און פעלדער. ער האָט זיך אויך אָפּגעגעבן מיט עניני־ציבור, אָבער אין פּאָליטישע זאַכן געהאַנדלט שטענדיק לויט די אָפיציעלע ווונטשן פון דער רעגירונג. דאַדורך איז ער אָפט געקומען אין קאָנפליקט מיט די אויפוואַכנדיקע נאַציאָנאַלע שטרעמונגען אויף דער יידישער גאַס.

ער איז געווען אַ בעל־מנגן און, ווי זיין פאָטער, זיידע און עלטער־זיידע, באַקאַנט פון זיינע ניגונים צו פאַרשידענע תפילות. די רביצין איז געווען די טאָכטער פון בראָדער רב, ר׳ אברהם מנחם שטיינבערג. ר׳ משה׳לע איז נפטר געוואָרן ו׳ תמוז תרפ״ה, בשעת ער האָט זיך געפונען אויף קוראַציע אין אויסלאַנד. איז מיט דער באַן געבראַכט געוואָרן קיין

קאַלאָמיי, און ווען דער אָפענער לאַסט־אויטאָ מיטן אָרון און די ברענענדיקע ליכט האָט זיך פאַמעלעך באַוועגט אויפן שאָסיי פון קאַלאָמיי קיין קאָסעוו, זענען אַלע וועגן שוואַרץ געווען פון מענטשן, חסידים און נישט־חסידים, פון נאָענט און ווייט, שוין אָפגערעדט פון דעם בית־עלמין אין קאָסעוו, ווו דאָס געדראַנג איז געווען פשוט סכנת נפשות.

ר׳ משה׳לע האָט מחבר געווען אַ ספר „לקט עני" (אין וועלכן ער שרייבט איבער זיך: „כי כעני המלקט הנני במה שזכתה לי התורה, כמלוא הסל ואורה") ווי אויך „אזור האמונה" און „ספר הצוואה".

ר׳ חיים׳ל, ר׳ משה׳לעס זון, איז געווען, ווי זיין פאָטער, הויך און שיין, מיט אַ גאָר איידעלן קלסתר־פנים. ער האָט זיך דערצויגן ביי זיין זיידן אין בראָד און ביי זיין פאָטער. איז געווען אַ גדול בתורה און האָט אין יאָר תרפ״ה איבערגענומען דאָס רבנות. איז, ווי זיין פאָטער, געווען רב אין שטאָט און האָט זיך אויך אָפגעגעבן מיט שטאָטישע ענינים.

אין יאָר תרצ״ה האָט ער באַזוכט ארץ ישראל און, האָבנדיק די כוונה זיך דאָרט צו באַזעצן, שוין געהאַלטן ביים אָפשליסן אַ גרעסערע אינוועסטיציע, אָבער אין דער לעצטער מינוט האָבן אים חסידים דערפון אָפּגעהאַלטן. ווען ער האָט דערנאָך דערזען דעם פעלער, איז ליידער געווען שוין צו שפּעט!

שרעקלעך איז געווען דער סוף פון די לעצטע פון דער שיינער שושלת־קאָסעוו. דער רבי ר׳ חיים׳ל איז פון קאַלאָמייער געטאָ פאַרנומען געוואָרן דורך די נאַצישע מערדער אין אַ טראַנספּאָרט, וואָס איז געגאַנגען צו די גאַז־קאַמערן פון בעלזשיץ און, געפינענדיק זיך אין דעם איבערפול געפּאַקטן און פאַרמאַכטן באַן־וואַגאָן אָן לופט און אָן וואַסער, איז ער אין דער געגנט פון לעמבערג אויסגעגאַנגען פון דערשטיקונג. ער האָט אויסגעהויכט זיין הייליקע נשמה א׳ בחשון תש״ג, דעם 12 אָקטאָבער 1942. דאָ איז אויך אומגעקומען זיין זון אלתר׳ל. אין דעם זעלבן יאָר זענען די רביצין און זייער טאָכטער חוה דערשאָסן געוואָרן בעת אַן אַקציע אין קאַלאָמיי. הי״ד.

אַלס צוגאָב צום פרק רביים און חסידים וויל איך נאָך — דרך אגב — דערציילן פאָלגנדעס.

אין צפת (ישראל) געפינט זיך אַ שול מיטן נאָמען „בית־כנסת קוסוב". זי שטייט נאָענט צום בית־הכנסת פונעם אר״י הקדוש. ווי עס שרייבט אונדז דער אויפזעער פון דער שול, ר׳ דוד קורן אין צפת, איז די שול געגרינדעט געוואָרן אַרום יאָר 1847 דורך חסידים פון קאָסעוו, וואָס זענען

עולה געווען קיין ארץ־ישראל. ער דערציילט אויך, אַז פֿאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט דער קאָסעוווער רבי געוווילט אין צפֿת און איז געווען דער אורח פֿון זיין זיידן, אַ קאָסעוווער חסיד.

דאָס קהילה־לעבן אין קאָסעוו

וועגן קאָסעוו ביזן סוף אַכצנטן יאָרהונדערט, ד. ה. ווען גאַליציע איז געוואָרן עסטרייכיש (נאָך דער צעטיילונג פֿון פּוילן אין יאָר 1772), ווייסן מיר קיין פּרטים נישט. לויט דעם היסטאָריקער ד״ר נ. מ. געלבער זענען דעמאָלט געווען אין סטאַניסלאַווער קרייז, מיט בערך 17000 יידן, 11 יידישע קהילות, דערונטער קאָסעוו און קיטעוו. פּרנסים פֿון די איינציקע קהילות האָבן רעפּרעזענטירט זייערע קהילות פֿאַר דער מאַכט. דער פּרנס, וואָס פֿלעגט באַקומען זיינע באַפֿעלן פֿון דער קרייז־מאַכט, האָט געפֿירט דאָס מאַטריקל, איינגעקאַסירט שטייערן, געדאַרפֿט זאָרגן פֿאַר די אָרעמע, אָבער דאָס וויכטיקסטע — שטעלן רעקרוטן צום מיליטער. דאָ פֿלעגט ער זיך שטענדיק אָנשטויסן אויף אַ פֿאַרצווייפֿלטן ווידערשטאַנד מצד די יידן, וואָס האָבן זיך גאָרנישט געאיילט גיין צום מיליטער אויף אַ קימאַ־לן פֿון 25 יאָר, וווּ זיי האָבן געהאַט אויסצושטיין אַנטיסעמיטישע שיקאַנעס, געמוזט עסן טרפֿות א. א.

די קהילה איז דורות־לאַנג געווען אַ פֿעסטונג פֿון די פֿרומע קרייזן, חסידים און סתם „רבינ׳ס מענטשן״, וואָס האָבן געקאָנט יעדעס מאָל ווידער און ווידער געוווילט ווערן אַ דאַנק דער ווייטסטער הילף פֿון די רעגירנדיקע קרייזן, וועלכע האָבן אין דער קהילה געהאַט אַ ווילינק וועקצייג פֿאַר זייערע אַלגעמיינע און לאָקאַלע פּאָליטישע צוועקן.

די קהילה פֿלעגט ציען אירע הכנסות, וואָס זענען געווען גאָרנישט קיין קליינע, פֿון שחיטה־אָפּצאָל פֿון בהמות און עופֿות, פֿון אָפּצאָלן פֿאַר פֿאַרשידענע רעגיסטראַציעס, פֿאַר קבורה. די לעצטע פֿלעגן נישט איינמאָל זיין זייער הויך, ווען מען האָט געדאַרפֿט קובר־זיין עפּעס אַ „פֿעטן״ מת. דערפֿאַר פֿלעגט די קהילה אויסהאַלטן דעם דיין, די באַאַמטע און דעם גרויסן שטאַב פֿון משגיחים אויף כשרות און די שוחטים; אָפֿט פֿלעגט זיך אַרום די דאָזיקע פּאָסטנס פֿלעכטן אַ נעץ פֿון סכסוכים און אינטריגעס פֿון די קאָנקורענטן.

פרנסות

פון וואָס האָבן יידן אין יענע יאָר געלעבט?

איינע פון די הויפּט־פּרנסות איז געווען שענקערײַ. אין שטאָט און אין דאָרף האָט עס געווימלט פון יידישע שענקער. מען האָט זיך פאַרנומען צומיינסט מיט האַנדל מיט תבואה, בהמות און כל מיני קליינ־האַנדל, הויזירן איבער דערפער, פּאַכטן אויבסט־סעדער און מיט מלאכה, באַזונדערס שניידערײַ. דאָס איז געווען אַ יידיש פאַך און שטאַרק פאַרשפּרייט; אפשר לאָזט זיך דערמיט דערקלערן, פאַר וואָס עס איז אין קאָסעוו געווען דוקא אַ שניידעריש שולעכל. אַ חוץ דעם זענען יידן געווען שוסטער, בלעכער, גלעזער, גערבער, וועבער א. א.

אַלע פאַכן זענען געווען אָרגאַניזירט אין צעכן, און יעדער צעך האָט געהאַט זיין באַזונדערן אַפּצייכן, וועלכן מען האָט געמוזט טראָגן צוגעניית צום ראָק.

אַ חוץ דער דאָזיקער אינעווייניקסטער דיפערענציאַציע איז אויך געווען אַ דרויסנדיקע, נעמלעך, צווישן דעם עולם באַלמעלאָכעס און צווישן דעם עולם קליין־בירגער, וואָס האָט אַרומגענומען די קליינע באַלעבאַטעמלעך, סוחרים, ווי אויך יידן וויל־לערנער, יודעי־ספר, כלי־קודש. דער דאָזיקער צווייטער ציבור האָט שטרענג אָפּגעהיט די דיסטאַנץ צווישן זיך און דעם פּראָסטן „עמך" באַלמעלאָכעס.

אַלע אויבן־דערמאָנטע פּרנסות האָבן קיין גרויסע ברכות נישט געבראַכט, און דער אַלגעמיינער עקאָנאָמישער צושטאַנד פון די יידן איז געווען גאָר אַ נידעריקער. נישט האָבנדיק קיין ציפערן פון קאָסעוו גופא, איז כדאי דאָ צו ברענגען וואָס עס שרייבט ד"ר יעקב שאצקי אין זיין בוך „יידן אין גאַליציע", אַז אין קרייז סטאַניסלאַוואָוו האָבן אין יענע יאָרן 50 פּראָצענט גענומען מעות־חטים און אַז אין נאָענטן קאָלאָמיי זענען אויף 14000 נפשות געווען בלויז 100 פאַרמעגלעכע. לויט דעם זעלבן מחבר זענען שפּעטער געקומען געוויסע ענדערונגען. אין יאָר 1874, נאָכן אָפּשאַפן דעם פאַרבאָט צו קויפן און פּאַכטן ערד, זאָלן זיך האָבן געפונען אין גאַליציע אַרום 300 יידישע גוט־באַזיצער און גוט־פּאַכטער. עס איז אָנצונעמען, אַז דעמאָלט איז אויך דער אָנהויב פון גוט־באַזיץ ביי טייל פון אונדזערע קאָסעווער משפּחות, ווי יעגערמאַן, קעס און אפשר נאָך אַנדערע. אגב, די יידישע גוט־באַזיצער און פּאַכטערס פלעגן זיך באַנוצן

מיט גויישע אַרבעטער ווי ביליקערע, אַזוי, אַז פאַרן כלל ידישע אַרבעטער האָט דאָס ידישע גוט־באַזיצעריי און פאַכטעריי קיין נוצן נישט געבראַכט.

דער ידישער דלות האָט געבליט. וואָס עס האָט נ י ש ט געפעלט קיין מאָל, דאָס זענען געווען כל־מיני שטייערן, ווי ליכט־שטייער, פליישׂ־שטייער א. א.

כלל־פּאָליטיק אין קאָסעוו

מיר ווייסן נישט פון קיין וויכטיקע כלל־פּאָליטישע געשעענישן אין קאָסעוו אין דער צווייטער העלפט פון פאַריקן יאָרהונדערט. פון קאָלאָמיי איז אין יאָר 1873 צום ערשטן מאָל געוויילט געוואָרן אַ ידישער דעפּוטאַט קיין ווין. קאָסעוו האָט ערשט שפּעטער געהאַט אַ געלעגנהייט צו באַווייזן זיין פּאָליטישן באַוווסטזיין. דאָס איז געשען נאָך דעם ווי אויף דעם אַלגעמיינעם עסטרייכישן צוזאַמענפאָר פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין יאָר תרס״ו אין קראָקע, אין וועלכן עס האָבן אויך גענומען אָנטייל פון קאָסעוו דוד עלטיס און ישעיהו האָראָוויץ, איז באַשלאָסן געוואָרן צו פירן אַן אַקטיווע לאַנדס־פּאָליטיק אין די גלות־לענדער.

אין יאָר 1907 זענען אויסגעשריבן געוואָרן וואַלן צום ווינער פּאַרלאַמענט. צום ערשטן מאָל האָט די קאָנסערוואַטיווע עסטרייכישע רעגירונג געגעבן פריי־ און געהיים־וואַל־רעכט יעדן בירגער איבער 24 יאָר. דאָס האָט באַדייט בכלל אַן איבערקערעניש אין פּאָליטישן לעבן אין לאַנד. די קאָסעווער ידן זענען מיט התלהבות צוגעטרעטן צו די וואַלן. די סיטואַציע איז נישט קיין לייכטע: אין קרייז וווינען 86% אוקראַינער (רוטענער) און נאָר 6% ידן. די פּאָליאַקן שטעלן אַרויס זייערן אַ קאַנדידאַט און באַנוצן זיך מיט אַלע מיטלען, ווי דראָונגען, שטראָפן, טעראָר, כדי צו צווינגען די ידן צו שטימען פאַר דעם פּוילישן קאַנדידאַט. אָבער די ידן ווייזן אַרויס פּאָליטישע רייפקייט, פאַרלאַנגען פון דער צענטראַלע אין לעמבערג אַ ידישן קאַנדידאַט, און ווען אַלס אַזעלכער ווערט באַשטימט ה׳ זיגמונט ווייסגלאַס, אַ באַקאַנטער ציוניסט פון דער בוקאָווינע, שטימען כמעט אַלע פאַר אים. דער גרויסער דערפאָלג איז נאַטירלעך געווען נאָר אַ מאָראַלישער, ווייל דער קליינער פּראָצענט ידישע שטימען איז נישט גענוג געווען אויף געוויילט צו ווערן. אָבער צום ערשטן מאָל האָבן די קאָסעווער ידן, אַ חוץ אַ ביסל „מאַשקעס״, נאָכלויפערס, אַרויסגעוויזן פּאָליטישן מוט און זיך נישט געשראָקן פאַרן באַצירקס־הויפּטמאַן מיט זיינע באַוואָפנטע זשאַנדאַרן, מיטן וואַכמייסטער בייז אין דער שפּיץ. אַזוי

אַרום האָבן אויך די יידן זיך ענדלעך אָפּגעזאָגט אויסגעשפּילט צו ווערן דורך די פּאָליאַקן קעגן די אוקראַינער, מיט וועלכע זיי, די יידן, האָבן געמוזט לעבן גוט, ווייל די אוקראַינער זענען געווען דער רוב באַפעלקערונג, און מען איז געשטאַנען מיט זיי אין ענגע באַציאונגען אויף אַ סך געביטן.

אין יאָר 1911, ביי די צווייטע פּאַרלאַמענט־וואַלן, האָבן די קאָסעווער יידן אַרויסגעוויזן די זעלבע באַוווסטזיניקע שטעלונג. דאָס מאָל האָט קאַנדידירט אויף אונדזער ליסטע ד״ר איזידאָר שאַליט פון ווין, הערצלס סעקרעטאַר. די מאַכט האָט ווידער אָנגעווענדעט אַלע טעראָר־ און שטראָף־מיטלען, און דאָס ביסל „מאָשקעס״ און שטאָט־תקיפים האָבן, ווי זיי האָבן נאָר געקאָנט, אונטערגעשטעלט אונדז אַ פוס, זיי האָבן צ.וו. א. די גרויסע שול געשטעלט אין רשות נאָר פאַר די וואַל־פאַרזאַמלונגען פון די קעגנערישע קאַנדידאַטן. אָבער דאָס אַלץ האָט אויך דאָס מאָל נישט געהאָלפן. קאָסעווער יידן האָבן געשטימט פאַר ד״ר שאַליט, וועלכער איז טאַקע געוויילט געוואָרן.

אין דעם זעלבן יאָר איז אויך פאָרגעקומען די אַלגעמיינע פאָלקס־ציילונג. די מאַכט־אָרגאַנען האָבן פאַרלאַנגט פון די יידן, זיי זאָלן דעקלאַרירן פּויליש אַלס מוטער־שפּראַך, כדי אַזוי אַרום פיקטיוו צו פאַרגרעסערן די צאָל פּאָליאַקן אין קרייז. אָבער די יידן האָבן אַרויסגעוויזן מוט און כאַראַקטער און דעקלאַרירט יידיש אָדער העברעאיש אַלס זייער מוטער־שפּראַך, נישט געקוקט דערויף וואָס דערפאַר איז געווען פאַראָרדנט אַ שטראָף פון 40 קראָנען.

מיטן צעפאַלן זיך פון דער עסטרייכיש־אונגאַרישער מאָנאַרכיע, ווען גאַליציע איז אַרונטערגעפאַלן אונטער דער פּוילישער הערשאַפט, האָט זיך די לאַגע געענדערט. אָבער וועגן דעם — שפּעטער.

די ציוניסטישע באַוועגונג אין קאָסעוו

דאָ איז דאָס אָרט צו דערציילן פון יענער באַוועגונג, וואָס האָט אין די לעצטע יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט אריינגעבראַכט אַזאַ אויפרודערונג אין דער יידישער גאַס און אויפגעוועקט אַזויפיל חלומות און האָפענונגען — די ציוניסטישע באַוועגונג.

ווען ד״ר הערצל האָט אין יאָר 1896 פאַרעפנטלעכט זיין „דער יודענשטאַט״, איז אין דעם שטעטל אַנטשטאַנען אַן אומבאַשרייבלעכע התלהבות. ווי בעת משיחישע באַוועגונגען, זענען אויסגעפלאָגטע, אויסגע־

בענקטע יידן גרייט געווען צו פּאַקן זייערע אָרעמע פּעקלעך און גיין אין דעם חלום־לאַנד ארץ ישראל, „דאָרט ווו די שלאַנקע צעדער קושט די וואָלקנס".

מען איז זיך באַלד צוזאַמענגעקומען און געשאַפֿן דעם „פאַראיין ציון". אָנגעפירט מיט דער אַרבעט האָבן די בכבודיקע עסקנים פון שטאָט ווי: דוד עלטיס, ש. א. הייזלער, ישעיהו האַראָוויץ, בערל גאָלדשטיין, אברהם מיק, יעקב שויבער, אליעזר גערטנער א. א.

מיר געפינען דעם קאָסעווער „ציון"־פאַראיין פון 70 חברים רעגיסטרירט אין דער ליסטע פון קאָנגרעס־ביוראָ פון יאָר 1898 („תולדות התנועה הציונית" ד"ר נ. מ. געלבער, תשי"ח). אָבער אַ סך גרעסער איז געווען די צאָל יידן, וואָס זענען מחמת פאַרשידענע סיבות נישט געווען רעגיסטרירט אין פאראיין, און דאָך געווען טריי און ערלעך איבערגעגעבן דער אידעע.

אונדזער טייערער און אומפאַרגעסלעכער ישעיהו האַראָוויץ ז"ל, וואָס זיינע זכרונות זענען געדרוקט אין העברעאישן טייל פון דעם ספר, און ער איז געווען פון די ערשטע און אַקטיווסטע ציוניסטן אין קאָסעוו *, דערמאָנט אין זיי די האַרצרייסנדיקע אויסברוכן פון התלהבות ביי יידן, פון וועלכע ער איז געווען אַן עדות. און אָט עטלעכע פון זיי:

א) אלטוניע דער מלמד לויפט נאָך זיין ברודער ש. א. הייזלער, וועלכער פאָרט קיין ארץ־ישראל, און זאָגט אים אָן נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל — נאַטירלעך מיט אַ רמז — חלילה נישט צו פאַרגעסן און באַלד טאַקע אויפשטעלן דאָרט דעם בית־המקדש!

ב) יאָסעלע חיים ניסנ'ס, וואָס גייט אַרום חדשים לאַנג איבער די הייזער, איבער שטעט (מחוץ קאָסעוו!), שיקט אריין פּינקטלעך געלט אויף אַ שקל, כדי נישט צו פאַרלירן, חס וחלילה, זיין רעכט אויף א"י.

ג) זוסיע צדוק הערשקאָוויץ איז אין איין פּחד, וואָס איז? אין שטאָט קאָן מען אים אַלס „לייבאַ, דער שוסטער" און איינגעשריבן האָט מען אים אַלס הערשקאָוויץ, קאָן דאָך, חס־וחלילה, פּאַסירן, אַז ביים אָוועקפאָרן וועט מען נישט וויסן וועמען מען מיינט.

און נאָך אַנדערע וווּנדערבאַרע סיפורים פון יענע שטורמישע יאָרן.

---

* אין יאָר 1933 זיך באַזעצט אין קיבוץ רמת־יוחנן אין ישראל, וווּ זיין איינציקע טאָכטער איז אַ חברה ותיקה און איז דאָ געווען זייער געשעצט פון אַלע. ער איז נפטר געוואָרן אין רמת־יוחנן אין יאָר 1958.

דער פאראיין „ציון" האָט געפירט אַ פּרוכטבאַרע און פאַרצווייגטע אַרבעט. דאָרט האָבן יידן געהערט פאָרטראַגן, פאַרלעזונגען פון די צייטונגען, געלייענט ביכער. דאָרט האָבן זיי געוואַרט מיט אומגעדולד אויף ידיעות וועגן דער גאולה.

אויסער די היימישע, אייגענע רעפערענטן, פלעגן אויף ציוניסטישע פאַרזאַמלונגען קומען וויכטיקע רעדנער פון אַנדערע שטעט. און אַט עטלעכע פון זיי, וואָס האָבן זיך זומער אין די היצן, צי ווינטער אין די שנייען, געשלעפּט אויף אַ וואָגן אָדער אַ שליטן איבער די שלעכטע וועגן קיין קאָסעוו און צו אונדז געטראָגן די בשורה פון גאולה:

דער פּאָפּולערער לייבל טויביש פון קאָלאָמיי, וואָס האָט צוו. א. איבערגעזעצט דעם „יודענשטאַט" אויף יידיש; דער פאָלקס־דאָקטאָר, ד"ר שלמה ראָזנהעק, אויך פון קאָלאָמיי, דעלעגאַט צום 1־טן ציוניסטישן קאָנגרעס און הרצלס נאָענטער מיטאַרבעטער אין גאַליציע, און נאָך אַ גאַנצע ריי באַקאַנטע רעדנער, עסקנים, ווי ד"ר דוד שפּינדעל, ד"ר מענטשעל, ד"ר מאיר גייער, ד"ר נתן בירנבוים, ד"ר פ. קאָרנגרין, זיגמונט ווייסגלאָס, ליאָן וועקסלער א. א.

אויך בעל־דרשנים האָבן געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף פאַרמירן דעם ציוניסטישן גייסט פון דער באַפעלקערונג. אַט עטלעכע פון זיי:

דער ווילנער חיים כ"ץ מיט זיין אָנגענעמען טאָן פון אַ מגיד, וואָס שטראָפט פאַר גלייכגילטיקייט צום תחית־געדאַנק; דער ליטוואַק, אברהם אברמזאָן, אַ פייערדיקער רעדנער, אַ מגיד, וואָס קען אויך גוט ביאַליקן; דער רויט־באָרדיקער בצלאל צאַדיקאָוו, אַ גלענצנדיקער רעדנער; דער צפתער אליעזר רוקח, וואָס מאָלט פאַר זיינע צוהערער וווּנדערבאַרע בילדער פון ארץ ישראל און אַנדערע.

ווען מען האָט אויף דעם צווייטן ציוניסטישן קאָנגרעס באַשלאָסן צו שאַפן די נ אַ צ י אָ נ אַ ל ־ ב אַ נ ק, האָט מען אין קאָסעוו באַלד אָנגעהויבן פאַרקויפן אַקציעס. דער פּועל־יוצא איז געווען, אַז די 300 משפחות, וואָס ס'האָט דעמאָלט געציילט קאָסעוו, האָבן געקויפט 309 אַקציעס. עס איז אינטערעסאַנט צו לייענען אין אויבן־דערמאָנטן ספר פון נ. מ. געלבער, אַז ביז אַפּריל 1899 זענען פאַרקויפט געוואָרן אין גאַליציע ס"ה 7210 אַקציעס, דערפון אין לעמבערג 517, סטאַניסלאַוואָוו 600, קאָסעוו 309 אא"וו; לעמבערג 517 און קאָסעוו 309 — וווּנדערשיין!

די טאָג־טעגלעכע ציוניסטישע אַרבעט אָבער האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום דעם קרן קיימת לישראל.



ועד קרן־הקימת־לישראל :
ש. א. הייזלר, י. גרטנר, מ. שטומר ואחרים

די קק״ל־קאָמיסיע אין קאָסעוו איז געגרינדעט געוואָרן באַלד נאָך דעם ווי דער דאָזיקער פאָרשלאָג איז דורך פראָף. הערמאַן שאַפּירא אריינגעטראָגן געוואָרן אויף דעם ציוניסטישן קאָנגרעס. דער גרינדער פון דער קאָמיסיע, ווי אויך איר לייטער, טריי און איבערגעגעבן פון אָנהייב אָן ביז צום אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז געווען ח׳ יהושע גערטנער (היינט אין ישראל). מיט אים האָבן מיטגעאַרבעט אין דער קאָמיסיע די ח״ח: ש. א. הייזלר, זלמן קאמיל, אליהו פינסטער, יוסף מאיר, שמואל מאָרגנשטערן, יעקב און אנשל קאלמאן, יששכר קויפמאַן, אהרון ריגלער, מענדל שטומער, א. צ. קירכנער (היינט צבי קרן, ראש עיריה פון כפר סבא אין ישראל) און אַנדערע.

די ארבעט פון דער קק״ל־קאָמיסיע האָט אַרומגענומען תרומות, פושקעס אין פריוואַטע הייזער און אין בתי־כנסת, קק״ל־מאַרקעס, „פאָסט״, און אַ חוץ דעם אויך פראָפּאַגאַנדע פאַר תוצרת א״י, ווי כרמל־ווייַן, זייף, אתרוגים אא״וו. די געזאַמלטע געלטער פלעגט מען יעדן חודש, צוזאַמען

„קרן קימת לישראל" | ק אָ ס א ו ו

פעראנשטאלטעט

שבת, אם 9 פעבער 1929 אין זאל פון ה' טרוכאנאוויטש

אַ גרויסע רעדוטע

מיט אַ זעהר רייכהאלטיגען פראָגראם און א סאָך א־בעראשונגען.

צו וועלכער מיר האבען דעם כבוד אייך מיט אייער חשובער משפחה העפל. איינצולאדען.

ווישער'ס מוזיק. | אנהויב 8 אַ זיינער אבענדס. | אייגענער בופעט.

ענטריי: 1 זל. 50 גר. פון אַ פערזאָן און נאָר געגען איינלאַדונגען. || דער ריינערטראָג איז בעשטימט פאַרן קרן קימת לישראל.

דאס קאמיטעט.

טופס הזמנה לנשף קק"ל.

מיט אַ ליסטע פון די שפענדער, שיקן קיין ווין און זיי זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אָפיציעלן אָרגאַן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע „די וועלט".

ישעיהו האָראָוויץ האָט דערציילט, אַז ווען ער האָט שפּעטער אַ מאָל באַזוכט דאָס ביוראָ פון קק"ל אין ווין, האָט מען דאָרט נישט געהאַט גענוג ווערטער צו לויבן די אַרבעט אין קאָסעוו.

דער פאַראיין „ציון" איז אויך געווען חנוכה־צייט דער אָרגאַניזאַטאָר פון די אַזוי־גערופענע „מאַקאַבייער־פייערונגען". אָט ווי עס האָט אויסגעזען:

נאָך דעם ווי דער עולם האָט פאַרנאַכט אויסגעהערט אין דער „גרויסער שול" די פלאַמפייערדיקע רעדעס פון איינעם אָדער צוויי פון די אויבנדערמאָנטע רעדנער, איז מען זיך אין אָוונט צוזאַמענגעקומען צו דער אייגנטלעכער פייערונג, וועלכע פלעגט איינגעאָרדנט ווערן אין איינעם פון די זאַלן, ווי ביי אבר. אייפערמאַן, משה שאפירא אָדער אַנדערש ווו. עס איז געווען צוגעגרייט אַ ריכטיקע סעודה, מען האָט געגעסן, געטרונקען און פריילעך פאַרבראַכט. עס איז געווען אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד, אַז אין אַלץ האָט געשטעקט די פלינקע האַנט פון אונדזער אזיע

(אייזיק) שניבערג, דעם כל־יכול, וואָס האָט אַלץ צוגעגרייט און ווי אַ צוגאָב דערצו נאָך אַ סך צוגעטראָגן צום דערפאָלג פון דער פייערונג מיט זיינע שיינע פאָלקס־לידער. אויך משהלע שויבערס לירישער טענאָר איז געווען איינע פון די אַטראַקציעס פון דעם יום־טוב.

ביי דעם אַלעם איז אָבער די שטימונג געבליבן אַן ערנסט־פּאַטריאָטישע. אַזוי באַשרייבט י. האָראָוויץ, ווי איין מאָל, אין יאָר תרס״ב, נאָך אַ טאָאַסט פאַרווירצט מיט אַ שיינעם משל פון ד״ר ראָזענהעק, האָט דער פאָרזיצער דוד עטליס ספּאָנטאַן אַרויפגעוואָרפן אויפן טיש, איינעם נאָכן אַנדערן, 12 גאָלד־דוקאַטן, אַלס געשאַנק פאַר גאולת־אדמה.

קאָסעוו האָט צוויי מאָל געשיקט אייגענע באַפולמעכטיקטע דעלעגאַטן צו די ציוניסטישע קאָנגרעסן:

1. צום זעקסטן קאָנגרעס אין תרס״ג איז געפאָרן ר׳ דוד עלטיס. דאָס איז געווען אַן עלטערער ייד מיט אַ הדרת־פנים, אַ רייכער באַנקיר, וואָס האָט געקאָנט די וועלט, אָבער פאַר אַלץ איז ער געווען אַן איבערגע־געבענער ציוניסט להלכה ולמעשה און אַ פאַרברענטער חסיד פון הערצלען. ווען ער איז צוריקגעקומען פון באַזעל — דערציילט האָראָוויץ אין זיינע זכרונות — האָט ער אים שטאַרק געדריקט די האַנט און געזאָגט:

„ישעיהו, ווילסט וויסן, וואָס פאַר אַן איינדרוק עס האָט אויף מיר געמאַכט הערצל? איך האָב געזען ווי אין הערצלס פנים זענען אויסגע־קריצט די צרות פון פאָלק ישראל בכלל און פון יעדן יידן באַזונדער״.

2. צום עלפטן קאָנגרעס, אין יאָר 1913, איז דעלעגירט געוואָרן ר׳ שמואל אברהם הייזלער. ער איז געווען איינער פון די אינטערעסאַנטסטע פערזענלעכקייטן און פאַרדינסטפולע ציוניסטן, אַ גלענצענדער רעדנער און אַן אומדערשראָקענער קעמפער פאַר דער אידעע, אַ דערציער פון אַ דור. ער האָט נאָך זוכה געווען עולה צו זיין קיין א״י, ווו ער איז נפטר געוואָרן אין יאָר 1942. (זיין לעבן און ווירקן זענען באַשריבן אין אַ באַזונדערן אַרטיקל פון א. צ. שטיין אין העברעאישן טייל פון ספר).

דערציִונג און בילדונג אין קאָסעוו

עס הייבט זיך אָן נאַטירלעך מיטן חדר, וואָס זיין געשיכטע אין קאָסעוו איז זיכער אַזוי לאַנג, ווי לאַנג עס איז די געשיכטע פון אַ יידישן ישוב בפרט און אפשר פון יידישן גלות בכלל. און ווען אפילו די חדר־באַדינגונגען זענען פון אַנדערע שטאַנדפּונקטן נישט געווען באַפרידנדיקע, און עס איז דאַדורך אַ סך געזינדיקט געוואָרן קעגן דעם געזונט פון קינד

אין זיין עמפינדלעכסטער לעבנס־תקופה, איז אָבער דערפאַר, דאָ, אין חדר, דורך לאַנגע יאָרן געוואָרן געשמידט די נשמה פון קינד, אריינגעגאָסן אין דער נאָך ליידיקער גייסטיקער כלי פון קינד אַ חוץ אוצרות פון תורה, אויך יענע פיעטעט און צוגעבונדנקייט צו אַלץ וואָס איז יידיש, וועלכע מיר אַלע האָבן מיטגענומען אויף אונדזערע לעבנס־וועגן. אָט דער גייסטיקער, דורך און דורך יידישער, באַגאַזש פון דעם „פרימיטיוון" חדר איז אונדז בייגעשטאַנען נישט ביי איין קריזיס אין לעבן.

מערערע פון די מחברים פון דעם ספר שפּינען זכרונות פון די חדר־יאָרן, (און אויך איך צווישן זיי — אויף אַן אַנדער אָרט) און א. צ. שטיין באַזונדערס גיט זיי אין זיינע זכרונות (עברית) אַ בכבודיקן פּלאַץ, ווייל, דאַכט זיך, נישטאָ קיין ייד, אַ געוועזענער חדר־יינגל, וואָס זאָל נישט דערמאָנען מיט ליבע און ווייטיק יענע אייגנטימלעכע, ליבע שאַפונג פון גלות־שטעטל.

איך באַגנוגן מיך דעריבער נאָר מיט אויפצייל̈ן די נעמען פון די מלמדים, וואָס האָבן דערצויגן אונדזערע לעצטע דורות קאָסעווער. זיי זענען באַקאַנט פאַר יעדן בלויז מיט זייערע פאָרנעמען, ואלה הם: בערעלע, ירחמיאל, — דרדקי־מלמדים. יאָסל, אברהם בערל, פּיציע, הענעך, זעליג, אַנטשל דעם רבי'נס, מרדכי יאָסל הרצלס — גמרא־מלמדים און אַנדערע.

און כבוד זיי אונדזערע מלמדים, וואָס זענען געווען און נישטאָ מער, וועלכע האָבן זייער שוואַך געזונט אַוועקגעגעבן פאַר די תלמידים, נישט איין מאָל נישט האָבנדיק אויף קיין שטיקל פלייש אויף שבת און אַ מאָל נאָך ווייניקער.

לאַנגע יאָרן האָט זיך מיט ענדיקן דעם חדר אויך געענדיקט דאָס לערנען בכלל, ווייל אין די מלוכהשע פאָלקס־שולן מיטן „פּאַציעזש" פּרימאָרגנס און לערנען און שרייבן אום שבת, האָבן יידישע עלטערן זייערע קינדער נישט געוואָלט שיקן.

אין יאָר 1898 איז אין קאָסעוו געגרינדעט געוואָרן די „באַראָן־הירש־שול", און זי האָט באַלד אריינגענומען דאָס רוב יידישע קינדער. די אונטעריכט־שפּראַך איז געווען פּויליש, אָבער מען האָט געלערנט אויך יידישע לימודים. שבת איז די שול, נאַטירלעך, געווען פאַרמאַכט. אחוץ דעם האָבן אָרעמע קינדער באַקומען דאָרט יעדן טאָג אַ וואַרעם מאָלצייט און צוויי מאָל אין יאָר אַ ביסל מלבושים. איך אַליין בין געווען אַ תלמיד

אין דער שול און דערמאָן זיך מיט סימפּאַטיע אין דער זויבערקייט דאָרטן און אין עטלעכע אירע לערער, ווי צווערדלינג, טורטלטויב, פּרעסער, יפה.

אין יאָר 1909 האָט דער פֿאַראיין „ציון" דורך דער איניציאַטיוו פֿון זיין פֿאָרזיצער ש. א. הייזלער, געגרינדעט די ערשטע העברעאישע פֿאָלקס־שול „שפה ברורה". בראש פֿון קאָמיטעט, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער שול, איז געשטאַנען ישעיהו האָראָוויץ. די ערשטע לערער פֿון דער שול זענען געווען משולם קאמיל און זינדל פּיבער, ביידע חשובע משכילים, אָבער אָן פּעדאַגאָגישער אויסבילדונג. ערשט ווען מען האָט, צוויי יאָר שפּעטער, אָנגעשטעלט אַלס פּעדאַגאָגישן לייטער ה' יצחק טענענבוים פֿון לעמבערג, אַ ייד מיט ברייטע ידיעות אין תורה און העברעאישער ליטע־ראַטור און דערצו אַן אויסגעצייכנטער פּעדאַגאָג, האָט זיך די שול שענער און שענער אַנטוויקלט, און אין גאַס האָט אָנגעהויבן קלינגען דאָס לעבעדיקע עברית. אגב, ה' טענענבוים, היינט אַ זקן מופלג, געפינט זיך אין ישראל און איך האָב דאָס גרויסע פֿאַרגעניגן זיך צו טרעפֿן אַ מאָל מיט מיין מורי ורבי פֿון פֿאַר 50 יאָר. (אין ספר געפינען זיך אַ ביסל זכרונות פֿון ה' טענענבוים פֿון יענע טעג).

צוליב דער וואַקסנדער צאָל קינדער איז שפּעטער אויפגענומען געוואָרן נאָך אַ לערערין, די פֿרוי פֿרידע שטיין פֿון קיטעוו.

ה' טענענבוים איז אויך געווען דער איניציאַטאָר פֿון ערשטן ריין העברעאישן גן־ילדים. די גננת (לערערין אין קינדער־גאָרטן) איז געווען פּנינה (פּערל) הייזלער, די טאָכטער פֿון שמואל אברהם הייזלער און די שפּעטערע פֿרוי פֿון א. צ. שטיין. נאָכן דורכמאַכן אַ פּראַקטיק אין אַ גן און נאָך טעאָרעטישער אויסבילדונג און לערער־סעמינאַר אין לעמבערג, האָט זי איבערגענומען דעם גן און אים געמאַכט פֿאַר אַ מוסטער־גאָרטן. איך געדענק פּנינהן (פֿון די ערשטע, וואָס האָבן העברעאיזירט זייער פֿאָרנאָמען) פֿון יענע יאָרן, מיט איר גראַדן רוקן און שטאָלצן גאַנג, רעדט אַך ורק עברית, אַרבעט ערנסט, ווייסט וואָס זי וויל. איך וואָלט, לויט היינטיקע קריטעריעס, געזאָגט, אַז פּנינה איז שוין דעמאָלט געווען אַ פֿיינע ישראלית.

די שול און דער גן האָבן עקזיסטירט ביז זומער 1915, איז צוליב דער מלחמה פֿאַרמאַכט געוואָרן און האָט זיך ווידער געעפֿנט אין יאָר 1920. זיי האָבן שטאַרק פּראָספּערירט, און זיך דעריבער שפּעטער אַריבערגע־צויגן אין דער שטאָקיקער געביידע פֿון מרדכי יעגערמאַן. עס זענען אָנגעשטעלט געוואָרן נאָך לערער, זלמן קאמיל און אליהו פּינסטער, ביידע





גן־הילדים, עם אליהו פינצטר ובתו רבקה.

תרפ״ו — תרפ״ח

קינדער־גאָרטן, מיט אליהו פינצטער און זיין טאָכטער רבקה.

זייער פּאָפּולערע לערער און מיט אַ סך וויסן. די שול און גן זענען געווען טעטיק ביז צו דער צווייטער וועלט־מלחמה.

פנינה הייזלער־שטיין האָט אין יאָר 1925 עולה געווען צוזאַמען מיט איר מאַן און דריי קליינע קינדערלעך קיין א״י. דאָס איז דעמאָלט געווען אַ שריט פון גרויסער חלוציות — פאָרן מיט קליינע קינדער און מיט גאָר קנאַפּע מיטלען אין דעמאָלטדיקן א״י. דאָ אין לאַנד האָבן זיי ממשיך געווען די זעלבע אַרבעט מיט גרויס דערפאָלג ביז מיט אַ יאָר צוריק. זייערע קינדער און אייניקלעך זענען היינט טיף פאַרוואָרצלט אין לאַנד, פריינד אברהם צבי שטיין איז זייט דער גרינדונג פון קאָסעווער פאַרבאַנד אין ישראל זיין אַלגעמיין געשעצטער מזכיר.

שפּעטער איז נאָך צוגעקומען די יידיש־העברעאישע פאָלקס־שול „יבנה“, וואָס האָט געהערט צו „מזרחי“. זי איז אָנגעפירט געוואָרן דורך אברהם׳ציע קרייזל.

דער „חוג מזרחי“ אין קאָסעוו איז געגרינדעט געוואָרן אין תר״ע (1910). צום „חוג“ האָבן געהערט: זוסיע שלאָסבערג, מאיר קרעססעל, שלום פעליקס, מרדכי הייצלער, יוסף שמחה הייזלער, מנדל שיינפעלד און אַנדערע, לויטער טרייע, איבערגעגעבענע ציוניסטן, זייער אַקטיווע. ביי דער געלעגנהייט איז כדאי נאָך צו דערמאָנען זייער „מנין מזרחי“, וווּ ביי די תפילות זענען איינגעפירט געוואָרן אינטערעסאַנטע, דעמאָקראַטישע רעפאָרמען. אַזוי למשל, זענען עליות צו דער תורה געגעבן געוואָרן לויט אַ געוויסער אָרדענונג, פאַר אַלעמען גלייך. עס זענען געוואָרן אָפּגעשאַפט די נדרים און אויף זייער אָרט איינגעפירט אַ מס־חבר. יוסף שמחה הייזלער, וועלכער האָט געהאַט אַ בולטן דיכטערישן טאַלאַנט, איז געווען ביי זיי דער בעל־קורא — בחסד עליון!

די יוגנט־אָרגאַניזאַציע פון „מזרחי“, די „בני עקיבא“, איז געווען זייער אַקטיוו.

איז נאָכן גמרא־מלמד און די 4 קלאַסן פאָלקס־שול געווען סוף פסוק?

ביי אַ טייל — געוויס, אָבער אַ גרויסער טייל האָט זיך ווייט נישט באַגנוגנט דערמיט. אין לימודי־קודש איז געווען אַ המשך ביי אנשל רבינס, ביי וואָלף הערש (גרינבערג), דעם שאַרפן און קריטישן מוח, ביי דעם גרויסן תלמיד־חכם ר׳ מרדכי שפּיגעל (יוסל הערצעלעס) און סוף־סוף אין דער קלויז און אין דער ישיבה. נישט ווייניק זענען זיי געווען, און ביז אין די שפּעטע אָונט־שעהן פלעגט זיך הערן פון דער



קבוצת הכשרה „בני־עקיבא" (מזרחי). באמצע : אברהם קרייזל.

„טאָלמעטשער" און „קאָלאָמייער" קלויז דער מסורתדיקער גמרא־ניגון פון די מתמידים ביי זייערע שטענדערס מיט די חלב־ליכטלעך. צווישן זיי האָט דאָ געלערנט, אליין און מיט אַנדערע, ר' הערשעלע פייער, איינער פון די איידלסטע געשטאַלטן אין שטעטל, וועלכער האָט געלעבט ווי אַ צדיק און איז אומגעקומען אַ צדיק אין טלית און תפילין. זיין ליכטיקער פערזענלעכקייט איז אין דעם עברית־טייל פון דעם ספר געווידמעט אַ באַזונדער קאַפּיטל, געשריבן דורך יששכר שפּיגל (דעם זון פון ר' מרדכי יאָסל הערצעלעס ז"ל).

אין לימודי־חול און כלל־יידישער און וועלטלעכער בילדונג איז מען געווען אויטאָדידאַקטן. ביי די אָרגאַניזאַציעס, אריינגערעכנט זייערע יוגנט־אָפּטיילונגען, האָבן עקזיסטירט קלענערע אָדער גרעסערע ביבליאָטעקן. פּריוואַטע ביכער, מיינסטן אין יידיש און דייטש, ווייניקער אין העברעיש און פּויליש, האָבן געוואַנדערט פון האַנט צו האַנט. מען האָט פלייסיק געלייענט, אַ סך דיסקוטירט, בקיצור, מען האָט געשלונגען דאָס געדרוקטע וואָרט. (וואָס פאַר אַ מלא־וגדוש מיט ליטעראַטור איז געווען, למשל, אַזאַ אַברהם קעס !).

קיין מיטל־שול איז אין קאָסעוו אין די יאָרן פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה נישט געווען. מיר פּערזענלעך זענען באַקאַנט נאָר דריי פֿאַלן פֿון אָפּיציעלן שיקן קינדער אין אַ גימנאַזיע. דאָס זענען געווען צוויי עלטיסן און איין הילמאַן, ד. ה. קינדער פֿון אַזוי גערופֿענע „פֿאָרגעשריטענע" משפּחות. אויב נאָך עטלעכע יינגלעך, אָבער שוין פֿון פֿרומע משפּחות, האָבן געוואָלט קומען צו אַלגעמיינער בילדונג, האָבן זיי געמוזט אַוועק פֿון דער היים אָן דער הסכּמה פֿון זייערע עלטערן. צוויי פֿון זיי זענען געווען: בן ציון פּעסלער, דער שפּעטערער דאָקטאָר פּעסלער און מזכּיר פֿון דער אַלגעמיינער אגודת ישׂראל און „יאָסקע" מאיר, דער צוקונפֿטיקער ד"ר יוסף מאיר, לייטער פֿון געזונטהייט־מיניסטעריום אין ישׂראל, אויף וועמענס נאָמען און לכּבודו עס איז דאָ אָנגערופֿן געוואָרן אַ גרויס שפּיטאָל (בית חולים ע"ש מאיר אין כּפר סבא).

שפּעטער, באַזונדערס נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט זיך די לאַגע געענדערט, און דאָס קליינע שטעטל האָט אַרויסגעגעבן אַ גאַנצע ריי יוגנטלעכע מיט אַקאַדעמישער בילדונג ווי: יעקב גערטנער, יעקב קעס, עלטיס, יצחק ברעטלער, שטיינער, אנשל דרעזנער, דיסטלהיים, יהודה פעליקס, מאָטל שאובער, קרומהאָלץ און מער נאָך.

צום קאַפּיטל דערציונג וויל איך צוגעבן עטלעכע באַמערקונגען וועגן אַנדערע קולטור־געביטן.

פּונקט ווי פֿאַר אַ בוך, האָט מען אין קאָסעוו געהאַט אויך גרויס פֿאַרשטענדעניש פֿאַר אַ יידיש טעאַטער, און מען האָט תּמיד זייער וואַרעם אויפֿגענומען די וואַנדערנדיקע יידישע טעאַטער־טרופּן. עס האָט חס וחלילה אויך נישט געפֿעלט קיין אייגענע „אַרטיסטן" מיט אַ דראַמאַטישן קלוב, מיט פּראָבעס, אינטריגעס, א. א. וו. מען האָט געשפּילט פּיעסעס פֿון גאָרדין, אנסקי, שלום עליכם א. א. און מען איז אַפֿילו אַרומגעפֿאָרן מיט אייניקע פֿאָרשטעלונגען אין די שכנותדיקע שטעט.

ס'איז אָנגענעם צו דערמאָנען אַ פּאָר נעמען פֿון פֿריינט „אַקטיאָרן": סאָבעל קרומביין, בערטא רובינגער, חנה (חנצעל) שאובער, פרידא פערנבאָך, ד"ר יעקב קעס, מענדל מאַרמאָראָש, אברהם קעס (דער סופליאָר; ווייזוען עס איז אים, דעם שטאַרק קורצזיכטיקן, ביים סופלירן אַראָפּגעפֿאַלן די ברילן און, זוכנדיק זיי, האָט ער איבערגעקערט דעם נאַפֿט־לאָמפּ...) און אַ סך אַנדערע, דערונטער, שפּעטער, פֿון יונגן דור.

אַ סך יוגנטלעכע האָבן געלערנט שפּילן פֿידל, פֿלייט א. אַ. וו. די לערער זענען געווען עטלעכע ערשטקלאַסיקע מוזיקער פֿון אונדזערע

באַרימטע קאָסעווער קלעזמער. אַט די זענען געווען זייער פּאָפּולער און באַליבט און פלעגן שפּילן אַ פריילעכס און אַ טרויעריקס צו כלה־באַדעקן און אויף בעלער, ביי יידן און גויים, אין קאָסעוו און אין אַלע שטעט אַרום. די באַקאַנטסטע שפּילער זענען געווען: חיים נחמן וויטשער, שפּעטער זיין זון יאנקעלע וויטשער, אסלאוער (לעמיש), יאנקעלע קרומביין און אַ סך אַנדערע.

קאָסעווער יידן האָבן ליב געהאַט חזנות און פלעגן לויפן הערן אַ גוטן חזן, אַ געקומענעם פון דער פרעמד. אָבער מיר האָבן געהאַט אויך אונדזערע אייגענע גאַנץ פיינע, האַרציקע, חזנים, בעלי־תפילה ווי: ר׳ הערש פרענקל, ר׳ יוסף קרייזל, ר׳ פיניע הייזלער *, שאול אַדעלסבערג א. אַ.

פלעגן זיך איבער די שטילע שבתדיקע גאַסן פון שטעטל גיסן האַרציקע תפילות, און ווען די נאַכט פלעגט נעמען צופאַלן — שטילע, מיט בענקשאַפט פאַרפולטע, שלוש־סעודות־ניגונים, וואָס יידן האָבן אין דער פינצטערער קלויז געזונגען און געזונגען, נישט ווילנדיק זיך שיידן פון דער שבת מלכתא. אויך די יידן, וואָס פלעגן שפּאַצירן מיט זייערע פרויען און קינדער אויף די גאַסן, זענען געווען אַנדערע, „שבתדיקע״, פון דאגות באַפרייטע, ליידער — נאָר ביז נאָך הבדלה.

אַן אַנדער מין זינגען ווידער איז עס געווען, ווען די „סומאר״ יידן פלעגן שביעי־של־פּסח טאַנצן אין ראָד, נאָך דעם ווי זיי האָבן אויסגעגאָסן היפש וואַסער אויף דער פּאָדלאָגע, אַ זכר צו קריעת־ים־סוף.

דערמאָנענדיק דעם „סומאר״ מוז מען אויך דערציילן, ווי יעדעס יאָר, ערב ראש־חודש חשון פלעגט דאָרט געפּראַוועט ווערן דער יאָרצייט פון וויזשניצער רבין, רבי מענדעלע (ר׳ מענדעלע איז געווען דער זון פון ר׳ חיים׳ל פון קאָסעוו און אַן איידעם פונעם ריזשינער). די „סומארער״ חסידים פלעגן ביז טאָג דאָ פאַרברענגען מיט דערציילן מעשיות פון רבין, טרינקען לעלית נשמתו, טאַנצן דבקותדיק אין ראָד און זינגען האַרציקע חסידישע ניגונים — די באַרימטע קאָסעווער־וויזשניצער ניגונים.

די יוגנט, די פּילפאַרביקע, לעבעדיקע, אַרבעטנדיקע, טרוימענדיקע, פלעגט זינגען מיט ליבשאַפט פאָלקס־לידער, נאַציאָנאַלע לידער, אַרבעטער־לידער, אין דער היים, אויפן „באַרג״, אויפן „גרינעם״, ביים וואַרשטאַט, אין דער אָרגאַניזאַציע.

* אַ באַזונדערער אַרטיקל איבער פיניע ריוואַלעס אין עברית טייל פון ספר.

דאָס קליינע פאַרוואָרפענע שטעטל האָט אָנגעשטרענגט אַלע זיינע פעיקייטן אויף אריינצובורענגען ליכט און פאַרב אין דעם טאָג־טעגלעכן גראָען לעבן.

קאָסעוו בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה

דאָס גראָע שטעטל האָט זיך באַדעקט מיט שוואַרצע וואָלקנס. עס איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה. די רוסן האָבן באַזעצט קאָסעוו אין נאָוועמבער 1914, געבליבן ביז פעברואר 1915 און זיך צוריקגעצויגן. די עסטרייכער האָבן זיך אומגעקערט. אָבער אין יוני 1916 האָבן די רוסן דורכגעבראָכן דעם הויפּט־פראָנט און פאַרנומען קאָסעוו, דאָס מאָל, נישט ווי ביים ערשטן מאָל, זענען די יידן — ביים דערנענטערן זיך פון די רוסן — אַנטלאָפן ווו די אויגן האָבן געטראָגן. מען האָט זיך געשלעפּט מיטן ביסל מטלטלים אויף יידישע און גוישע פורן, איבער די שווערע באַרגיקע וועגן, איבערן „בוקאָוועץ", איבערן „קאַפּעלאש" קיין זיבנבירגן, בוקאָווינע



יהודי קוסוב מגוייסים לצבא האוסטרי, ב־1917.
מאָביליזירטע קאָסעווער יידן צו דער עסטרייכישער אַרמיי, אין 1917.
בשורה הראשונה, מימין, יושבים : ויזלמן, י. שפיגל, ד. פוגל, שיבר,
עומדים : מ. ריגלר, שאַואֶר, קס, נ. גולדשטיין
עומדים : י. רייכמן, י. רוזנברג, אַ. קמיל, ש. מורגנשטרן, מ. בנדר,
פישל שמחה, ב. צ. פוגל.
בשורה השניה : זינדל קמיל, וילהלם רנד, דוד לנדמן.

און פון דאָרט, פריער אָדער שפּעטער, ביז פּראָג, בודאַפּעשט און איבער דער גאַנצער עסטרייכיש־אונגאַרישער פּראָווינץ.

די מענער האָט מען שוין געהאַט פריער צוויי מאָל מאָביליזירט אין קאָסעוו, האָט מען דאָ נאָך דעם רעשט מיליטער־פּליכטיקע אריינגע־שטעקט אין מונדירן. מערערע פון זיי זענען געפאַלן אין דער מלחמה. די פּליטים האָבן באַקומען אונטערשטיצונג פון דער מלוכה.

ווען די קאָסעווער האָבן אין 1917 און 1918 אָנגעהויבן זיך אומצוקערן אהיים, האָבן זיי די היים געטראָפן אַ פולקאָם צעשטערטע.

אונדזערע אוקראַינער האָבן זיך דערווייל געמאַכט פאַר יורשים פון דער עסטרייכיש־אונגאַרישער מאָנאַרכיע און אין נאָוועמבער 1918 פּראָקלאַמירט זייער מדינה אונטערן נאָמען „מערב־אוקראַינע" מיט סטאַניסלאַוואָוו אַלס הויפּטשטאָט. און עס איז געווען י ע נ ע מדינה! פון צענטער האָט מען אָפן געראָפן צו רויב און געוואַלד, מען האָט מיט כוח אויסגעביטן דאָס עסטרייכישע געלט אויף ווערטלאָזע „הריוווניעס". זייער „סיטש" האָט געווילדעוועט. און אויסער דעם האָט מען געליטן פון אַלע מאָל פאַרביימאַרשירנדיקע מיליטערישע אָפּטיילונגען מיט זייערע „אַטאַמאַנען". די יידן האָבן געראָפן די באַנדעס פּשוט „פּעטליורעס".

אָנהייב מאַי 1919 האָבן די אוקראַינער זיך צוריקגעצויגן און צו אונדז האָבן אריינגעמאַרשירט, אויך אויף דערווייל, אָפּגעריסענע, אָפּגעשליי־פענע, רומענישע אָפּטיילונגען. קאָרופּציע, אויספּרעסן געלט, איינשפּאַרן אומשולדיקע מענטשן און שלאָגן זייערע באַרימטע 25 מלקות — אָט דאָס האָבן די נייע „דזשענטלמענער" מיטגעבראַכט מיט זיך און אָנגעווענדעט בשעת זייער קורצן וויילן אין קאָסעוו.

צווישן ביידע וועלט־מלחמות

שוין סוף מאַי 1919 האָט די פּוילישע אַרמיי פון גענעראַל האַלער איינגענומען מזרח־גאַליציע, און קאָסעוו האָט ווידער באַקומען אַ נייעם באַלעבאָס.

מיר זענען געוואָרן ענדגילטיק פּוילישע, און יידן האָבן אָנגעהויבן ענערגיש צוריקצושטעלן די וווינונגען. מען האָט געבויט, צוגעבויט, אונטערגעבויט, איבערגעבויט, און די שטעט האָבן אָנגעהויבן פּאַמעלעך צו באַקומען זייער פריערדיקן, אָדער גאָר בעסערן אויסזען.

ווידער עפענען די יידן די געוועלבער, געוועלבלעך, בודקעס און טישלעך, מען האַנדלט מיטן גוי, מיטן ייד, און מיט וואָס עס לאָזט זיך.

אָבער דער גרויסער מסחר גייט אָן באַזונדערס אין די מיטוואָכן, ווען אין קאָסעוו איז וואָכן־יאַריד. אויפֿן יאַריד איז די לייזונג אַ סך אַ שטאַרקערע, אי אין די געוועלבן, אי אויף דעם „זאַרינעק", וווּהין טויזנטער גויים טרייבן אַרויס זייערע שאָף, רינדער, פערד און חזירים און ברענגען כל מיני אַנדערע זאַכן. די יידן זענען דאָ אי סוחרים, אי פאַרמיטלער, אי פּשוטע צוהעלפער, און אַ חוץ דעם שטעלן זיי אויס דאָ טישלעך, ווו דער גוי קאָן באַקומען אַלץ, פון אַ פּאָסטאָל און פּאַטשיילע ביז אַ גלעזל בּאַרן־קוואַס, אָדער פּשוט קאַלט וואַסער פון אייז.

אין שטאָט האָבן ווידער געגייט די שניידערס און געקלאַפּט די בלעכערס. אַ דאַנק דער איניציאַטיוו און דער אומגעווייגלעכער ענערגיע פון אַזעלכע פּיאָנערן ווי מאָטיע בענדער און יעקב קויפמאַן האָט קאָסעוו זוכה געווען צו אַן אויטאָבוס־פּאַרקער, עלעקטריציטעט און קינאָ.


אָבער צום גרויסן גליק פון דער שטאָט האָט זיך איצט אָנגעהויבן שטאַרק אַנטוויקלען דאָס וועבעריי־פאַך. דאָס פאַך האָט אין קאָסעוו שוין אַ געוויג לאַנגע געשיכטע. האָט זיך אָנגעהויבן סוף פאַריקן יאָרהונדערט און איז באַשטאַנען אין אויסאַרבעטן אויף האַנטוואַרשטאַטן „זאַפּאַסקעס", „אָפּינקעס" און גאַרטלען פאַר די פּויערטעס. דאָס איז געווען אַ פּרימיטיווע הויז־אינדוסטריע. אונדזער לאַנדסמאַן זלמן מוילער דערציילט, אַז אַרום יאָר 1885 האָט שמואל באָכנער, דער ערשטער פאַרבעסערט די קוואַליטעט פון דער פּראָדוקציע אין זיין פאַבריק אָבער, אָן אַ פאַרגלייך מער האָט אויפגעטאָן אויף דעם געביט אין די יאָרן פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה אונדזער * אַלטער הילמאַן, וועמענס וועב־אַרטיקלען און באַזונדערס זיינע קילימעס (טעפּיכער) זענען געווען אַ שם־דבר אין גאַנצן לאַנד. זיין פאַבריק איז געווען די ערשטע, וועלכע האָט זיך באַנוצט מיט אַן אייגענעם עלעקטרישן מאָטאָר צום באַטרייבן די וואַרשטאַטן. הילמאַן האָט באַשעפטיקט אַן אָנזעעוודיקע צאָל יידישע אַרבעטער און אַפילו „זוכה געווען" אין יאָר 1907 צו אַ שטרייק פון זיינע אַרבעטער. צו הילמאַנס אַרבעטער האָבן זיך גלייך אָנגעשלאָסן די רעשט וועבער פון אַנדערע קליינע פאַבריקן, און

---

* איך זאָג „אונדזער" מיט באַזונדערער באַטאָנונג און עס באַוועגט מיך דערצו פאָלגנדער פאַקט : אַלטער הילמאַן, זייענדיק פאַרשיקט קיין טראַנסניסטריע אין רומעניע, פון וואַנען ער איז נישט מער צוריק געקומען, האָט פון דאָרט מיטגעגעבן מיט אַ מענטשן אַ גאָלדענעם זייגער, און געבעטן איבערגעבן די קאָסעווער לאַנדסלייט. די טאַט איז סימבאָליש פאַר אַ קאָסעווער און זייער רירנד ! דער זייגער איז אַ ביישטייער פאַרן יזכור־ספר.

דער שטרייק האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ נצחון פון די אַרבעטער. (זלמן מאולער — „זכרונות״).

די פאַבריק האָט געאַרבעט און פּראָדוצירט אירע שיינע טעפּיכער ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.



פועלות בבית־החרושת הילמן. באמצע: שטייגמן, מנהל עבודה.
(ברקע: מרבד־קילים, תוצרת ביהח״ר).
אַרבעטערינס אין דער „הילמאַן״־פאַבריק, מיטן ווערקפירער שטייגמאַן.
(אין הינטערגרונט: הילמאַן־קילים).



קבוצת פועלי בית־החרושת הילמאַן
אַ גרופּע אַרבעטער אין „הילמאַן"־פאַבריק.

בעת פאַר דער מלחמה האָט דאָס וועבער־פאַך איבערגעלעבט אַ קריזיס, האָט עס אַצינד זיך אַזוי אַנטוויקלט, אַז דער נאָמען קאָסעוו איז געוואָרן אידענטיש מיט קילימעס. טויזנטער יידן און גויים האָבן געהאַט פּרנסה פון קילימעס, און עס האָבן דערפון אויך גענאָסן אנדערע בראַנזשעס (ווי מעבל, קליידער א.א.וו. ביז לוקסוס־אַרטיקלען). אַלט און יונג, מענער און פרויען, אַרבעטער פון באַרוף און יינגלעך פון די אַזויגערופענע „באַלעבאַטישע" הייזער, פאַר וועלכע אַן אַנדער מלאָכה איז געווען אַ בזיון, — אַלץ האָט געאַרבעט.

דערצו איז נאָך צוגעקומען דער גאָר גרויסער שטאַב אַגענטן, פאַרמיטלער, דיסקאָנטערן, וואָס זענען אַרומגעפאָרן איבערן גאַנצן לאַנד און די סחורה פאַרקויפט אויף באַקוועמע ראַטעס, די קילים־פּראָדוקציע איז אַזוי געוואָקסן, אַז גרויסע וואָל־פאַבריקן פון לאָדזש, ביאַליסטאָק א.א. האָבן געעפנט פיליעס און לאַגערן אין קאָסעוו.

די ערשטע קילים־ און טריקאָטאַזש־פאַבריק אויף קאָאָפּעראַטיווע

יסודות, „הסורג״, איז געגרינדעט געוואָרן אין קאָסעוו אין יאָר 1928 דורך יהושע גערטנער און יצחק לאנדמאן (בן שלמה), ביי דער מיטהילף פון די „יידישע קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפטן אין פּוילן״ מיט ד״ר זילבערשטיין אין דער שפּיץ. „הסורג״ האָט באַשעפטיקט אַ 40 אַרבעטער, אויסשליסלעך יידישע.

אין יאָר 1934 האָבן זיך די קילים־פּראָדוצירער אָרגאַניזירט אין „זוויאָנזעק קילימארסקי״ און געשאַפן אויך אַ קאָאָפּעראַטיוו פאַר איינקויף. אין שפּיץ פון פאַרבאַנד זענען געווען יצחק לאַנדמאַן (בן שלמה), ח. ה. שטיינער, יוסף יעגערמאַן, ד״ר יצחק ברעטלער. לאנדמאן איז בכלל געווען דער הויפּט־איניציאַטאָר פון דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג אין קאָסעוו.

אַן אָרגאַניזאַציע פון די קילים־פּראָדוצענטן איז געווען אַ נויט־ווענדיקייט נישט נאָר פון מסחרישן שטאַנדפּונקט, נאָר אויך צוליב:

1) די שיקאַנעס פון די מאַכט־אָרגאַנען און דער עיקר פון שטייעראַמט, וועלכער האָט שוין גאָר נישט געוווסט קיין גרענעץ ביים אַרויפלייגן שטייערן און זיך באַנוצט מיט די געמיינסטע מיטלען בעת די אָפטע קאָנטראָלעס אויף די פאַבריקן דורך שטייער־באַאַמטע צוזאַמען מיט פּאָליציאַנטן. זיי האָבן דערביי געשטעלט אין קאָן אַן אינדוסטריע־צווייג, וואָס האָט מפרנס געווען כמעט די גאַנצע באַפעלקערונג, גויים און יידן, אין באַצירק. ווען עס האַנדלט זיך וועגן יידן, איז תמיד גילטיק דער אַלטער כלל פון — מיר איין אויג, אַבי דיר, ייד, צוויי.

2) דער קאָנקורענץ פון אוקראַאינישע קילים־קאָאָפּעראַטיוון, ווי די באַקאַנטע „מיסטעצטוואָ״ און אויך פּוילישע, וואָס האָבן אַלע געאַרבעט פריי, ביי לאָיאַלער אונטערשטיצונג פון די מאַכט־אָרגאַנען.

3) דעם אַלגעמיינעם באָיקאָט קעגן די יידן אין מסחר, וועלכער האָט באַקומען אונטערשטיצונג פון אויבן. עס איז אַלעמען באַקאַנט די באַרימטע תשובה פון פּוילישן פּרעמיער אין סיים אויף אַ פראַגע, צי מען דאַרף באָיקאָטירן דעם יידישן האַנדל. „אָווּשעם״, האָט ער געענטפערט, דאָס מיינט — אדרבה!

יידן, וואָס האָבן אָנגעפירט מיט אַ פּראָדוקציע אין אַזאַ גרויסן מאסשטאַב, האָבן געמוזט האָבן קרעדיט, אָבער די אָפיציעלע בענק האָבן זיי דערין געמאַכט שוועריקייטן. און דאָ איז ווידער, אַ דאַנק דער הילף פון אויבן־דערמאָנטע „יידישע קאָאָפּעראַט.־געזעלשאַפטן אין פּוילן״, געשאַפן געוואָרן אין קאָסעוו, אין יאָר 1929, אַ פאָלקס־באַנק אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות, אַ באַנק, וואָס איז מיט דער צייט געוואָרן איינע פון די ערשטע

פון דעם מין אין פוילן. די גרינדער פון דער באַנק זענען געווען ד״ר יעקב גערטנער, יהושע גערטנער, בנימין ערליך, יצחק לאַנדמאַן, מענדל מאַרמאַרוש, שמואל דרעזנער, דוד פריילעך.

מענדל מאַרמאַרוש איז געווען דער לייטער פון דער באַנק ביזן יאָר 1937, דערנאָך יהושע גערטנער — ביז 1939.

די באַנק האָט באַזאָרגט די יידישע סוחרים און אינדוסטריעלער מיט וויטן קרעדיט, געפירט גרויסע אַגענדן און געהאַט אין איר לעצטן בילאַנס־יאָר אַן אומזאץ פון 31 מיליאָן זלאָטעס.

עס איז אויך אַנטשטאַנען אַ „גמילת־חסד־קאַסע״, געגרינדעט דורך קאָסאָווער לאַנדסלייט אין אַמעריקע, מיט אַ קאַפּיטאַל פון 2500 דאָלאַר, וואָס האָט געגעבן אָן־פּראָצענטיקע קליינע הלוואות פאַר באַלמעלאָכעס און קליינע סוחרים.

דאָס קאַפּיטל קרעדיט וויל איך אָפּשליסן, דערמאָנענדיק צוויי אַנדערע שוין „היסטאָרישע״ בענק, וואָס האָבן עקזיסטירט אין קאָסעוו ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה:

1) די „קרעדיט־אַנשטאַלט פאַר האַנדל און געווערבע״, וועלכע האָט געהערט צו משה קאַמיל.

2) דער „קאָמערציעלער קרעדיט־פאַראיין״, וועמענס באַזיצער איז געווען דוד עלטיס. אין דער דאָזיקער עלטיס־באַנק האָבן געאַרבעט אונדזערע גוטע ציוניסטישע חברים ש. א. הייזלער און בערל גאָלדשטיין, וועלכע האָבן אונדז דאָרט געקאָנט העלפן אין דער ציוניסטישער אַרבעט און עס אויך געטאָן.

ווי האָט עס אויסגעזען מיט דערציונג און קולטור אין דער צייט צווישןביידע וועלט־מלחמות?

די העברעישע פאָלקס־שולן האָבן שיין געאַרבעט און זיך אַנטוויקלט.

עס איז אויך געטאָן געוואָרן אַ גרויסע אַרבעט צו שאַפן אַ העברעאישע מיטל־שול, וועלכע איז געווען אַ גרויסע נויטווענדיקייט. אויף צו געבן די קינדער מיטלשול־בילדונג האָבן די עלטערן געמוזט שיקן זיי למרחקים, אַ סך האָט בכלל געפעלט די מיטלען דערצו, און אַ חוץ דעם האָבן די פּוילישע עפנטלעכע גימנאַזיעס געמאַכט וואָס ווייטער אַלץ גרעסערע שוועריקייטן פאַר יידן.


האָט אַ גרינדונג־קאָמיטעט מיט ח. צ. שטיינער בראש געשאַפן אַ העברעיש־פּוילישע גימנאַזיע, אויפגענומען ערשטקלאַסיקע לערער און אױעקגעשטעלט די שול אויף אַ געהעריקער הייך. אַזוי אַרום איז צום ערשטן

מאָל געגעבן געוואָרן אַ מעגלעכקייט פון בילדונג פאַר ברייטערע שיכטן פון דער באַפעלקערונג. אָבער די קאָסעווער פאָליאַקן איז דאָס נישט ניחא געווען און אויף זייער השתדלות האָבן די מאַכט־אָרגאַנען נאָך צוויי יאָר טעטיקייט די שול פאַרמאַכט.

ענלעך איז געווען דער גורל פון אַ צייטונג. אין 1934 איז אין קאָסעוו אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ צוויי־וואָכן־צייטונג „קאָסעווער שטימע", רעדאַגירט פון אברהם קרייזעל, ד"ר יצחק ברעטלער, יהושע גערטנער, אברהם פינדער, ח. צ. שטיינער. אונטערן דרוק פון דער מאַכט האָט זיך די צייטונג אין יאָר 1936 געמוזט אָפּשטעלן.

פאַרטייען און זייער טעטיקייט

כדי צו קאָנצענטרירן די ציוניסטישע אַרבעט אין איין אָרט, האָט מען ווידער אויפגעטאָן אַ גרויסע זאַך. מען האָט אויפגעבויט אַן אייגענעם „בית־עם". דאָס איז געווען אַ שטאָקיק הויז מיט אַ שיינעם זאַל פאַר פאָרלעזונגען, קורסן, סתם צו לייענען צייטונגען און אָפּהאַלטן זיצונגען און קאָנפערענצן. געווען דאָרט אויך לאָקאַלן פאַר דער העברעישער שול און דער ביבליאָטעק. פאַרנומען זיך מיטן „בית־עם" האָבן פאַר אַלעם:



ועד בית־העם: מ. מרמרוש, י. גרטנר, ה. הילמן ואחרים (1924).



ארגון הנוער „עקיבא“ (ציונים כלליים), תרצ״ב.

דוד פּאָגעל, שמואל (פּענדוציע) דרעזנער, לייב מילבויער, מענדל מאַרמאַרוש, ה. צ. שטיינער.

איך וויל אויף דעם אָרט אויך דערמאָנען ד״ר מנשה מאַנדעל, וואָס איז אַ סך טעטיק געווען אין דעם „בית־עם“ און וועלכער האָט איבערהויפּט מיט זיין ברייטן וויסן, שאַרפן יורידישן שכל און גרויסן ציוניסטישן ברען אַ סך בייגעטראָגן צום פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן אין קאָסעוו, הי״ד.

די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס פון די אַלגעמיינע ציוניסטן „עקיבא“ איז געווען אַ זייער אַקטיווע.

חוץ די „אַלגעמיינע ציוניסטן“ און „מזרחי“ האָבן זיך אין קאָסעוו במשך פון דער צייט אַנטוויקלט די אַרבעטער־פּאַרטייען.

וויפל עס איז ביי אונדז געווען קאָמוניסטן, איז שווער צו וויסן, צוליב דעם קאָנספּיראַטיוון כאַראַקטער פון דער פּאַרטיי, יעדנפאַלס נישט קיין סך.

אויך די בונדיסטן האָבן קיין סך נישט אויסגעמאכט. נאָר עטלעכע פון זיי זענען געווען זייער פּאָפּולער אויף דער יידישער גאַס, ווי אַ שטייגער:

הערש זידערער, דער „סעפּאַראַטיסט“ (סעפּאַראַציע ? פון וואָס ?),

וואָס אויף שעהען־לאַנגע פריינטשאַפטלעכע שפּאַצירגענג (נוסח פלאַטאָן) צווישן אים מיט דעם מיליטאַנטן ציוניסט יהושע גערטנער ווערן באַאַרבעט אויפן קול און מיט זשעסטיקולאַציע אַלע וועלט־פּראָבלעמען;

שמואל שניידער, דער בעסט־באַצאָלטער שניידער אין שטאָט, וואָס בשעת ער שניידט צו דעם הויז, איז ער תמיד גרייט צו פירן אַ הייסן וויכוח, און קלוג, און מיט הומאָר;

ברוך בעקער („יוקעש") דער געבוירענער קאָמיקער (היינט אין אַמעריקע) א. א.

צו אַן ערנסטער פּאַרטיי איז אויסגעוואַקסן די „פּועלי־ציון"־פּאַרטיי.

ביי אָט דער פּאַרטיי האָט זיך געפונען אַ גרויסע ביבליאָטעק, וואָס האָט לעצטנס פאַרמאָגט אַ 3000 ספרים אין עטלעכע שפּראַכן מיט אַ גרויסן לייען־זאַל, ווו מען האָט אויך אָרגאַניזירט פאַרלעזונגען און די א. ג. ליטעראַרישע אָוונטן. די יוגנט־אָרגאַניזאַציע פון דער פּ"צ־פּאַרטיי „פרייהייט" איז געווען זייער אַקטיוו. די פּאַרטיי איז געשאַפן געוואָרן אין יאָר 1921, און אירע גרינדער זענען געווען: מרדכי ברימעל, יוסף מערבוים, ברוך ענגלער, יוסף ווינטער, באבציע האָפּנבערג, חיה־שרה באַרטפעלד, פערל ראָל א. אַ.

די פּאַרטיי האָט געגעבן פּראָפעסיאָנעלע שוץ דעם אַרבעטער אין



מפלגת „פועלי־ציון", עם מוני ברימל.

ענינים פון לוין, אַרבעטס־שעהען א.א.וו. און האָט אויך נישט איין מאָל געמוזט אָנפירן מיט שטרייקן קעגן באַזונדערס איינגעשפּאַרטע אַרבעטסגעבער.

די פּ״צ האָבן שפּעטער אויך געהאַט אַ שטאַרקע פאַרטרעטונג צווישן די יידישע ראטמענער אין דעם שטאָט־ראַט און גענומען אַ שטאַרקן אָנטייל אין די לאָקאַלע און אַלגעמיינע יידיש־נאַציאָנאַלע אַרבעטן.

אין יאָר 1924 איז געגרינדעט געוואָרן ביי דער פּ״צ־פּאַרטיי אַ פיר־קלאַסיקע פאָלקס־שול מיט יידישער אונטערריכט־שפּראַך. די לימודים זענען דאָ געווען בחינם, וואָס עס איז דערמעגלעכט געוואָרן אויך דורך דעם, וואָס דער רוב לערער זענען געווען פרייוויליקע, פּאַרטיי־חברים (מוניע ברימעל, יוסף מערבוים, ברוך ענגלער, יצחק קרעמער א. א.) און נאָר צוויי באַרופס־לערער, פרעמדע, זענען געווען געצאָלטע.

אַ דראַמאַטישער קרייז א. נ. פון אנסקין האָט מיט דערפאָלג אויפגעפירט אַ רעפּערטואַר פון גוטע פּיעסעס אין קאָסעוו און אין דער סביבה. די „סטאַרס״ פון קרייז זענען געווען, ווי עס גיט מיר איבער אַ „יודע־דבר״: פּערל ראָל, קיילע טאַו, פרידע דרעזנער, רחל שטיינער, ברוך בעקער, יוסי העלפער, יהודה האָפנבערג, ב. ענגלער און אַנדערע.



חוג דרמטי, עם דניאל פרנקל.



קן „השומר הצעיר“ נפרד מהח׳ שלמה קלמן, לעליתו ארצה.
דער „השומר הצעיר“ געזעגנט זיך מיטן ח׳ שלמה קלמן, צו זיין אָפּפאָר קיין א״י.

גרויסן נוצן האָט דער קרייז געהאַט פון דער רעזשי פון ה׳ דניאל פרענקל, אַ זון פון גאַנץ אַסימילירטע עלטערן אין קאָסעוו, וועלכער האָט פריער נישט געקענט קיין יידיש וואָרט, איז שפּעטער אַוועק פון דער היים, שטודירט פילאָזאָפיע, זיך באַקענט מיט דער „ווילנער טרופּע“ און איז נאָך יאָרן אַהיים געקומען מיט אַ סך קולטור און שטאַרקער ליבע צום יידישן וואָרט און דער יידישער בינע. ער איז זייער יונג געשטאָרבן.

ווייטערע פּרטים וועגן דער „פּועלי־ציון“־פּאַרטיי, אין אַ באַזונדערן אַרטיקל אין דעם ספר.

די לינקע „שומר־הצעיר“־פּאַרטיי האָט געהאַט אַן אָנגעזעענע צאָל חברים פון די אַרבעטער־שיכטן. ווי עס גיט איבער דער אקטיווער „שומר הצעיר“־חבר ב. רייכער, זענען די ערשטע אָנפירער און דערציער אין דער „השומר הצעיר“־באַוועגונג אין קאָסעוו געווען: משה מילבויער און יעקב מאַרמאַראָש. מען האָט אַרויסגעשיקט חברים אויף קורסן און סעמינאַרן, און אזוי אויסגעבילדעט אַ ריי נייע דערציער ווי: אייזנקראפט, מרדכי ריגלער, מנחם וואָלף ברימעל, חנה פרענקל א. א. די קאָסעווער חברים זענען געווען די מיטגרינדער פון הכשרה־קיבוץ אין בראָשניאווא



קן „השומר הצעיר".



קבוצת „קדימה"

ביי סטאַניסלאַוואָוו, „המנוף". חברים פון דער דאָזיקער הכשרה געפינען זיך היינט אין ישראל אין קיבוץ גת, אין נגב.

קאָסעוו אַליין איז געווען אַ וויכטיקער פונקט פאַר הכשרה. נישט נאָר קאָסעווער, נאָר אויך פון אַנדערע ערטער געקומענע חלוצים האָבן דורכגעמאַכט זייער הכשרה אין קאָסעוו. זי איז באַשטאַנען צומיינסטן אין אַרבעט ביי קילים־וועבעריי, וועלכע האָט אַ חוץ קרעפטיקן די מוסקולן אויך געגעבן מיטלען צום לעבן. אַזוי אַרום איז קאָסעוו געווען פאַר אַ סך יוגנטלעכע אַן איבערגאַנגס־סטאַציע אויפן וועג קיין א"י.

עס האָבן עקזיסטירט אין קאָסעוו אויך ספּאָרט־קלובן ווי דער „הכוח" (אַלגעמיינע ציוניסטן) און „הפועל" (פּ"צ), ווו מען האָט געקאָפּעט דעם באָל און זיך באַמיט, ווי עס זאָל נישט זיין, אַריינצוטרייבן אים אין שונאס טויער.

נאָך אַ מאָל — קהילה

ווי שוין פריער באַשריבן, האָבן די נאַציאָנאַלע קרייזן דאָרט קיין דריסת־הרגל נישט געהאַט, און דאָס צוליב דער אונטערשטיצונג, וואָס די מאַכט האָט געגעבן „אירע" יידן. צענדליקער יאָרן האָט דאָרט געהערשט ביד־חזקה דער קולטוס־פּרעזידענט, ה' אברהם לאָקער, איינער פון די רייכסטע לייט אין שטאָט, אַ קלוגער, שפּיציקער קאָפּ, אָן בילדונג. אים ביי דער זייט איז געשטאַנען דער שטענדיקער סעקרעטאַר ה' וואָלף קרומהאָלץ, דער איידעם פון דוד עלטיס, אַ קולטורעלער מענטש, דער „אוטשאָני יעווּרעי" פון קהילה־ראַט.

די קהילה־לייט האָבן רעגירט ווי אויף אַן אייגענעם פאָלוואַרק, פאַר אַלעמען — שטרענג אויסגעמיטן צו געבן געלט אויף נאַציאָנאַלע צוועקן. האַרט פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן זיי צוליב טאַקטישע סיבות צוגעלאָזט געציילטע פאַרטרעטער פון די ציוניסטן, אָבער דאָס האָט נישט געענדערט דעם פּרצוף פון דער קהילה און איר טעטיקייט.

די יידן אין דער שטאָט־געמיינדע

בנוגע דער שטאָט־געמיינדע, זאָל דאָ קודם געמאַכט ווערן אַ קורצע היסטאָרישע באַמערקונג: אין לעצטן פערטל פון פאָריקן יאָר־הונדערט, דאָס הייסט פאַר דעם אַלטן עסטרייך, איז אונדזער, שוין אַזוי גוט באַקאַנטער, דוד עלטיס, געווען אַ קורצע צייט בירגערמייסטער אין

קאָסעוו און מיט אים עטלעכע יידן אין בייראַט, דערונטער דוד גערטנער, אַלטער הילמאַן א. א.

זייט 1919, דאָס יאָר ווען קאָסעוו איז געוואָרן פּויליש, און ביז 1928 זענען אין דער געמיינדע קיין וואַלן נישט אויסגעשריבן געוואָרן, נאָר עס האָבן דאָרט געהערשט נאָמינירטע קאָמיסאַרן. אין בייראט איז טייל מאָל געווען אויך אַ ייד, אָבער פון די אנשי־שלומנו. פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ מין געמיינדע־לייטונג צוזאַמען מיט איר שטאָב באַאַמטע, וואָס איז געווען גאַנץ יידנריין, האָט זיך ווייניק וואָס איבערגענומען מיט די ערנסטע פּראָבלעמען פון שטאָט, וועלכע איז געווען אינגאַנצן אַ יידישע.

אין זאַך האָט מען די יידן נישט געזשאַלעוועט: שטייערן פון כל המינים און אַלערליי שטראָפן.

ביי די ערשטע וואַלן צו דער געמיינדע, אין יאָר 1928, האָבן די יידן באַקומען — לויט אַן אינערלעכן אָפּמאַך צווישן אַלע אינטערעסירטע — די העלפט פון דער אַלגעמיינער צאָל מאַנדאַטן. ביי דער אונטערשטיצונג פון די אוקראַינער האָבן זיי געהאַט שאַנסן אויף אַ יידישן בירגערמייסטער, אָבער צוליב שענדלעכע מאַניפּולאַציעס פון די איינציקע צוויי יידישע אויסגעוויילטע, וואָס האָבן געהערט צום מה יפית־לאַגער און מורא געהאַט פאַר א ציוניסטישן בירגערמייסטער, זענען די ציוניסטן דערביי נכשל געוואָרן.

אין אַ יאָר שפּעטער זענען די אויסגעוויילטע געווען שוין לויטער ציונים, און נאָך אַ קורצן עפּיזאָד מיט אַ פּאָליאַק (ד״ר קארפינסקי), איז אין יאָר 1929 געוויילט געוואָרן איינשטימיק אַלס בירגערמייסטער דער זייער פּאָפּולערער ד״ר יעקב גערטנער.

ד״ר גערטנער איז געווען איינע פון די בולטסטע געשטאַלטן אין שטאָט און אים איז געווידמעט אין דעם ספר אַ באַזונדער אַרטיקל. דאָ וויל איך נאָר קורץ באַמערקן, אַז ד״ר גערטנער האָט אַרויסגעטריבן דעם טראַדיציאָנעלן אַנטיסעמיטיזם פון דער געמיינדע, געזאָרגט פאַר גערעכטער שטייערן־פאַרטיילונג, פאַרשענערט די שטאָט, פאַרבעסערט דעם סאַניטאַרן צושטאַנד און געטאָן פאַר דער פאַרבעסערונג פון דער עקאָנאָמישער לאַגע אין שטאָט. אַ ייד האָט ענדלעך געהאָט אַ פרייען צוטריט צום בירגערמייסטער און צו די ניי אויפגענומענע יידישע באַאַמטע. אָבער עס זענען געקומען די יאָרן 1933—1934 מיט די באַקאַנטע פּאָליטישע פּאַסירונגען אין אייראָפּע, וואָס זענען געווען דער אָנזאָג פון שפּעטערן גרויסן אומגליק אין פּוילן, און אויך אין קאָסעוו האָט זיך

דערפילט דער נייער קורס. און ד״ר גערטנער, טראָץ זיין באַליבטקייט ביי אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, אויך ביי די גוים, האָט זיך אין 1934 אָנגעגעבן אין דעמיסיע, נישט וועלנדיק אַרבעטן אונטער דער נייער „אָזאָן״־דיקטאַטור.

אויפן גרונט פון ענדערונגען אין דער וואַל־אָרדינאַציע איז דאָרט נאָמינירט געוואָרן אַ קאָמיסאַר, וועלכער איז פאַרבליבן אויף זיין בענקל שוין ביזן סאַמע פאַנאַנדערפאַל פון פוילן. דאָס איז געווען פולקאָווניק לעוויצקי, אַ גרויסער אַנטיסעמיט, וועלכער האָט אָנגעטאָן יידן צרות, וויפל נאָר ער האָט געקאָנט. צוו. א. האָט מען, למשל, אונטער דראָונגען אַרויסגעפרעסט ביי די יידן געלט אויף אַן עראָפּלאַן און — הערט די פערפידיע! — עס איבערגעשיקט קיין וואַרשע דורך אַ דעלעגאַציע פון אוקראַינישע הוצולן אַלס זייערע אַ מתנה!

*

ביי דעם פונקט, נאָכן אָנצייכענען שטריכן וועגן ד״ר גערטנער, און וויל מיר דערנענטערן זיך צום סוף פון באַשרייבן דאָס נאָך לעבעדיקע קאָסעוו, וויל איך דערקלערן פאָלגנדעס:

איך האָב געבראַכט אויף די זייטן פון מיין באַשיידענער אַרבעט אַ גאַנצע ריי נעמען פון קאָסעווער מענטשן ס׳רוב אין צוזאַמענהאַנג מיט זייער געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישער טעטיקייט. איך האָב אפשר דאָ און דאָרט עמעצן נישט גענוג לויט זיין כבוד געשילדערט, אָדער סתם אייניקע פאַרגעסן, — זאָל מען מיר גלייבן, אַז עס איז אָן אַ שלעכטער כוונה און זיכער נישט צוליב פּערזענלעכע מאָטיוון.

מיר זענען היינט אַלע פריי פון יעדער דיסקרימינאַציע, מיר קוקן צוריק אויף דער פאַרגאַנגענהייט אָן טענות און זעען נאָר אַ טיפּיש טייער יידיש שטעטל מיט משטיינס־געזאָגט „בורזשויעס״ און אַרבעטער, אָרעמע און רייכע, פרומע און פרייע, אַ פילפאַרביקייט פון חסידות ביז בונדיזם, „מזרחי״ ביז לינקע „השומר־הצעיר״, אַ שטעטל וווּ מענטשן האָבן זיך צו זייערע אידעען באַצויגן ערנסט, וווּ עס האָט זיך געקאָכט, וווּ מען האָט קעגנזייטיק זיך אַריינגעזאָגט, אַ מאָל מיט קולי־קולות. גאַנץ נאַטירלעך, וויל ווי האָט איינער געזאָגט? — נאָר אויפן בית־עולם איז שטיל. כל הכבוד זיי אַלעמען!

ווען מיר האָבן אין יענעם גורלדיקן טאָג פון 1 סעפּטעמבער 1939 זיך צוגעהערט מיט קלאַפּנדיקע הערצער צו דער קורצער און פייערלעכער מיטטיילונג פון פּוילישן פּרעזידענט מאָשציצקי דורכן ראַדיאָ, אַז דער „אייביקער פיינט" פון פּוילן איז אַריבער די דייטשע גרענעצן און האָט באַוואָרפן פּוילישע שטעט מיט באָמבעס און אַז, נאַטירלעך, מען וועט זיך נישט לאָזן מיט גאָטס הילף — האָבן מיר דעמאָלט נישט געקאָנט זיך פאָרשטעלן וואָס פאַר אַ שרעקלעכע תקופה אין דער מענטשלעכער געשיכטע עס הייבט אָן דער דאָזיקער טאָג.

וואָס עס האָט זיך ביי אונדז אָפּגעטאָן באַלד פון ערשטן טאָג מלחמה, דער כאַאָס, דאָס פאַרשווינדן פון יעדער אָרגאַניזאַציע, דאָס ווילדע לויפן ביי טאָג און ביי נאַכט, פון אַלע ריכטונגען, צו דער רומענישער גרענעץ, — איז אומבאַשרייבלעך!

בעת דעם דאָזיקן אַנטלויפן האָבן זיך אין קאָסעוו פאַרהאַלטן מערערע טעג דער פּרעמיער סקלאַדקאָווסקי, מיניסטער בעק א. אַ. מיט זייערע משפחות און זייער האָב און גוטס. זייער באַנעמען זיך אין די דאָזיקע אַזוי טראַגישע טעג פאַר פּוילן איז, דרך אגב, גאָרנישט געווען פּאַסיק פאַר פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָליטיקער. מען האָט זיך געלאָזט ווילגיין, געטרונקען און זיך פאַרנומען מיט גאָר נישט קיין וויכטיקע זאַכן. דאַקעגן האָבן זיי אין די דאָזיקע קריטישע טעג אַרויסגעוויזן נאָך מער זייער אַנטיסעמיטישן פּרצוף.

הבעייה העיקרית שנעמדנו לפניה בכל חומרתה היתה השגת עבודה בפרדסים, שהיו סגורים בפני עבודה עברית; רק עבודה ערבית זולה העסיקו הפרדסנים היהודים. מתוך כך ברחו רבים מהעולים החדשים, שהגיעו מקרוב לכפר סבא, העירה, לת"א, שם נמצאה עבודה בבנין בתנאים הרבה יותר טובים מאשר בחקלאות. אבל אנחנו, גוף קיבוצי, לא הלכנו לחפש חיים קלים יותר, כי משימתנו היתה לחדור לחקלאות, להתקיים ולהיבנות ממנה. רצינו להסתפק ב־20 גרוש ליום עבודה בפרדס אבל גם זה לא ניתן לנו. לשכת העבודה של ההסתדרות אירגנה משמרות ליד שערי הפרדסים, שם התנכלו לעבודה עברית. עם פועלי כפר־סבא השתתפו במשמרות גם אישים ידועים מהארץ, בכדי להניע את הפרדסנים לקבלת עובדים עברים. הפרדסנים מצידם הזעיקו את המשטרה הבריטית נגד המשמרות וזאת אסרה את המשמרת. אבל המלחמה לעבודה עברית לא פסקה, עד שהבועזים הכירו בזכותנו כתושבי המקום לעבודה ובלשכת העבודה של ההסתדרות כאירגונו של הפועל בארץ. יחד עם ההישג בקבלת עבודות־חוץ דאגנו גם להקמת משק עזר, אמנם בצעדים איטיים. חסכנו כדי להקים איזה צריף, הקימונו בתי מלאכה, והנחנו יסודות לכמה ענפי משק: לול, רפת, גן ירק, שהפך להיות מקור פרנסה רציני מראשית

הימים. לקחנו חלק בחיי ציבור הפועלים במושבה וכן התקבלנו, מיד עם בואנו, להגנה והתחלנו באימונים צבאיים בחשאי בל תרגיש בכך עין המשטרה הבריטית.

ב־1936 התחילו הפרעות בארץ, התקפות של הערבים על ישובים יהודיים ועל עוברים ושבים בדרכים. המחנה שלנו היה בסביבה סמוכה לכפרים הערביים, שמהם יצאו כנופיות מזויינות להתקפה. אנו השתתפנו בשמירה בפרדסים שבסביבה ובמחננו שמרנו אפילו בלי נשק כי זה לא היה בנמצא במידה מספקת באותם הימים. השמירה בלילה והעבודה ביום — היו מהדברים הרגילים במשך זמן מסויים. החיים התנהלו תוך דריכות מתמדת.

קטע אחר מחיי שנחרת בזכרוני היה ביקורי בקוסוב ב־1939, חמש שנים אחרי עליתי. מצאתי את העיר שונה בהרבה מאשר לפני עלייתי אמנם העיר גדלה יותר במבנים, אבל בשטח החברתי היתה ירידה גדולה בין הצעירים. חסרה היתה אותה התסיסה החברתית והפוליטית משנת 1934. הנוער ברובו היה פיליסטרי ללא כל מטרה ברורה לעתיד, המצב הכלכלי בכללו לא היה רע. חלק מהצעירים עזב את העיר ונדד לערי פולין הגדולות תוך עיסוק במכירת מרבדים. אבל גם אז היו כאלה אשר לא רצו ולא יכלו להסתגל להלך רוח זעיר בורגני. האויר בעיירה היה מחניק להם ומשום כך עזבו את העיירה. רוב הצעירים התפכחו מהשקפתם הקומוניסטית ולא אחד הביע רצונו לעלות ארצה ולחיות בקיבוץ. אילו היו פתוחים אז שערי הארץ, הרי העליה היתה פתרון והצלה לרבים מהמיואשים. כבר אז הרגישו באויר אבק שריפה והאיומים של היטלר הידהדו ונטלו את בטחון החיים אצל היהודים.

גם עליה ב׳ היתה כרוכה בסכנת חיים ורק מועטים היו מוכנים לסיכון כזה. ואכן, אלה שהיתה בהם עוד כוננות חלוצית ולא נרתעו מהקשיים הצליחו לבנות את חייהם מחדש בארץ.

כאשר קיבלתי מהקונסוליה הבריטית בפולין אזהרה לצאת את פולין, כי מלחמה מתקרבת, היתה לי הרגשה שאני מציל את עצמי מבלי שאוכל לעזור לכל אלה שנשארו בעיירה, ובפי רבים שם השאלה איך אפשר לעלות ארצה ?

בחזרי ארצה מצאתי את הקיבוץ והוא דן בלהט על אפשרות היציאה להתישבות. איזה מרץ נעורים הקיף אז את החברים לקראת הקמת ישוב קיבוצי חדש במולדת, הרחק בדרום, בסביבה ערבית טהורה עם מעט מקורות מים וכמות גשמים מוגבלת! אבל שטחי האדמה היו נרחבים וקסמו לנו

והפיחו בלב בטחון שאכן נתגבר על הקשיים בכוחות משותפים של הקולקטיב. כל התכונה להתישבות השכיחה מלבי את עגמת הנפש שעברה עלי בזמן ביקורי בקוסוב.

חובה לציין תחנה חשובה בדרכנו והיא בניית ביתנו בהתישבות החדשה, דבר שהיווה מפנה בכל אורח חיינו בארץ ובקיבוץ. אם במושבה התלבטנו בחוסר תעסוקה מלאה לחברים והיה צורך לשלוח קבוצות חברים לעבוד מחוץ לבית בסלילת כבישים, בבנין, או בסיקול אבנים בגליל, הרי בהתישבות חסרו לנו כוחות־עבודה נוכח תנופת הבניה ויצירת משק. צריפים ובתים למגורים צצו וקמו בזה אחר זה. עז היה רצוננו להעביר להתישבות בקצב מהיר ביותר את הילדים וכן חלק גדול מהקיבוץ שנשאר עדיין במושבה.

יחד עם זה השתרעו לעינינו אלפי דונמים פלחה שחיכו לעיבוד, זריעה וקציר, לאיסוף היבולים הגורנה לפני בוא הגשמים ולהקמת גג אשר יגן על עמל כפינו. ידינו היו מלאות עבודה: גיוסים לעבודות נוספות מחוץ ליום הרגיל בכדי להספיק להוריד את היבולים. ראינו לפנינו יום יום התקדמות. והבית שלנו הלך והתבסס מבחינה כלכלית.

מבחינה בטחונית היינו עסוקים בשמירה על השדות, שעדרי הערבים לא ידרסו את יבולנו ובפנים המחנה שמרנו בפני גניבות. השכנים שלנו התקנאו בנו לנוכח הישגינו ביבולים שעלו פי כמה משלהם.

בדרך כלל שררו בינינו ובין שכנינו הערבים יחסים טובים. היו מבקרים אצלנו ואנו אצלם, וכן נתקיימו קשרי מסחר אתם. תמיד הביעו את רצונם לחיות בשלום עמנו.

רק ב־1947, אחרי החלטת האו״ם על חלוקת הארץ, גברה המתיחות בינינו ואנו נשארנו בהתאם למפת החלוקה בחלק של המדינה הערבית. אז התחילו לצוף בפנינו בעיות בטחון שלא ידענו קודם. ושוב, בכוחות משותפים של הקולקטיב ידענו להתגבר על הרבה קשיים.

פה מתחילה פרשת חיינו בתקופת מלחמת השיחרור והוא הפרק הגורלי בקיומנו בתוך תוכה של החזית.

יעקב (בוזיע) רייכער

קאַסעווער געבערג־סוחרים

אַן אָנגעזעענער טייל זענען זיי געווען אין דער קאָסעווער יידישער באַפעלקערונג ווי אויך אין סוחרטום. כמעט דריי דורות האָבן זיך באַשעפטיקט מיט אַרויפפאָרן אין געבערג איינצוהאַנדלען בהמות, רויכוואַרג און אַנדערע סחורות פאַרן יריד, וואָס פלעגט פאָרקומען יעדן מיטוואָך אין קאָסעווו. פאַרהאָרעוועטע און פאַרהאַרטעוועטע יידן זענען זיי געווען און האָבן זיך אין די באַדינגונגען פון פוילן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה שווער געראַנגלט פאַר זייער עקזיסטענץ.

מוצאי־שבת, נאָך הבדלה, ווען יידן האָבן זיך „גוט וואָך" געזאָגט, האָט מען געקאָנט באַמערקן אין די סוחרישע שטובן זיך פאַרזאַמלען גרופעס געבערג־סוחרים. שותפים האָבן זיך אָפגערעכנט אין דער הכנסה פון דער פאַרגאַנגענער וואָך. דאָ האָבן זיך פאַרזאמלט אויך קצבים, פלייש־האַקערס, וועלכע זענען געקומען באַצאָלן פאַר דער קרעדיט־ירטער סחורה, אויך יידן פון אַנדערע האַנדלס־צווייגן און סתם יידן אָפצוגעבן גמילת־חסדים, „געכאַפטע" ביי די סוחרים נאָכן יריד.

שוין צוויי אַזייגער ביי נאַכט האָט מען געקאָנט זעען די זעלבע יידן זיך פאַרזאַמלען גרופעסוויַיז אַרויפצופאָרן אין געבערג, ווער מיט אייגענע „געלעגנהייטן" און ווער מיט פרעמדע. פאַרשידענע קאַטעגאָריעס זענען זיי געווען. געווען יידן, וועלכע האָבן געהאַט אייגענע „פאַלאַנינעס"; געווען אַזעלכע, וואָס פלעגן עקספּאָרטירן בהמות קיין עסטרייך; געווען אַזעלכע, וואָס פלעגן אָפקויפן פאַר אַנדערע סוחרים; מעקלערס און אונטערמעקלערס; יידן, וואָס האָבן פאַרטוישט סחורות, אַנדערע וואָס האָבן געמאסטעט (אויסגעהאָדעוועט) בהמות א.א.וו.

לאָמיר אָנרופן אַ טייל פון זיי:

אליעזר גלאַזבערג, פרץ גלאַזבערג, אביצ׳קי פעלאנדער (האבער), דוד גריינער, זינדל רייכער, שמשון פריזעל, שכר קויפמאַן, משה קרויט־האמער, משה לאריש, רובלע רייכער, משה הערש לאריש, מערבוים, אברהם שטיין ווי אויך זייערע קינדער.

געווען אַ מאָל אַ פאַל, ווען פון יענער זייט גרענעץ פון אונגאַרן איז אַריבערגעקומען אַ גרויסע סטאַדע בהמות, די פוילישע גרענעץ־

פאָליציי האָט זי קאָנפיסקירט און פאַרקויפט די קאָסעווער סוחרים און די האָבן זיך משמח געווען מיט דער גרויסער „מציאה״. אָבער די אונגאַרישע רעגירונג האָט באַלד אינטערווענירט אין וואַרשע, האָבן זשאַנדאַרמען מיט געוואַלד צוריק אָפגענומען ביי די יידן די סחורה און אָפגעגעבן זיי דאָס געלט. האָט מען זיך אין קאָסעוו דעמאָלט געוויצלט, אַז איבער דוד׳ל גריינער, אליעזר גלאזבערג און זינדל רייכער איז שיעור נישט אויסגעבראָכן אַ מלחמה צווישן אונגאַרן און פוילן, און טייל האָבן געזאָגט, אפשר טאַקע אַ גאַנצע וועלט־מלחמה!

אַ שיין און אייגנטימלעך בילד פלעגט זיין אין די קאַרפאַטן־בערג, ווען אויף אַ שפיץ באַרג פלעגט אַ פאַסטוך אויסשפילן אויף זיין פייפעלע זיין פאַסטוך־ליד, און דאָ באַווייזט זיך פלוצים פון טאָל אַ רייטנדיקער קאַראַוואַן פון יידן מיט צעפלאָשעטע בערד און פיאות...

נישט איין מאָל פלעגן די מענטשן זיין אויסגעשטעלט אויף סכנות. ס׳זענען געווען פאַלן פון רויב־איבערפאַלן און אפילו פון הריגות (ווי זיידל שנעבערג). אויך פון ווילדע חיות, וועלף, בערן, פלעגט מען איבער־געפאַלן ווערן. און ווען יידן זענען ניצול־געוואָרן פון סכנות, האָט מען שבת אין די שולן געבענטשט „גומל״ און ביים רבין ביר „געשטעלט״ ביד רחבה.

באַזונדערס שטורמיש פלעגן זיין אין קאָסעוו די מיטוואָך־ירידים, מיטן צוקלאַפן מיט די הענט און מיט די געשרייען. מ׳האָט געקאָנט מיינען, אַז די מענטשן נעמען איין גאַנצע וועלטן. ווען די ירידים פלעגן אַדורך בשלום, ס׳איז געווען פרנסה, פלעגן די סוחרים זיך פאַרזאַמלען ביי ווילד־האָרן, אָדער ביי אברהמצ׳יק שטיינער, מאַכן אַ „לחיים״ און שפילן אַ קערטל.

עצבות איז פרעמד געווען די יידן, אין די שווערסטע באַדינגונגען האָט זיי נישט אויסגעפעלט קיין בטחון און אמונה. פון זייערע ווערטלעך און גלייכווערטלעך וואָלט מען געקאָנט אַ גאַנצע פאָלקלאָר־זאַמלונג צוזאַמענשטעלן. אייגנאַרטיק פלעגן זיין זייערע דין־תורות, וועלכע האָבן זיך תמיד געענדיקט מיט אַ פשרה.

חתונות ביי געבערגס־יידן זענען געווען אַ שם־דבר. ווען זיי פלעגן אויף אַ חתונה שפעט ביי נאַכט אריין פון גרויס שמחה אין התלהבות, פלעגן די קלעזמער אויפשפילן: „אָדער דעם לעקאַך, אָדער דעם פלאָדן, אָדער די פענצטער, אָדער די לאָדן״, און אַז די מחותנים

זענען נישט געווען אַזוי מילד, פלעגן טאַקע פליען די פענצטער אין די לאָדן!

אין די שפּעטערע יאָרן, ווען אין פּוילן האָט אָנגעהויבן הערשן די „אָזושעם"־פּאָליטיק, איז דער האַנדל געוואָרן אַ האַלב־לעגאַלער. די סטאַראָסטעס האָבן נישט געגעבן קיין באַווילּיקונג צום האַנדלען, די זשאַנדאַרמעריע האָט שיקאַנירט, און די יידן האָבן געמוזט אַ גרויסן טייל פון זייערע הכנסות אַוועקגעבן אויף שוחד און מתנות די פּריצים. דער מסחר האָט זיך כמעט ווי אָפּגעשטעלט. די געבערג־סוחרים האָבן אָנגע־הויבן אַריבערגיין צו אַנדערע פּרנסות, און נאָר אַ קלייַנער טייל איז געבליבן ביים האַנדל.

די אַלע יידן, אונדזערע טייערע ברידער, זענען פאַרשניטן געוואָרן דורך די נאַציס. הי"ד!

יוסף ווינטער און ברוך ענגלער

די פאַרטיי „פועלי־ציון צ. ס.״

ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה איז אין קאָסעוו קיין אָרגאַניזירטע אַרבעטערשאַפט כמעט נישט געווען. ס׳האָבן זיך איינצעלנע מענטשן, ווי: זלמן מוילער, מרדכי מייער, מרדכי בענדער, אליעזר און מרדכי ברימל און אַנדערע, גערופן „פועלי ציוניסטן״, אָבער קיין אָרגאַניזאַציע איז נישט געווען. אויסער זיי זענען געווען עטלעכע „בונדאָווצעס״, ווי: הערש זידערער, שמואל שניידער, ברוך בעקער א. אַ. מען האָט דיסקוטירט, זיך געקריגט בעת פּאָליטישע אַקציעס, אָבער קיין מאָל נישט אָרגאַניזירט די יידישע אַרבעטער און נישט געפּרוווט פאַרבעסערן זייער גאָר שווערע לאַגע. זיי האָבן געאַרבעט 12 שעה און מער אַ טאָג, פאַר אַ קליינעם לוין און זייער אָפט ביי שלעכטע סאַניטאַרע באַדינגונגען. אַ לערן־ייִנגל, ווועלכער איז געגאַנגען לערנען אַ פאַך, האָט באַצאָלט דעם באַלעבאָס אַ סומע געלט און געאַרבעט 3 יאָר, אָבער דאָס ערשטע יאָר האָט מען אים אויסגענוצט צו פאַרשידענע הויז־אַרבעטן, ווי, למשל, פירן די קינדער שפּאַצירן. אויך נאָך די דריי יאָר זענען קיין גרויסע מייסטערס פון די באַלמעלאָכעס נישט ארויסגעקומען, און זיי זענען טאַקע געווען שוואַכע פרנסה־געבער.

ערשט נאָכן וועלט־קריג האָבן די אויבן־אויסגערעכנטע פועלי־ציון־חברים, מיט נאָך ייִנגערע כוחות, ווי: זיידע פריילעך, מאיר קויפמאַן, יוסל מערבוים, מוני ברימל, יצחק קרעמער, יוסל ווינטער, באבצי האָפנבערג, חיה שרה בארטפעלד, פערל ראָל, ברוך ענגלער א.א. זיך אָרגאַניזירט און געגרינדעט אין יאָר 1921 די פאַרטיי „פועלי ציון״. איר ציל איז געווען: פאַרבעסערן די לאַגע פון די אַרבעטער, העלפן דער אָרעמער יידישער באַפעלקערונג, געבן אַ מעגלעכקייט דער יוגנט צו לערנען און זיך גייסטיק אַנטוויקלען.

אַזוי ווי אונדזערע מאַטעריעלע מיטלען זענען געווען קנאַפּע, פלעגן אין אָנהייב די אָפטע פאַרזאַמלונגען פאָרקומען אין די וווינונגען פון די געציילטע חברים. די צאָל מיטגלידער איז אָבער געוואָקסן פון טאָג צו טאָג. יוגנטלעכע און עלטערע פון אַלע אַרבעטס־פאַכן זענען צוגעטרעטן צו דער פאַרטיי. דעמאָלט האָט מען געדונגען דעם ערשטן פאַרטיי־

לאָקאַל, פון איין צימער. אָבער שוין אין אַ קורצער צייט האָט מען געמוזט טוישן דעם לאָקאַל און געדונגען אַ גאַנץ הויז פון 4 צימערן. נאָר אויך דאָ איז מיט דער צייט געוואָרן צו ענג.

דער געווײלטער קאָמיטעט איז געקומען אין באַרירונג מיט די באַלמעלאָכעס, וועלכע האָבן באַשעפטיקט אַרבעטער און געפאָדערט פון זיי אַ העכערן לוין, אַכט שעה אַרבעט, פאַרבעסערן די סאָציאַלע באַדינגונגען. אַ טייל אַרבעטסגעבער האָט מיט אונדז פאַרהאַנדלט און נאָכגעגעבן די פאָדערונגען. אַ צווייטער טייל האָט נישט געוואָלט רעדן מיט אונדז. האָבן מיר באַשלאָסן צו פאַרשטרייקן ביי זיי, ביז אין אַ צייט אַרום האָבן אויך זיי נאָכגעגעבן.

עס האָבן טייל מאָל אויך נישט געפעלט קיין שטרייקברעכער, אָבער מיט זיי פלעגט מען באַלד מאַכן דעם חשבון און אויך דאָרט דערלעדיקן פאָזיטיוו.

אויך מיט די פאַבריקאַנטן פון קילימעס און סוועטערס האָט מען זיך געזעצט צום טיש, און ביי די פאַרעקשנטע געמוזט פריער דורכפירן שטרייקן מיט פיקעטן (משמרות) ביי די טויערן, ביז מען האָט אויך זיי איינגעביסן.

די לאַגע פון די אַרבעטער איז אַזוי אַרום געוואָרן פיל בעסער. זיי האָבן ווייניקער געאַרבעט און מער פאַרדינט.

די השפעה פון דער פאַרטיי איז געוואָקסן אין שטאָט און נישט נאָר צווישן די אַרבעטער. אויך אַנדערע טיילן פון דער יידישער באַפעלקערונג האָבן אונדז געשענקט זייער פאַרטרויען און ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, ווי שטאָטראַט־ און קהילה־וואַלן, קאָנגרעס־וואַלן א.א. געשטימט פאַר דער ליסטע פון „פועלי־ציון צ.ס.“.

אונדזער פראַקציע אין שטאָט־ראַט איז געווען זייער אַקטיוו, און אפילו די יידנפיינדלעכע באַאַמטע פלעגן זיך רעכענען מיט זייער מיינונג און דערליידיקן פאָזיטיוו זייערע אָפטע אינטערווענצן.

אויפן געביט פון דערציונג און קולטור האָט די פאַרטיי זיך געוואָרפן מיטן גאַנצן ברען. דאָ איז געווען אַ פעלד פון אַרבעט, אַ גאַנץ ברייטס. די יונגע קינדער פון די אָרעמע שיכטן און אַרבעטער זענען געווען ס׳רוב גאַנץ פאַרנאַכלעסיקט, האָבן נישט געלערנט אין קיין שול, נישט אין קיין חדר, נאָר באַקומען זייער דערציונג אין דער „תלמוד־תורה“, ביי ר׳ אברהמען דעם תלמוד־תורה־מלמד. די מיינסטע פון זיי וואָלטן געבליבן האַלבע און גאַנצע אַנאַלפאַבעטן, ווען די פאַרטיי וואָלט נישט מיט די

ווינציקע מיטלען, וואָס זענען געשטאַנען אין איר רשות, און מיט אַ קליינער אונטערשטיצונג פון די אַמעריקאַנער לאַנדסלייט, געווען געגרינדעט, אין יאָר 1924 בערך, אַ 4־קלאַסיקע יידישע פאָלקס־שול, וווּ די קינדער פלעגן חוץ דער עלעמענטאַרער בילדונג באַקומען אויך עסן און קליידער. מען האָט געלערנט יידיש, פויליש, העברעיש, חשבון און אַנדערע לימודים. צוויי פון די לערער זענען געווען געצאָלטע, די אַנדערע — פרייוויליקע. די געצאָלטע לערער, לאה זאכער און אהרון ברעגמאַן, זענען געשיקט געוואָרן פון דער צענטראַלע, די אַנדערע לערער זענען געווען די פּאַרטיי־חברים: יוסל מערבאום, יצחק קרעמער, יוסל קאַלמאַן, מוני ברימל, ברוך ענגלער א. א.

די קינדער האָבן פלייסיק געלערנט און זענען טאַקע געוואָרן לייט. אויסער דער שול פאַר קינדער האָט די פּאַרטיי איינגעאָרדנט אָוונט־קורסן פאַר דערוואַקסענע, וועלכע פלעגן נאָך דער אַרבעט זיצן שעהען־לאַנג און זיך צוהערן צו די רעפעראַטן און לעקציעס פון די עלטערע חברים.


ס'פלעגן געפירט ווערן אינטערעסאַנטע דיסקוסיעס אויף פאַרשיידענע טעמעס, אין וועלכע כמעט אַלע יוגנטלעכע אַרבעטער פלעגן נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל. די אָנטיילנעמער פון קורסן זענען איינגעטיילט געוואָרן אין קרייזן, און יעדער קרייז האָט געהאַט זיין באַשטימטע שעה אין טאָג ווען זיך צו טרעפן. די באַטייליקונג איז געווען שטענדיק אַ פולע.

די אַרבעטער־ביבליאָטעק, וועלכע די פּאַרטיי האָט אין אַ קורצער צייט נאָך איר אַנטשטייונג געגרינדעט, איז מיט דער צייט אויסגעוואַקסן צו איינער פון די שענסטע קולטור־אינסטיטוציעס אין שטאָט. 300 סטאַבילע לייענער, יידן און אויך נישט־יידן, האָבן געשלונגען ממש די דערלאַנגטע ביכער, אין יידיש, פויליש, העברעיש. דאָס בעסטע און נייעסטע בוך וואָס פלעגט דערשיינען, סיי אין אָריגינאַל, סיי אין איבערזעצונג, פלעגט דער חבר דאָ באַקומען. אַרום 3000 בענדער, אין אַ גרויסן זאַל, 3 מאָל אין וואָך באַדינט מיט פרייוויליקע כוחות. ס'איז געווען אַ באַזונדערע אָפּטיילונג ביכער פאַר יוגנטלעכע. אין אַ צווייטן זאַל זענען געזעסן ביי טישלעך חברים און חברות, יונגע און עלטערע און געלייענט צייטונגען, זשורנאַלן, וואָכנשריפטן, אין יידיש, פויליש, העברעיש. דאָרט פלעגט מען זיך צוהערן צו רעפעראַטן פון אָרטיקע און צוגערייזטע רעפערענטן איבער פּאָליטישע און אַקטועלע טעמעס, מיט און אָן דיסקוסיעס.

ביי דער פּאַרטיי האָט עקזיסטירט אַ „דראַמאַטישער קרייז", וועלכער האָט כמעט יעדן חודש אויפגעפירט פיעסן פון באַקאַנטע שרייבער ווי:



ליגה למען א״י העובדת. פגישה עם א. ש. יוריס.
לימינו: י. גרטנר, ז. פינדר וד״ר ברטלר. לשמאלו: ז. פרייליך, בנדר, ו. לנדמן.



סניף „החלוץ הצעיר״.

ש. אש, אנסקי, פינסקי, בערגעלסאָן, שלום־עליכם א.א. די פאָרשטעלונגען פלעגן תמיד גוט באַזוכט ווערן, און פיל מאָל האָט מען זיי אויפגעפירט אין די אַרומיקע שטעטלעך. באַטייליקט האָבן זיך אין דראַמאַטישן קרייז די ח״ח: ברוך בעקער, יוסל העלפער, משה וויניקער, רחל שטיינער, שרה קרומביין, פערל ראָל, קיילע טוי, יהודה האָפנבערג, דוד הייזלער, פרידע דרעזנער, נחמן בלאָזענשטיין, ברוך ענגלער א. א.

עטלעכע מאָל אין יאָר פלעגן מיר פאַראַנשטאלטן „ליטעראַרישע אָוונטן", וועלכע זענען תמיד אַדורך מיט דערפאָלג. די הכנסה פון די „אָוונטן", איז געגאַנגען פאַר דער ביבליאָטעק.

דער געמישטער כאָר ביי דער פּאַרטיי, וועלכער פלעגט אַרויסטרעטן אויף די „אָוונטן", האָט צוגעהאָלפן זייער דערפאָלג. אין כאָר האָבן זיך באַטייליקט די חברים: אלטער און בת־שבע פעדערינג, קאָפל און דוד הייזלער, אסתר און חנה שערף, פרידע דרעזנער, אסתר לופט.

ביי דער פּאַרטיי איז אויך געווען אָרגאַניזירט אַ ספּאָרט־קלוב „הפועל", וועלכער האָט געהאַט אַ פינג־פּאָנג־סעקציע און אַ פוטבאָל־מאַנשאַפט, וועלכע פלעגט זיך פאַרמעסטן מיט יידישע און נישט־יידישע קלובן. אין דעם קלוב זענען געווען אַקטיוו די חברים: יוסל ווינטער, נתן פרענקל, יוסל קעס, ישעיהו שטערנבערג, ישראל צייגער, יוסל האזענפראץ, יוסל דרעזנער, מאיר בידער א. א.

אויך אַ שאך־קלוב האָט עקזיסטירט, אונטער דער אָנפירונג פון ח. יוסף קרעמער.

אַ באַזונדער קאַפּיטל שטעלן מיט זיך פאָר די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, „פרייהייט", און „חלוץ־הצעיר", וואָס האָבן גרופירט אַרום זיך כמעט די גאַנצע אַרבעטער־יוגנט פון אַלע פאַכן. זיי האָבן געפירט אַ ברייטע קולטור־טעטיקייט צווישן די מיטגלידער. יעדער פון די חברים האָט אָנגעהערט צו אַ קרייז, וווּ ער האָט באַקומען זיין דערציונג. אויסער דעם האָבן זיי געפירט אַ ציוניסטיש־חלוצישע אַרבעט. פיל פון זיי זענען אַוועק אויף הכשרה און שפּעטער טאַקע קיין ארץ־ישראל, ווו זיי זענען ביז היינט אין קיבוצים און קבוצות. זיי האָבן מיטגעאַרבעט אין די ציוניסטישע אינסטי־טוציעס און זאַמלונגען פאַר ציוניסטישע פאָנדן.

די עלטערע פּאַרטיי־חברים זענען, אַ חוץ זייער אַקטיוויטעט אויף דעם געביט פון ווירטשאַפט און קולטור, געווען פּאַרטרעטן און אַקטיוו מיטגעאַרבעט אין ציוניסטישע אינסטיטוציעס: קרן הקימת, קרן היסוד, העברעישע פאָלקס־שול, העברעישע גימנאַזיע, פּאַלעסטינע־אַרבעטער־פאָנד.



ועד סניף „דרור“.

אַזוי ווי קאָסעוו איז געווען אַ הכשרה־פּונקט, פלעגט די פּאַרטיי באַזאָרגן די מענטשן מיט אַרבעטס־מעגלעכקייטן און וווינונג.

די פּאַרטיי האָט אָרגאַניזירט די „העובד“־באַוועגונג, און אירע אַ גרופּע חברים זענען עולה־געווען קיין ארץ־ישראל, צווישן זיי: יוסף ווינטער און משפּחה, שלמה ווינטער, העניע קרעמער א. א.

אַלץ דאָס איז געפאַלן אַ קרבן די נאַצישע חיות, ימח שמם!

ד״ר משולם שמחה

עס ווייְנט דאָס האַרץ נאָך אונדזער שטעטל

(יוגנט־זכרונות)

פאַראַנען יידן וואָס זאָגן: שוין גענוג! גענוג מיטן שיטן אַש אויף די קעפּ, גענוג מיטן אויפרייסן ווונדן. מען מוז — טענהן זיי — די ווונדן לאָזן פאַרהיילן, מען מוז פאַרגעסן אין דעם, וואָס איז געשען און דערווייטערן אַלץ, וואָס וועט אונדז נאָר שווער מאַכן דאָס ווייטערדיקע לעבן.

אָבער ניין, מיר קענען נישט און ווילן נישט פאַרגעסן! אפשר דורכן שטענדיקן דערמאָנען וועט עס געלינגען צו פאַרמיידן, עס זאָל זיך ווען־עס־איז נאָך אַ מאָל דערוואַכן און צעווילדעווען די בעסטיע אין מענטש. און עס איז גאַנץ נאַטירלעך, וואָס די טראַגישע טעמאַטיק פון אומקום געפינט זיך ווייטער אויפן סדר־היום, הערט נישט אויף צו זיין דער תוכן פון צענדליקער נייע ביכער אין גאָר דער וועלט, פון נייע דערשי־טערנדיקע פילמען, פון אַלץ נאָך און נאָך נייע ספרי־זכרונות, מגילות, פּנקסים, געשריבן מיט בלוט און טרערן דורך די שארית־הפּליטה, צעזייטע און צעשפּרייטע איבער גאָר דער וועלט.

ווייל טייער און אומפאַרגעסלעך זענען אונדז די אומגעקומענע און ס׳איז כמעט קיין חילוק נישט פאַראַנען צווישן די פון דער אייגענער משפּחה און אַנדערע נאָענטע און ווייטע. אַלע זענען פאַר אונדז, דורך זייער אומקום אויף קידוש־השם, ברידער און שוועסטער געוואָרן.

איך דערמאָן זיך אַ מאָמענט באַלד נאָך דעם גרויסן חורבן פון פּוילישן יידנטום.

איך בין מיט דער פּוילישער אַרמיי אין לובלין. נישט געווען דאָרט, אין דער וועלט־באַרימטער יידישער שטאָט, קיין יידן מער. אַרויסגייענדיק פון דעם געבליבענעם „פּרץ־הויז״, וווּ אויף די פּאָדלאָגעס זענען געלעגן צענדליקער געלע ווי וואַקס, פון הונגער געשוואָלענע, האַלענדישע יידישע פרויען און מיידלעך, אַריבערגעפירטע פון נאָענטן מיידאַנעק, דערזע איך פּלוצעם עפּעס אַ יידן אויף דער כמעט ליידיקער גאַס. צוגעקומען נעענטער, דערקענען מיר זיך באַלד ביידע און פאַלן זיך אין די אָרעמס — אַ ייד פון קאָסעוו (אירע לאַריש). מיר האָבן זיך צעקושט און צעוויינט ווי קליינע

ברידער, וואָס האָבן איינער דעם אַנדערן גליקלעך אָפּגעפּונען. מיר האָבן זיך פֿאַרשפּאַרט אין אַן אכסניה און אַ טאָג מיט אַ נאַכט גערעדט וועגן אַלעמען און וועגן יעדן באַזונדער. בלוט איז גערונען פֿון מיין האַרץ, הערנדיק פֿון ערשטן אויגן־עדות פּרטים פֿון דעם שרעקלעכן מבול, וואָס האָט אָפּגעשווענקט אונדזער טייער שטעטל. מיר זענען געזעסן אויף נידעריקע בענקלעך, און איך האָב געפֿילט בחוש — איך בין אַן אָבל נאָך דער גאַנצער קהילה. טייער שטעטעלע קאָסעוו, פֿאַר וואָס איז אויף דיר אַזאַ שטראָף אויסגעפֿאַלן?

שפּעטערדיקע דורות וועלן שווער באַדויערן און זען אין דער שואה אַ זייער טראַגיש קאַפּיטל, דאָס טראַגישסטע אפשר אין אונדזער געשיכטע. מיר אָבער, דער דור, וואָס דער ביטערער גורל האָט אונדז אויסגעקליבן מיט אונדזערע לייבער און נשמות דאָס אומגליק אויסצוטראָגן, — אין אונדז וויינט דאָס האַרץ אַ ביטער געוויין און רייסט זיך אויף שטיקער.

פֿאַרגעסן? ניין! אדרבה — דערמאָנען און דערציילן! וכל המרבה, הרי זה משובח. און קומסטו זיך צוזאַמען מיט אַ בן־עיר, וועט גאָר נישט העלפֿן, דו זעצסט דיך אַנידער און ווילסט שעהען רעדן און דערמאָנען פֿאַרגאַנגענע צייטן מיט אַלע פּרטים שבפּרטים, ווייל מיר טראָגן אין זיך אַ נישט אויסלעשבאַרע ליבע און פּיעטעט צו דעם אַזוי ספּעציפֿישן, וואַרעמען, יידישן לעבנסשטייגער פֿון אונדזער פּוילישן שטעטל.

פֿון וואָס הייבט מען אָן? פֿאַרשטענדלעך, פֿון די קינדער־יאָרן און קודם־כל פֿון חדר... דערמאָנסט זיך די יאָרן, ווען ביסט מיט מזל דורכגעגאַנגען די דרדקי־מלמדים (בערעלע, ירחמיאל א. א.) און אריין אין דער העכערער חדר־שטופּע פֿון יאָסל, אברהם בערל, פּיציע א. א. יאָרן צאַרטע, עמפּינדלעכע, ווען עס הייבט זיך אָן פֿאָרמירן דעם קינדס נשמה, כאַראַקטער. און אָט זעסטו דיך זיצן אין אַ קאַלטן ווינטערדיקן פֿרימאָרגן ביים לאַנגן חדר־טיש מיט אַ צוויי טוץ אַנדערע ייִנגלעך. דער נאַפּט־לאָמפּ באַלייכט שוואַך דעם חדר, און דער רבי, אויבנאָן, לערנט מיט די ייִנגלעך „מיט גוטן" און „מיט בייזן". מען לערנט חומש מיט רש״י. דער גרויסער רש״י דערציילט דיר מיט קליינינקע, חנעווודיקע אותיותלעך, ווי די האַרציקע, אַזוי פֿרי פֿאַרשטאָרבענע, מוטער רחל גייט אַרויס פֿון קבר און וויינט פֿאַר גאָט אויף אירע אין גלות געטריבענע קינדער. אונדזער קינדישע פֿאַנטאַזיע האָט דעמאָלט ממש געזען אונדזער מאַמע רחל מבכה על בניה, און געהערט, ממש געהערט, דעם קול ברמה, וואָס טרייסט זי.

ווער פֿון אונדז געדענקט אויך נישט יענעם שבת, ווען מען האָט

אַנגעהויבן לערנען חומש און געהאַלטן די „דרשה״? די שאלות, וואָס עס האָט געשטעלט דער רבי, און די תשובות וואָס עס האָט געגעבן דער גליקלעכער חדר־בחור? טיף איינגעקריצט בלייבן זיי לאַנג אין זכרון.

איך ציטיר זיי, ווי זיי זענען געזאָגט געוואָרן, און פריי זיך, וואָס איך קען אונטערשטיצן מיין זכרון מיטן טעקסט אין מאיר העניש׳ס (זאַבלאָטאָוו), „מבית ומחוץ״:

דער רבי: קום אַהער דו יינגעלע.

דער תלמיד: איך בין שוין נישט קיין יינגעלע.

ד. ר.: וואָס דען ביסטו?

ד. ת.: איך בין שוין אַ גאַנץ פיין בחורל.

ד. ר.: אויב דו ביסט שוין אַ פיין בחורל, קענסטו שוין עפּעס לערנען?

ד. ת.: געוויס קען איך שוין לערנען.

ד. ר.: וואָס זשע לערנסטו?

ד. ת.: איך לערן שוין חומש צו מזל.

ד. ר.: אויב דו לערנסט שוין חומש, וואָס איז די טייטש חומש?

ד. ת.: חומש איז די טייטש פינף.

ד. ר.: וואָס פינף? אפשר פינף בייגל פאַר אַ גרייצער?

ד. ת.: ניין, פינף ספרים פון דער הייליקער תורה.

ד. ר.: ווי אַזוי הייסן זיי?

ד. ת.: בראשית, שמות, ויקרא, במדבר, דברים.

ד. ר.: וועלכעס ספר לערנסטו?

ד. ת.: דאָס דריטע ספר, ויקרא.

ד. ר.: וואָס איז די טייטש ויקרא?

ד. ת.: ויקרא, איז די טייטש: ער האָט גערופן.

ד. ר.: ווער האָט גערופן? משה דער שמש האָט גערופן די יידן אין שול אריין? (משה דער שמש — דער שמש אין „קאָסעוווער שול״).

ד. ת.: ניין, גאָט האָט גערופן צו משה רבנו און גערעדט צו אים פונעם אהל מועד, כדי צו לערנען אים די דינים פון קרבנות.

ד. ר.: פאַר וואָס גראָד די דינים פון קרבנות?

ד. ת.: אַזוי ווי די קרבנות זענען הייליק, אַזוי הייליק זענען די קינדער, וואָס לערנען די הייליקע תורה.

פון דאַנען צו דער העכערער מדרגה פון תורה לערנען — צו ר׳

מרדכי יוסף הערצעלעס, דעם תלמיד־חכם און מחנך־הדור, צו אַנטשעל „דעם רבין", דעם גרויסן קענער און „ווילדן קאָפּ", און צום סוף — צו דעם ווייטן און אין־סופעדיקן שליאַך פון בית־מדרש און קלויז.

און רעדט זיך וועגן בית־מדרש, דערמאָן איך זיך מיט אַ באַזונדערער ליבע דאָס „שטאָטישע בית־המדרש", מיט זיין פּשוטער איינריכטונג, מיט די לאַנגע טישן ברענענדיקע חלב־ליכט, מיט זיין וואַרעמער היימישקייט און מיט זיין פילפאַרביקן עולם מתפללים. ס'מייסטע פּראָסטע עמך, וואָס פלעגט אויך אַהער אריינקומען הערן אַ שיעור אין דער פּרשת־השבוע, לערנען אַ פּרק משניות, אָדער אריינקוקן אין אַן עין־יעקב. דאָ פלעגט אויך אין אַ פראָסטיקער ווינטער־נאַכט קענען זיך דורכשלאָפן ביים וואַרעמען אייזערנעם אויוון עפּעס אַ פאַרוואָלגערטער אָרעמאַן, עפּעס אַ האַלב משוגענער, אָדער גלאַט אַ מיסטעריעזער פאַרשוין. עס האָט אַלץ דאָ זיך געבעטן אַ פּרץ...

איך גיי דאָ נישט באַשרייבן די שולן און קלויזן פון שטעטל, נאָר פון דעם „סאלאש" און פון פערזענלעכע יוגנטלעכע זכרונות וועגן אים — קען איך זיך נישט אָפּזאָגן. דער „סאלאש" האָט צום שטאַרקסטן געווירקט אויף מיין יוגנטלעכער פאַנטאַזיע. אַ גאַנץ יאָר פלעגט דער ריזיקער, ווילדער, נישט פאַרענדיקטער בנין פון „סאלאש" שטיין ליידיק. נאָר צו די ימים־נוראים פלעגט ער פּלוצעם אויפלעבן און איינגעמען אין זיך אפשר טויזנטער יידן פון נאָנט און ווייט, ס'רוב חסידים פון קאָסעווער הויף, וואָס האָבן — מיטן רבין בראש — אָנגעפילט זיין גרויסן חלל מיט תפילות און תחנונים און פאַרטריבן די טויטע שטילקייט פון אַ גאַנץ יאָר. ווער זשע האָט — לויט מיין יוגנטלעכער פאַנטאַזיע — געקאָנט זיך אויפהאַלטן אין אַזאַ מין „סאלאש" דעם רעשט פון אַ גאַנץ יאָר, און באַזונדערס אין די נעכט? ווער, אַז נישט די נשמות פון די מתים?... איך האָב אַ געוויסע צייט געלערנט אין דער קליינער „קאָלאָמייער" קלויז, וואָס איז געווען אָנגעשלאָסן צום „סאלאש" און די טיר צווישןביידע איז שטענדיק געווען אָפן. ווי, וואָס פאַר אַ ציטער ס'פלעגט מיר דורכגיין דורכן לייב, שפּעט ביינאַכט, קרוב צו חצות, ווען די ליכט, אָנגעטאָפּיעטע אויף די שטענדערס, האָבן אָנגעהויבן פּאַמעלעך צאַנקען און איינציקווייז אויסגיין, און מיין בליק איז נישט ווילנדיק געפאַלן דורך דער אָפענער טיר אין שוואַרצן סודותפולן חלל פון „סאלאש"!... נאָך היינט גייט מיר דער זעלבער ציטער דורכן לייב...

איך האָב געהאַט די זכיה צו לערנען דאָרט ביי ר' הערשעלע פּייער,

דעם גרויסן תלמיד־חכם, דעם טייערן ייד, דעם פייערדיקן פאַנאַטיקער, וואָס איז איבערגעגעבן געווען אין גאַנצן, בגופו ונפשו, לעבודת הבורא. דער פראַכטפולער געשטאַלט פון ר׳ הערשעלע, וואָס האָט פאַר אונדז יוגנטלעכע דעמאָלסט געהאַט אין זיך שטריכן ממש מעטאַפיזישע, און איז צום סוף נאָך מער סובלימירט געוואָרן דורך זיין גרויזאם־טראַגישן אומקום אויף קידוש־־השם — איז אין דעם ספר געווידמעט אַ באַזונדערע ערנסטע אַרבעט.

זאָל מיר ר׳ הערשעלע ז״ל, טויזנט מאָל מוחל זיין, ווען אני הקטן פון זיינע תלמידים וועל דערמאָנען אַ קינדערישע איבערלעבעניש פון יענע טעג. ר׳ הערשעלע האָט געזאָגט מוסר און, וועלנדיק אונדז נאָך שטאַרקער איבערצייגן, אַז שוין ביים לעבן עסן אונדז די ווערעם, נאָך איידער מיר זענען באמת געוואָרן צו עפר־ואפר, האָט ער איין מאָל אין אַן אָוונט אַ דריק געטאָן מיט צוויי פינגער אויף זיין נאָז און צו מיין גרעסטער איבעראַשונג, האָט זיך פון דער הויט אַרויסגעשלענגלט עפּעס אַ זאַך, וואָס האָט ביים טריבן ליכט אין קלויז אויסגעזען טאַקע ווי אַ דין ווערעמל... גאַנץ שאָקירט פון אַזאַ קאָנקרעטן באַווייז, האָב איך, אהיימ־קומענדיק, באַלד געוואָלט דעם עקספּערימענט נאָכמאַכן, אָבער מיר איז בשום אופן נישט געלונגען אַ ווערעמל אַרויסצוכשופן, פשוט ווייל איך האָב אויף מיין הויט קיין „קאָמעדאָנען" (פאַרשטאָפּטע קליינע דריזעלעך) נישט געהאַט...

דאָ שטייגט אַרויף פון מיינע יוגנט־זכרונות אַ צווייטע פיגור, אַ זייער כאַראַקטעריסטישע — ר׳ מנשה פלאַך, ז״ל. איך זען אים נאָך היינט, ווי איך האָב אים געזען אין יענע יאָרן. אַ זקן מיט אַ לאַנגער, ווייסער באָרד, איינגעהילט אין אַ גרויז־שוואַרצן שווערן טוך איבערן קאָפּ, איינגעבויגן, דער בליק צו דער ערד. ער האָט, דאַכט זיך מיר, קיין אַנדערן וועג נישט געקאָנט, נאָר פון און צום בית־המדרש. עס איז דאמאָלסט געווען מיין אייגענער ייִנגלשער אָפּגעהיטער טיפער סוד, אַז ר׳ מנשה איז — איינער פון די ל״ו־ניקעס! צווישן אַנדערע מצוות און מעשים־טובים פלעגט ער האָבן די טרויעריקע חזקה מספיד צו זיין אַ חשובן בר־מינן אין דער גרויסער שול. פלעגט ער דעם הספד מאַכן עפּעס אַזוי שרעקלעך, אַזוי יענע־וועלטיק, און זיין הייזעריקע שטים, ווי פון אַ קבר אַרויס, האָט געהאַט אַזאַ איבער־צייגנדיקן הבל־הבלים־טאָן, אַז נאָך היינט שוידערט מיך פון זיין „אל מלא רחמים", און אין יענע טעג — כאָטש לייג דיך גלייך אַוועק נעבן בר־מינן און שטאַרב מיט...

אַ טייערער ייד, איינגעקריצט אין מיין זכרון, פון אַ גאַנץ אַנדערן טיפּ, איז געווען ר׳ פּיניע ריוועלעס. אַ ווייסע באָרד האָט באַצירט דאָס בלאַסע איידעלע פּנים פון אונדזער ליבן ר׳ פּיניע, וואָס איז געווען באַשענקט מיט אַ שיינער, האַרציקער שטים. ווען ער פלעגט שטיין אַלס שליח־ציבור פאַר דעם ארון־קודש מיט דעם „שיוויתי ד׳ לנגד עיני״, האָט ער דאָס באמת דערפילט פול און גאַנץ. זיין „הנני עני ממעש״ פאַר מוסף אין די ימים־נוראים, אָדער זיין אויסגעוויינטער „שמע קולנו״ אין די קאַלטע שפּעט־האַרבסטיקע סליחות־נעכט האָבן מיך באַגלייט דאָס גאַנצע לעבן און קלינגען מיר עד־היום אין די אויערן. די התרוממות־הנפש, וואָס איך האָב געפילט אין יענע יאָרן ביי דער תפילה־ורינה פון ר׳ פּיניע ריוועלעס, אַזאַ תפילה אַ שיינע, אַ תמימותדיקע, אָן קיין שום עפעקטן, האָב איך שפּעטער אומזיסט געזוכט ביי די באַרימטע וועלט־חזנים, אָפּערע־זינגער און אַזוי ווייטער.

און פון דער דאָזיקער גרופּע איידעלע יידן — צו אַ צווייטער, פון אַ גאַנץ אַנדערן שניט. עטלעכע בולטע געשטאַלטן פון דער גרויסער צאָל ערשטע ציוניסטן, פּירער און זעלנער, אפשר נאָך ערשטע פרוכט, אפשר קליינשטעטלדיקע, אָבער מענטשן ערלעכע, ווערטפולע, איבערגע־געבענע קעמפער פאַר דער אידיי פון גאולת העם והארץ. זייער פאַרדינסט ליגט קודם־כל אין דעם, וואָס זיי האָבן פאָרמירט דעם דור, געלייגט די יסודות פון דעם ציוניסטישן קאָסעוו, אויף וועלכן מיר האָבן געקאָנט תמיד שטאָלץ זיין!

דוד (דודיע) עלטיס, דער ערשטער — כראָנאָלאָגיש — וואָס איז געפאָרן צום ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל, געוואָרן אַ פאַנאַטישער חסיד און בלינדער פאַרערער פון הערצל און האָט מיט אַ ברייטער האַנט געגעבן גאָלד אויף ציוניסטישע צוועקן. געגעבן א סך און געגעבן שיין, מיט זשעסט, מיט פּאַטאָס.

שמואל אברהם הייזלער, דער קליינגעוויקסיקער, מיט דער שיינער פּאַטריאַרכאַלישער באָרד און הדרת־פּנים, איז געווען פאַר אונדז יוגנטלעכע די פאַרקערפּערונג פון דעם קעמפנדיקן ציוניזם. אייביק יונג, מיט אַ קוואַל פון ענערגיע, האָט ער — נעבן זיין נישט לייכטער פּרנסה פון פאַרשפּרייטן השכלה צווישן באַלעבאַטישע יידישע קינדער — צייט געהאַט צו פירן באַשטענדיק דעם פּאָליטישן קאַמף מיט כל מיני בונדיסטן, קהילה־לייט, אסימילאַנטן און סתם שונאי־ציון. ווער געדענקט נישט זיין שיינע

געשטאַלט אויף די פאַרזאַמלונגען און זיצונגען, ווי ער פלעגט זיין האַרץ און לונג אַוועקלייגן אין זיין פּאַלעמיק מיט זיי.

אברהם (אברהמציע) קרייזעל. אַן אומגעוויינלעכער און פילזייטיקער טיפּ פון אַ משכיל מיט אַן אומגעהויער, ממש ענציקלאָפּעדיש וויסן אין לימודי קודש וחול, מיט אַ פענאָמענאַלן זכרון, אינטעליגענץ און דערביי אַ מענטש פון זעלטענער עניוות. זיין ענג קליין ביכער־געוועלב אין רבינס הויז איז געווען אַ טרעפפונקט פאַר דער קאַסעוווער אינטעליגענץ. צווישן איין קונה און אַ צווייטן האָט אברהמציע דיסקוטירט מיטן עולם וועגן אַלע פּראָבלע־מען, וואָס זענען גראָד געשטאַנען ברומו של עולם. כאָטש מטופל מיט אַ גרויסער משפחה, און דאָס געוועלב האָט קיין גרויסע פּרנסה נישט געטראָגן, איז אברהמציע געווען זייער אַקטיוו אין ציוניסטישן לעבן, באַזונדערס אין זיין רעליגיעזן אָפּצווייג. ער איז געווען טיף רעליגיעז. זיין אמונה איז נישט דערשיטערט געוואָרן אפילו אין די לעצטע שעהען פון זיין לעבן, ווען ער האָט ליגנדיק באַהאַלטן אין בונקער, געליטן די אומבאַשרייבלעכסטע יסורים.

(באַזונדערע אַרטיקלען וועגן הייזלער און קרייזעל געפינען זיך אין עברית־טייל פון ספר.)

בערל גאָלדשטיין — אַ גראַדליניקער כאַראַקטער און גייסטיקער אַריסטאָקראַט. זיין בלויזע אָנוועזנהייט ביי אַן אַרבעט איז שוין געווען אַ גאַראַנטיע פאַר איר זויבערקייט און סאָלידיקייט.

זינדל פיבער — אַ משכיל און פון די ערשטע ציונים. ער איז שטענדיק געזעסן מיט אַ ספר אין האַנט הינטערן טיש אין שענק. דאָס ספר האָט געקאָנט זיין דער רמב״ם, גרעץ, גורדון און אפשר אויך — להבדיל — לעסינג. היינע א. א. געווען אַ באַשיידענער און איבערגעגעבענער זעלנער פון ציוניזם.

אַזעלכע, פון די ערשטע ציונים, זענען געווען אויך שלמה אייזנ־קראפט, אברהם שויער, פישל שמחה (מיין טייערער האַרציקער פאָטער) משה שאובער, מאיר דרעזנער, שלום פעליקס און אַ סך א סך אנדערע, פון אַלע שיכטן און קלאַסן.

איך וויל נאָך צום סוף דערמאָנען צוויי מענטשן, וואָס זענען מיר פערזענלעך געווען באַזונדערס טייער, מיינע חברים פון פאַך, ד״ר גערטנער און ד״ר שנעבערג.

ד״ר יעקב גערטנער, אָדער ווי ס׳האָט אים גערופן דאָס שטעטל — „יאנקל״, מיט זיין אימפּאָנירנדיקער געשטאַלט, ענערגיע און טיכטיקייט,

איז געווען שטאַרק געאַכטעט און געליבט פון דער באַפעלקערונג. באַזונ־דערס אויך דערפאַר, ווייל ער איז געווען אַ גוטער מענטש און שטענדיק גרייט צו העלפן, פון וועלכן יעדער באַדערפטיקער איז אַרויסגעגאַנגען צי מיט אַן אומזיסטיקער מעדיציניַשער עצה, צי מיט אַ גמילות־חסד. צוליב זיינע אייגנשאַפטן, געאַכטעט אויך דורך דער קריסטלעכער באַפעלקערונג, איז ער אפילו אויסגעווילט געוואָרן פאַרן בירגערמייסטער פון שטאָט.

און — ד״ר משה שנעבערג, „משהלע״ — די ערלעכע נשמה, דער גערעדער כאַראַקטער, דער דזשענטעלמען מיט דעם באַזונדערן חוש פאַר טאַקט און אומגאַנג מיט מענטשן.

ווען איך האָב זיך מיט אייך, טייערע אומפאַרגעסלעכע פריינט, אָפּגעזעגנט אין „דאָן־באַס״ אין דער סאָוויעטאוקראַינע, בעת אונדזער גרופּע, צו וועלכער ס׳האָבן געהערט אויך ד״ר וויעליטשקער און די ד״ר בינדערס, האָט געמוזט — לויט אַ העכערן באַפעל — זיך צעשיידן, און מיר האָבן זיך צעטיילט אויף גלייכע חלקים מיט דעם ביסל געלט, וואָס מיר האָבן ביי זיך נאָך געהאַט, זיך צעקושט און געזאָגט דעם לעצטן „זיי געזונט״, — האָב איך געפילט, בלייבנדיק אליין אין דעם וויטן פּראָסטיקן רוסלאַנד, אַז אָט איצט האָב איך פאַרלוירן דעם לעצטן רעשט פון מיין משפּחה. ווי שרעקלעך איז דער געדאַנק, אַז גערטנער איז אין פּערסיען, נישט ווייט פון די אויסגעחלומטע גרענעצן פון ארץ־ישראל, געפאַלן, ווי עס ווערט דערציילט, פון די קוילן פון פּוילישע זעלנער אויפן יסוד פון אַ מסירה פון אַ קאָסעווער פּוילישן בריוטרעגער, און אַז שנעבערג האָט, אויפן גרונד פון אומריכטיקע איבערגעטריבענע באַטראַכטונגען, זיך אומגעקערט צוריק אין נאַצישן גיהנום און געענדיקט אין גאַז־אויוון!

איך האָב די גרופּע איבערגעלעבט, און דאָס דערמאָנט מיך טרויעריק אין אַנאַטאָל פראַנסן. דער גרויסער פראַנצויזישער שרייבער דערציילט, אַז אויף אַ מצרישן סאַרקאָפאַג, אין וועלכן עס איז געלעגן אַ וויכטיקע מומיע, האָט מען דעשיפרירט אַן אויפשריפט, וואָס פאַרשילט דעם יעניקן, וואָס וועט זיך דערוועגן צו עפענען די טרומנע; די קללה זאָגט: „דו זאָלסט פאַר שטראָף איבערלעבן אַלע דייניקע!״. מיר, וואָס האָבן איבער־געלעבט אונדזערע ברידער און שוועסטער, אַלטע און יונגע, קינדער און זויגלינגען, פאַרשטייען ווייטיקלעך דעם טייוולאָנישן זין פון דער קללה! נישט איינער, וואָס האָט „איבערגעלעבט״, האָט נישט אויסגעהאַלטן די שווערקייט פון דער קללה און האָט אַליין צו זיין לעבן אַ סוף געמאַכט!

וויקטאָריע מאַנדעל
(אלמנה פון ד״ר מנשה מאַנדעל)

קאסעוו - קיטעוו

צוויי שכנותדיקע שטעטלעך, און אַזוי פאַרשידן איינס פון צווייטן. קיטעוו — צעלייגט רחבותדיק אויף אַ גרויסן, פלאַכן, פון זון באַשיינטן שטח, ביז צום טשערעמאָש, דעם גרויסן רייסנדיקן געבירגס־טייך; קאָסעוו — ענג, אריינגעשטופּט צווישן באַרג און דעם קליינעם טייך ריבניצע.

קיטעוו האָט פון לאַנגע צייטן געהאַט אינדוסטריע, ווי די גרויסע זעגמילן פון האָלץ און ברעטער, די גרויסע מעל־דאַמף־מילן, גאַרבערייען פון לעדער, טעפּערייען אויף אַ קינסטלערישן הויך; קאָסעוו דאַקעגן, האָט געהאַט באַלמעלאָכעס, אַ שטאַרקערן מסחר, אַ הויז־אינדוסטריע, וואָס האָט זיך צום סוף אַנטוויקלט צו אַ ריזיקער קילים־אינדוסטריע און אַ קוואַל פון פרנסה פאַרן גאַנצן באַצירק.

אויך זייערע איינוווינער זענען געווען פאַרשידן. קי־טעווער זענען געווײנלעך געווען מער אין זיך פאַרמאַכטע, האָבן געלעבט אָפּגעשלאָסן, פאַר זיך, דערביי געמיטלעך און טאָלעראַנט; קאָסעווער — דינאַמישער, אָפּענער, מער געזעלשאַפטלעך איינגעשטעלט, און די מייסטן פלעגן זיך זאָגן „דו". איך מיין אַז מעגלעך דאַדורך האָבן דאָ די קלאַסן־אונטערשידן געקאָנט זיין מער פאַרווישט. קאָסעווער זענען געווען לוסטיקער, וויציקער.

ביידע שטעטלעך זענען שטאָלץ געווען דערויף, וואָס אין זייער געגנט האָט יאָרן אומגעוואַנדערט דער באַגרינדער פון חסידיזם, דער בעל־שם־טוב און לעגענדעס וועגן אים זענען דאָ איבערגעגאַנגען פון דור צו דור, ביי יידן און, להבדיל, ביי די הוצולן.

דאָס לעבעדיקע, אַלץ וואַקסנדיקע, פריילעכע קאָסעוו איז נישטאָ מער! שוין ביי דער ערשטער אַקציע האָבן די דייטשע בעסטיעס, מיט דער הילף פון די אוקראַינער, במשך פון צוויי טעג אויסגעשאָסן העכער 2000 יידן, און דער גורל פון די אַנדערע איז נישט געווען קיין בעסערער. דאָס נאַצישע אכזריות צו די קיטעווער יידן — די מייסטע מי בשריפה מי בחניקה — איז נישט צום באַשרייבן. איז אַוועק אויך דאָס געמיטלעכע שטעטעלע קיטעוו מיט זיינע תלמידי־חכמים, מענטשן איידעלע, מיט יידישער און וועלטלעכער בילדונג, און סתם טייערע יידן!

כבוד זייער אָלעמענס אָנדענק! הי״ד!

ד״ר ג. רביץ

זכרונות מעיר מולדתי

מרחפת לפני עתה תמיד העיירה הנידחת הזאת עם ההר, שהתנשא בתוך השוק ונהפך בימי השואה לבית קברות של חלק גדול מאוכלוסייתה היהודית.

מה שציין את היהודים בקוסוב, ובמיוחד את הדור הצעיר, היא עירנות למתרחש בעולם ורצון עז לדעת ולקידמה.

הודות לייזמת היהודים זכתה עירנו בחשמל, בקולנוע וכבר בשנות העשרים של המאה הזאת, באוטובוס, שקשר אותה עם העיר הגדולה קולומיה.

מעיני לא משה הדמות הנעימה של מוטילי בנדר, אביה של מרים בנדר (כעת בקיבוץ גת). באיזו זריזות היה עומד על מדרגות האוטו, שהיה בבעלותו, על יד הנהג ובאיזו חביבות היה מקבל כל נוסע. בהגיע ימי החופש ושבתי הביתה — באיזו שמחה היה מקבל אותי, את הסטודנטית מקוסוב, על מנת להביאני הביתה לבית הורי! הוא היה דואג לי כאילו הייתי בתו.

זוכרת אני היטב את התלאות כשהצטרכנו לנסוע מתחנת הרכבת בקולומיה הביתה לעיירתנו, נסיעה בעגלה משך 5—6 שעות. ופתאום התקדמות כזאת — אוטובוס, היינו נסיעה נעימה משך 45 דקות. היה הדבר דומה כאילו התקרבנו אל העולם הגדול.

ברצוני לציין מאורע אחד, שנחרת בזכרוני, מסבי החסיד הנודע שמעון מאיר ז״ל. בבחירות לסיים הפולני (בית הנבחרים הפולני) ניהל סבי, למרות אדיקותו, תעמולה בעד המועמד הציוני, נגד האדמו״ר וחסידיו מקוסוב — והוא אז למעלה משבעים. מה רבה היתה עירנותו בבירור בעיות ציוניות עם חתנו הציוני, אבי בנימין ארליך ז״ל, ומה רבה היתה שמחתו עם נצחון הציונים.

הודות למרצה של אמי דבורה ז״ל, שולחנו אני ואחותי אל מחוץ לקוסוב לרכוש השכלה אקדמית. אבי קיווה להיבנות על ידנו, שאם אנחנו נעלה לא״י ניקח גם אותו. אולם לצערי הרב, לא זכה. הוא נספה יחד עם כולם בקוסוב. הי״ד.

מוניע פוקס

טיפן און בילדלעך פון קאסעוו

1
יוסף כרת (קורעס) און לעפּטוש

ווער האָט דאָס אין שטעטל נישט געקענט יאָסל כרת (קורעס)? אַ מאָגער יידל, מיטגלרויס, מיט אַ קורץ, ברוין, גראָ־ווערנדיק בערדל, שטענדיק אין אַ פּאָר געזונטע שטיוול, די זוילן מיט אייזן באַקלאַפּט. ער האָט געהאַנדלט מיט אַלט אייזן, כל מיני חפצים און שמאַטעס, געזוכט, געקויפט, געשלעפּט אויף די אייגענע פּלייצעס. מיט דער צייט איינגעקויפט אַ פערד־און וועגעלע און געפירט פאַרשוינען קיין קיטעוו, קיין פּיסטין. אויף ביינאַכט פלעגט ער אַוועקשטעלן דאָס פערדל, דעם „אָדלער", אויף אַ ליידיקן פּלאַץ באַוואָקסן מיט גראָזן, און נאָר אַמאָל געבן אים אַ בינטל היי, וואָס ער פלעגט עס — צווישן אונדז זאָל עס בלייבן — געשיקט אַראָפּציען פון אַ דורפאָרנדיקן פויערן־וואָגן.

יאָסל האָט געהאַט אַ טאָכטער און צוויי זין. דער ייִנגערער, דער מעזינעק, האָט געהייסן לעפּטוש. אַ נאָמען האָט אים דער פאָטער דווקא געגעבן אַ קעניגלעכן — לייב. נאָר, אַז דאָס לייבעלע איז אונטערגעוואָקסן, און מען האָט אים געפרעגט: ווער ביסטו, יינגעלע? האָט עס, דרייענדיק מיט אַ שווערער צונג אין מויל, געענטפערט: „עך־לעפּ־יאָס־טוס", וואָס נאָכן דעשיפרירן האָט עס געדאַרפט זיין זיין גאַנצער אַדעלדיקער יחוס־בריוו: „איך־לייב־יאָסל־קורעס". אָט אַזוי... און געוואַקסן איז ער, באַלד גרויס געוועז ווי זיין פאָטער, מיט געזונטע הענט און פּלייצעס. נאָר דער שכל, נעבעך, איז ביי אים פאַרבליבן אַ ביסל הינטערשטעליק.

לייבעלע האָט זיך באַלד געפונען אַ חבר פון זעלבן שניט, וואָס ער — וועלוועלע האָלענדער. האָבן די צוויי זיך טאַקע באַלד איינער צום צווייטן צוגעוווינט און צוזאַמען געזוכט פרנסה — פאַר אַלעמען וואַסער־טראָגן. קיין עין־הרע אַ שטעטל מיט יידן — טראָגן זיי גאָר דאָס וואַסער, די גוים. וואָס, לעפּטוש מיט האָלענדערן וועלן דאָס נישט פּאָטראַפּיען? איז אַן איילענדיקע יידענע געבליבן אין סאַמע פרייטיק אָן אַ ביסל וואַסער אין שטוב, איז זי אַרויסגעלאָפן זוכן וואַסילקע דעם וואַסערטרעגער, נאָר

באַגעגנט לעפּטושן, נו, מילא, — האָט זי שוין באַצאָלט אַ האַלבן גראַצער מער, און לעפּטוש האָט געבראַכט די צוויי הילצערנע קאַנען אויפן קאַראָמיסל, אָדער די צווי בלעכערנע פּיטניעס אין די הענט. אַזוי האָבן לעפּטוש עט קאָמפּאַניע געמומען פאַרכאַפּן אַלץ מער פּאָזיציעס אין גאַס...

אין קאָסעוו פלעגט יעדן מיטוואָך פאָרקומען דער וואָכעדיקער יאַריד. ס'פלעגן זיך אַהער צוזאַמענפאָרן פון נאָנט און ווייט טויזנטער פויערן, צו פאַרקויפן פערד, בהמות, שאָף און רינדער. רייכע פּי־סוחרים פלעגן די סחורה אויפקויפן און דינגען מענטשן, אָרעמע שטעטישע פויערן, צו טרייבן די לעבעדיקע סחורה צו די באַן־סטאַציעס קיין זאַבלאָטאָוו, צי קיין קאָלאָמיי. פון דאָרט פלעגט זי די באַן צעפירן ווייט־ווייט איבער פוילן. האָבן זיך אויך לעפּטוש מיט האָלענדערן אָנגעצונדן צו אָט דער אַרבעט און געטריבן פערד און בהמות, מיט פּריטיעס און שטעקנס, איבער צענד־ליקער קילאָמעטער. פאַרדינט די פּאָר גראָשן, האָבן זיי נישט לאַנג זיך דאָרט פאַרזאָמט, געקויפט אַ צוויי ראָזעווע ברייטלעך, אריינגעשטופּט אין דער טיפער בוזים־קעשענע, אויסגעטאָן די שטיוול, צונויפגעבונדן ביי די „אויערן", אַריבערגעוואָרפן אויף דער פּלייצע און — השיבנו נאַזאַד, געהולכט צוריק אַהיים. לעפּטוש — אַ גראָבער, אַ שטאַרקער, אין אַן איבערלאַנגן שוואַרצן קאַפּטאַן, וואָס האָט זיך ביי יעדן טריט געהויבן אַרויף און אַראָפּ, איבער אַ פּאָר צעריסנע שוואַרצע הויזן און פאַרבלוטיקטע, געזונטע באָרוועסע צוויי פיס; וועלוועלע — אַ דאַרער, ווי זיין מוטער, אין אַ לאַנגן רעקל, שמאָלע צעריסענע הייזעלעך, וואָס האָבן שוואַך פאַרדעקט די פאַרטריקנטע קליינע פיסעלעך. זיי האָבן ביידע געשפּאַנט האַסטיק אהיים צו די מוטערס, וואָס זיי האָבן שטאַרק ליב געהאַט, און נאָר פון צייט צו צייט אַ טאַפּ געטאָן אין קעשענע, ווו עס זענען געלעגן די פאַרדינטע מטבעות. ווי שווער פאַרדינט, אַזוי שווער האָבן זיי זיי אויך אויסגעגעבן. פון צייט צו צייט נאָר געגעבן די מוטערס די פּאָר גילדן און דעם רעשט גוט אָפּגעהיט.

פּורים — לוסטיק און לעבעדיק אין שטעטל — פלעגן ביידע אַרומגיין צוזאַמען אין די הייזער, עפּעס אין יעדער שטוב באַקומען, און ווידער אַראָפּגעלאָזט אַ ביסל קלינגערס אין קעשענע.

באַלד נאָך פּורים, ווען אין דער לופט האָט זיך דערפילט דער פרילינג, און דער גרויסער יום־טוב פסח האָט זיך אָנגעהויבן דערנענטערן — פלעגט אונדזער לעפּטוש מאָדנע זאַכן טאָן. ער פלעגט אָנהויבן אַלץ מער זיך איינגראָבן אין אַ ווינקל פון שטוב, פאָרען צווישן די שמאַטעס, אַרומרודערן

סודות־פול. ביי זיין יעדן אַריינקום אין שטוב, פלעגט זיין ערשטער בליק פאַלן אהין... יעדעס יאָר, נאָך פורים, פלעגט קומען אַ טאָג, ווען לעפּטוש פלעגט בלייבן אַליין אין שטוב מיט זיין מוטער, וואָס האָט שוין געוווסט אַזוי צו פירן, זי זאָל טאַקע בלייבן מיט איר לייבעלען. זי פלעגט זיך אַוועקדרייען צום פענצטער, ס'זאָל נישט הייסן, אַז זי קוקט אונטער. און לייבעלע פלעגט צוגיין צו זיין ווינקל, זיך פאָרען אין די שמאַטעס און פלוצעם מיט טריומף אַ רוף טאָן:

„מאַמע! העמדער, גאַטקעס, הויזן...״ און איר דערלאַנגען אויך דאָס גאַנצע אָפּגעשפּאָרטע בינטל געלט. דאָס געלט פלעגט באַלד אַוועקוואַנדערן אין געוועלב פון מאיר בלאָך און אַנדערע, אויף מלבושים און עסנוואַרג פאַר דער משפחה.

אז עס פלעגט קומען די הייליקע סדר־נאַכט, פלעגט זיך יאָסל כרת פירן טאַקע מעשה־מלך: זיצן אויף גאַנצע צוויי קישנס אויבנאָן, נעבן אים זיין אויסגעגלאַנצטע פעטלייביקע מלכה, די בת־יחידה אין אַ נייעם בלוזקעלע, בערל דער בכור אין אַ ווייס העמד מיט אַ בינדע, אין אַ נייעם קאַשקעט אויפן קאָפּ און מיט אַן אַלטער, אָפּגעריבענער „הגדה״ אין דער האַנט. און אחרון־אחרון חביב — אונדזער לייבעלע־לעפּטוש, מיט אַ גליקלעך, ברייט, לייכטנדיק פנים און אין דער האַנט דער דיקער „קרבן מנחה״־סידור, וואָס מען נוצט אים נאָר אין די יום־טובדיקע טעג. אין שטוב פילט מען היינט נישט דעם ריח פון שמאַטעס, אַלט אייזן, פארפוילט אויבסט, וואָל־געשטאַנק, אויף ווייטע וועגן געטריבענע קעלבער, ראַזעווע ברייטלעך, נאָר אַ נייעם, אַ יום־טובדיקן ריח. עולם מישט און מישט אָן אַ סוף אין די הגדות, מען גייט שווער איבער די שורות, ווי איבער גרודעס, און לייבעלע האַלט זיך אין איין באַלעקן, איינזאַפּנדיק אין זיך די ריחות פון דער קיך. סאַפּנדיק, שוויצנדיק, קומט מען אָן מיט מזל צום „שפוך חמתך״.

„שרה״! — שרייט פלוצעם יאָסל כרת אַראָפּ מעשה מלך פון זיין צוויי־גאָרנדיק היסב־בעט — „שרה, גיי מאַך אויף די טיר!״

שרה קומט צו לויפן מיטן קאָכנדיקן לעפל, אָקערשט פון דער יויך אַרויסגענומען, גייט פּאַמעלעך און מיט דרך־ארץ צו דער טיר, באַהאַלט די האַנט מיט דעם לעפל הינטערן פאַרטוך, מאַכט אויף אַ שטיקל טיר און קוקט צו איר „מלך״.

„מאַך אויף די גאַנצע טיר, זאָג איך!״

„ביי מיין טאַטן האָב איך געלערנט, אַז מע מאַכט אויף נאָר אַ שטיקל טיר״. — פסקנט אָפּ מיט אַן אונזיכערן קול די יאָסעלעכע.

„מאַך אויף די גאַנצע טיר, זאָג איך!"

שרה עפנט דעם רעשט טיר, און יאָסל טוט אַ קאָמאַנדעווע זיין אַרמיי דעם „ברוך הבא" לכבוד דעם חשובן גאַסט, וואָס קומט היינט אין יעדער יידישער שטוב, צו אָרעם און צו רייך, אָן אויסנאַם.

שרה מאַכט באַלד צו די טיר און פאַרקלייבט זיך צוריק אין קיך.

דעם עולם האָט שוין טאַקע דערווייל געוומען הונגערן, און מען שלינגט די סלינע. נעמט מישן און איבערמישן אין איילעניש בלעטלעך, צום קלאַנג פון טעלער און גאָפּל־לעפל, גיכער און גיכער, ביז לייבעלע טוט אַ רוף אויס:

„טאַטע! גולע יעסרולע!" (גאל ישראל).

„מאַמע! עסן!"

2
וועגן צוויי „קאַזיאָנע" פּאָליציאַנטן־יידן

דאָס דורך און דורך יידישע שטעטל קאָסעוו האָט זיך שטענדיק געהאַט זיין „אייגענעם" יידישן „פּאָליציי".

פאַר די אוקראַינער איז עס געווען ברוך „דער לאַנגער" מיט די לינקע פיס. איין מאָל, פאַר יענע צייטן, זענען ווייבער באַפאַלן וואַגענבערגס טראַפיק און געשעלפּט טוטין. ברוך, דער פּאָליציי, וואָס האָט געהאַט פאַרלאָזט זיך וואַנצעס „אַ־לאַ־שעווטשענקאָ", איז געקומען צו לויפן מיטן ביקסל, פלאָנטערנדיק מיט די צוויי לינקע פיס און זיך צעשריגן, „היטס אייך, ווייבער, איך שיס!..." די ווייבער זענען זיך צעגאַנגען ערשט, ווען ס'איז שוין נישט געווען וואָס צו נעמען אין טראַפיק.

ווען די אוקראַינער זענען ביי נאַכט אַנטלאָפן פאַר די אָנקומענדיקע רומענער, און ברוך איז געבליבן אליין מיטן ביקסל אין שטאָט, האָט ער געמאַכט אַ ויברח אויפן זאַרינעק, צווישן די יידישע הייזלעך לעבן אהרן דעם שניידער אַוועקגעוואָרפן דאָס ביקסל און איז אַוועק אהיים. אהרון שניידער האָט דאָס ביקסל אָפּגעטראָגן אין דער געמיינדע.

ברוך „דעם לאַנגן" איז געבליבן דער צונאָמען: „היט אייך, ווייבער! איך שיס!"

דער צווייטער יידישער „פּאָליציי", מעכל שלמה, איז געווען ממש אַ

שטיק פון קאָסעווער פּייזאַזש. ער האָט געדינט און איבערגעלעבט אַלע רעזשימען, פון דעם עסטרייכישן ביזן פּוילישן.

ער איז געווען אַ מיטל־געוויקסיק יידל, מיט אַ געשניצט קיילעכדיק בערדל, מיט אַ שוואַרץ קאַפּעלושל, אַ פּשוט וואַרעם רעקל און הויזן אריינגעשטופּטע אין שטיוועלעך.

מעכל שלמה פלעגט אַ גאַנצן טאָג אַרומטראָגן פּאַפּירלעך צו די קאָסעווער בירגער און פאַר נאַכט זיך אריינכאַפּן מיט אַ בינטל פּאַפּירן אין האַנט אין בית־המדרש אריין, צו כאַפּן אַ מנחה־מעריב בציבור.

3
שוויץ־גבורים

די צוויי יידישע פּאָליצייעס פלעגן זיך באַנוצן מיט דער פּויק, איבערצו־געבן ידיעות און באַפעלן די בירגער.

אָבער ווען מען האָט געדאַרפט פּרייטיק אין דער פרי רופן די יידן אין שוויץ אריין, פלעגט אונדזער לעפּטוש גיין מיט אַ טרומייטער, בלאָזן און רופן:

„אין שוויץ אריין! ביז צען מאַמעס, דערנאָך טאַטעס! אין שוויץ אריין!"

די שוויץ־באָד אויפן זאַרינעק ביים פּאַטיעק איז געווען אַ שטיק פון דעם יידישן לעבן אין קליינעם שטעטל. פריער איז דאָרט געווען בעדער מרדכי קראָכמאַלניק, שפּעטער — מענדעלע. אין דער באָד זענען געווען בענק איינע איבער דער אַנדערער, ביז צו דער „אייבערשטער" אונטערן סופיט. אַנטקעגן די בענק, נישט ווייט פון דער קאַלטער מקוה, איז געווען דער אויוון מיט גרויסע שטיינער, וועלכן מען האָט געהייצט מיט „שוכאָווע" קלעצער האָלץ. ווען די שטיינער האָבן זיך אָנגעגליט, האָט מען אויף זיי געגאָסן הייס וואַסער און עס האָט זיך פון זיי אויפגעהויבן אַ ווייסע, הייסע פּאַרע. יידן האָבן געכאַפּט שעפלעך קאַלט וואַסער מיט בעזעמלעך צום שמייסן זיך און זענען ארויף אויף די בענק, העכער און העכער, יעדער אויף וויפל ער האָט געקאָנט פאַרטראָגן. אָבער קיינער האָט זיך נישט געקאָנט גלייכן צו די צוויי גרויסע שוויצערס — שכר וואָלף און יאָסי פּרומעס. האָבן זיך די צוויי צוזאַמענגעטראָפן, זענען אַלע אַרויס פון שוויץ. מען האָט שוין אומיסטן געגאָסן אויף די שטיינער אָן אַ צאָל שעפלעך

אָקרעפּ, געמאַכט אַזאַ היץ, אַז שוין אונטן האָט עס פאַרכאַפּט דעם אָטעם.
און די צוויי זענען געזעסן אויף די אייבערשטע בענק און געשריגן:
אוי, אַ ביסעלע פּאַרע... ס'איז דאָך אַ פראָסט, אַן אומקימעניש!"

ערשט ווען די צוויי פלעגן אַרויסקומען אין פאַרהויז, רויטע, ווי רויע שטיקער פלייש, און בעטן ביי זיידעלע קוואסניעק אַן אייז־קאַלט גלעזל באַרלעך־קוואַס, האָבן די אַנדערע געקאָנט אריינגיין כאַפּן אַ שוויץ.

4
נ ו ט ע ב ל ע ם

געוועזן אין שטעטל אַ היפּש ביסל אָרעמע לייט, וואָס מיט שווערער מי האָבן זיי אַרויסבאַקומען דאָס טרוקענע שטיקל ברויט, אָדער קאַלעשע מיט ציבעלע. און אויף שבת האָבן זיי „געקוילעט אַ הערינג". דאָס זענען געוועזן דאָס רוב קליינע באַלמעלאָכעס, באַלעגאָלעס, טרעגער א.א.וו.

אַזאַ איינער איז געוועזן נוטע דער טרעגער, נוטע „בלעם", ווי מען פלעג אים רופן. אַ שטוב אַן פענצטער, מיט אַ ליימענער פּאָדלאָגע, אויפן „זאַרינעק" — דאָס איז געוועזן נוטעס וווינונג. זיין ווייב —אַ נידעריקע, פעטע יידענע מיט צוויי פיס, קיילעכדיקע ווי אַ טויער. קינדערלעך האָבן זיי געהאַט אַ היפּש ביסל — שיינע, געראָטענע, מיט בלויע און שוואַרצע אייגעלעך.

אַז אין שטוב איז ענג און קיין פרנסה איז נישטאָ, קריגט מען זיך און מען שעלט זיך, און מען ליציטירט זיך אין אויסגעפינען עפּעס אַזעלכע קללות, וואָס אפילו אין דער תוכחה זענען זיי נישטאָ...

נוטע האָט געהאַט אַ פּאָר געזונטע פלייצעס און געקאָנט מיטן קוק אָנלאָדן אויף זיי דעם שווערסטן זאַק תבואה. אָבער אין די קליינע פינטעלעך האָט ער זיך גאָרנישט אויסגעקענט, איז געוועזן נעבעך אַ גראָבער יונג. ווייל ווו האָט ער געזאָלט לערנען תורה ביי יאָסיע, „דעם קרומען קאָפּ", ביי וועלכן ער האָט באַקומען זיין דערציאונג?

און פונדעסטוועגן זאָל דאָ נוטע בלעם, דער עם־הארץ, דער פּאַר־גרעבטער טרעגער־יונג, דערמאָנט ווערן, און זאָל דערציילט ווערן פּאַלגנדע פּאַסירונג:

דאָס איז געווען נאָך דעם אָוועקגיין פון דער רוסישער ארמיי און דעם

דערנענטערן זיך פון די נאַציס קיין קאָסעוו. אין שטעטל — אַ בהלה. עס קומען צולויפן פליטים פון טשעכיען, אונגאַרן — שוואַכע און מידע, אַלטע און קראַנקע, מיט פעקלעך, רענצלעך — דאָס לעצטע ביסל האָב, משטיינס־געזאָגט. עס איז פול מיט זיי דאָס שטאָטישע בית־מדרש. אַ טומל, אַ געקרעכץ. מען נעמט צונויף געלט — יידן דאַרפן עסן. מען טיילט איין אַלע אויף נאַכטלעגער אין די פריוואַטע הייזער. יעדער נעמט איינעם, אָדער צוויי פליטים צו זיך אַהיים. שמואל דרעזנער (פענדוצי) נעמט צו זיך אַן עלטערן בכבודיקן ייד, וואָס פאַר שוואַכקייט שלעפט ער קוים די פיס. דעם יידנס רענצל, מיט אַ צוגעבונדענעם שירעם, איז געלעגן אין אַ ווינקל פון בית־מדרש צוזאַמען מיט די אַנדערע בינטלעך צרות פון די אָנגעלאָפענע, דערשלאָגענע יידן. דער ייד האָט זיין רענצל שוין קיין כוח נישט געהאַט צו טראָגן, האָט דרעזנער אַ רוף געטאָן נוטען, געהייסן נאָכטראָגן זיך דאָס רענצל און זיך געלאָזט מיטן יידן פאַמעלעך אַהיים. אין אָט דער גאַס האָבן געהאַלטן וואַך אוקראַינישע מיליציאַנטן, וואָס האָבן געטאָן, וואָס נאָר ס׳האָט זיך זיי פאַרוואָלט. איינער פון זיי האָט גענומען רופן נוטען, ער זאָל שטיין בלייבן. נוטע האָט געוווסט מיט וואָס דאָס שמעקט און אויך פאַרשטאַנען, אַז אין דעם רענצל איז דאָס לעצטע פאַרמעגן, וואָס דער צעבראָכענער ייד האָט אָפּגעראַטעוועט. האָט ער קיין סך נישט געקלערט און געמאַכט ויברח אין אַ געסל אריין. דער מיליציאַנט לויפט אים נאָך מיטן געווער אין דער האַנט, שרייט און דראָט. אָבער נוטע איז פלינק ווי אַ פייל, דורך דעם זאַרינעק אריבער די „ריקע“ און האָט זיך באַהאַלטן אויף דער מאסקאליקע.

צוויי אַזייגער ביי נאַכט האָט מען אָנגעקלאַפּט ביי דרעזנערן אין פענצטער. מיט שרעק איז ער צוגעגאַנגען עפענען די טיר און... אַ רענצל מיט אַ צוגעבונדענעם שירעם האָט זיך צו ערשט באַוויזן אין דער טיר און דערנאָך איז אַ פאַרסאָפּעטער און דערשראָקענער, אַ נאַסער און פאַרשוויצטער, אריין אין שטוב נוטע.

בימי ילדותי לא הכרתי את הרש׳לה פייאר, (או כפי שכינוהו אחר כך ר׳ צבי) ושתים היו הסיבות לכך: א) הוא נולד וגדל בפרבר של קוסוב, מונאַסטרסקו, שהיה מעין המשך לעירנו, בעל רחוב אחד ארוך, שרק נחל אכזב מפריד בינו לבין העיר ולא תמיד היה קשר הדוק בין ילדי העיר — והפרבר; ב) כפי הנראה, הקדיש הרש׳לה פייאר, עוד משחר ילדותו, כל רגע לתורה ולתפילה ומקומו לא יחד בין נערי העיר ושובביה. רק בהיותי בן 14 ונמניתי בין חובשי בית המדרש ולומדיו, נפגשתי אתו יום יום במשך שנים מספר.

מבין בתי הכנסת הרבים שבעיר, היה רק בית כנסת אחד, שהיה פתוח בכל שעות היום עד שעה מאוחרת בלילה, לשם לומדי תורה, והוא בית הכנסת דטולמיטש. מכל קצווי העיר התכנסו ובאו לכאן לומדים ובני נוער במטרות שונות: יש שבאו, כדברי ביאליק, „להשכיח את רישם בדף גמרא בלה״, יש שראו בבית המדרש מקום פגישה של בני נוער, אשר הוריהם בירכו כבר „ברוך שפטרני מענשו של זה״ ומסרו בידי בניהם את עתותיהם לעשות בהן כטוב בעיניהם.

ר׳ הרש׳לה פייאר נמנה בין אלה, שבאו לבית המדרש לשם לימוד תורה, שכן בכך ראו יעוד חייהם.

בגלל המרחק הרב מביתו, שבקצה הפרבר, עד בית המדרש דטולמיטש, נוהג היה להביא אתו לבית המדרש את ארוחותיו לכל היום, כשהן עטופות מפית לבנה. מפית זו היה פורש, טרם ישב לסעוד ארוחתו היבשה, על השולחן, המלא כתמי חלב, פרפין ודונג מנרות הנשמה של יום הכיפור.

אנחנו, בני הנעורים, שבית המדרש שימש לנו למועדון ללמוד תורה, לשיחה, להשתובבות ולקריאת ספרי השכלה, התיחסנו אליו בחיבה ובדרך ארץ. גישתו אלינו היתה גישה אבהית. אף פעם לא גער במפריעים בשעת הלימוד. תמיד מצא את המלה הנכונה, שהשפיעה יותר מגערה.

הערכנו בו את רצונו העז ואת כוח התמדתו לשבת שעות על שעות ליד השולחן, שליד פינת הכותל המערבי־צפוני, וללמוד וללמוד...

יש שמחשבות טרדניות והרהורים רעים הטרידו את מנוחתו בעת לימודו ואז היה מרים, כמעט בשאגה, את קולו, ושעות על שעות נשמע קולו־צעקתו בכל הסביבה, עד שנצטרד והפך לצריחה דקה עד כלות כוחותיו...

מאז בואו לבית מדרשנו ללמוד, הציב לו הרש׳לה פייאר גם מטרה בחייו והיא: להציל ילדים מניוון רוחני וגופני גם יחד. אשה שנתאלמנה ובניה נתיתמו ואין ידה משגת לשלם שכר לימוד ילדיה, יהודי שירד מנכסיו ובניו בטלים מלמוד תורה מחמת אונס, היה הרש׳לה אוספם לבית מדרשנו וקובע להם עתים לתורה, לפי כשרם השכלי, אם בפרשת השבוע ואם במשנה או בגמרא.

אך לא רק לנפשם היה דואג, אלא גם לגופם, ולא אחת חילק אתם את ארוחתו הדלה.

והיה הרש׳לה פייאר משתף פעולה עם ר׳ שמואל דוד הרש׳ס. מי לא הכיר בקוסוב העיר את ר׳ שמואל דוד הרש׳ס? או מי מתושבי עירנו לא שמע עליו לפחות? בארבעה אחים בלתי רגילים נתברכה עירנו, שגם בימים ההם שמלפני 40—50 שנה בלטו מיתר יהודי העיר בתכונותיהם ובמידותיהם התרומיות.

הבכור שביניהם ר׳ מרדכי (או מוטיה כפי שכינוהו) פלאך, היה סוחר בתוצרת חלב בסיטונות וביחוד בגבינת־כבשים מלוחה, הידועה בשם „ברינזה״. היה יהודי אדוק, מדקדק במצוות קלות כבחמורות, ספר התהלים שגור תמיד בפיו ובין עיסקה מסחרית אחת לשניה היו מזמורי „נעים זמירות ישראל״ מתחרזים ויוצאים מפיו כפנינים ומרגליות.

האח השני היה ר׳ שמואל דוד הירש׳ס, שעליו ארחיב אחר כך את הדבור.

האח השלישי, ר׳ מנשה פלאך, היה יהודי תמים ואדוק למעלה מהמקובל גם בימים ההם. מלחמה תמידית היתה לו „בסיטרא אחרא״ ו„ביצר הרע״. היה מגרש את אלה מגופו בקולי קולות, שהיו נשמעים לעוברים ושבים בנוסח זה בערך: כלך לך ממני! אין לך מה לעשות בגופי! וכדומה. פרנסתו — על קהל חסידיו מפשוטי העם: עגלונים ובעלי מלאכה, שהיו מתאספים בביתו בשבתות ובחגים אחר הצהרים להאזין לדברי תורה בפרשת השבוע או לאגדה מ„עין יעקב״ או לדברי ה„אלשיך״ הקדוש. לאחר דברי התורה היתה אשתו הרבנית מגישה לשולחן

משקה ודברי מאפה, שאינם חייבים בנטילת ידים; היו שותים לחיים ומקנחים בתרגימא ובסיפורי חסידים על הבעש"ט או על הריז'ינאי הקדוש. ככה מבלים היו פשוטי־עם אלה בביתו עד צאת הכוכבים ועם ברכת ה„הבדלה" נפרדו הם ממנו בברכות ובאיחולים עד לשבת הבאה.

הרביעי באחים, ר' חיים פלאך, היה יהודי בר אורין „צורבא דרבנן" בעל עינים חולמות ומוח חריף השקועים תמיד בהויות אביי ורבא, מבלי לדעת מכל הנעשה סביבו. היה מתהלך כביכול בעלמא לא הדין. הרבי מקוסוב, ר' משה האגר זצ"ל, שהעריך מאד את תמימותו ואת ידיעותיו היה מזמינו בכל שנה ושנה לראש השנה לתקוע בשופר בבית מדרשו, המלא קהל חסידיו בן כמה מאות איש.

ר' חיים פלאך, בחפשו אחרי חתן הגון לבתו, הכיר את הרש'לי פייאר והשיא לו את בתו היפה והמשכילה לאשה. מאז יכול היה ר' צבי (כך התחילו לכנותו אחרי חתונתו) להקדיש את כל עתותיו לתורה ולהצלת יהודים, כי אשתו, המומחית לתפירת בגדי נשים וילדים, כלכלה את המשפחה החדשה בכבוד וכל מחסורה עליה.

ר' שמואל דוד הירש'ס, האח השני, שהיה, אגב, סבי (אבי אמי), לא היה למדן גדול בתורה. בשעות הפנאי המעטות, ביחוד בערבים, לאחר סגירת חנותו לתוצרת חלב ותוצרת עץ ויער, אשר ממנה פרנסתו, היה בא לביתנו בכדי לפרק מעליו את הנתעב והחולין שבמשאו ומתנו במשך היום עם ה„גויים" וה„גויות", ולשאוף לתוכו מאויר הקודש, אשר מלא את בית אבי ז"ל, מלחש התורה ומדברי אלוהים חיים. המיחם החם, שהיה מלוה בזמזומו העליז את ניגון הגמרא העצוב של אבי ז"ל בשעות היום וסיפק לו גם כמה וכמה כוסות תה חריף ונעים במשך היום, לא מנע מטובו גם מסבי. ורק אחרי שהרווה צמאונו, היה סבי מוציא מארון הספרים אחד מסדרי המשנה ומבקש ממני ללמוד אתו יחד פרק משניות. אך לא תמיד מילאתי את בקשתו ברצון, שכן לימוד משניות נחשב בעיני בחור כמוני, ששמורים היו כבר במוחי כמה עשרות דפי גמרא, לירידה, ולא פעם נאלץ היה לקנות את לבי בכמה „קריצרים".

מספרים היו על הסבא והסבתא, כי בחדשים הראשונים לחתונתם היו פורצות מריבות ביניהם, כמעט בכל ערבי שבתות. הטעם לכך, היה דבר היעלמם של כל מיני כלים וחפצים מהבית. פעם היו אלה פמוטי הכסף של הסבתא ופעם — בגד השבת של הסבא ופעם פדיון החנות של ערב שבת, שנעלם ממגירת השולחן. בסוף נודע לסבתא כי הכלים והבגדים

ניתנו בעבוט ע״י הסבא להשגת כסף לצרכי שבת בשביל ה„יורדים״ והנצרכים של עירנו, המתביישים עדיין לפשוט יד בפרהסיה.

כאשר לא נמצא בידי הסבא חפץ הראוי להינתן במשכון או שלא נמצא מלווה, שיסכים לתת סכום כסף על המשכון, היה הסבא מרוקן את מגירת הפדיון מתוכנה ומחלקה בין הנצרכים.

המריבות בין הזוג הצעיר הלכו וגברו משבוע לשבוע וה„שלום־בית״ הופר עד כדי כך, שהסבתא החליטה לשוב לבית הוריה ולחכות לגט. רק אז נוכח סבי לדעת, כי הגדיש את הסאה, וכי לא יתכן, כי אדם אחד ויחיד יכלכל מכספו כמה וכמה משפחות בעלי בתים, שהגיעו עד פת לחם.

בחיפושיו אחר מוצא, צץ במוחו הרעיון: אם „בעלי הבתים״ שירדו מנכסיהם מתבישים לפשוט יד ולבקש עזרה מאחרים, יעשה הוא זאת במקומם; הוא יפשוט יד במקום הנצרכים, הלא בו לא יחשדו כי מקבץ הוא את הפרוטות לצרכיו הוא ואם דוקא יחשדו בו, לא איכפת לו — ונמצא זה נהנה וזה לא חסר. מאותו יום ואילך היה ר׳ שמואל דוד הירש׳ס חוזר, בכל יום חמישי, בשעת תפילת מנחה ומעריב, על כל בתי הכנסת אשר בעירנו, ניגש מיהודי אחד למשנהו ומבקש נדבה לנצרכי העיר. מכיון שהתרומה הזאת לא היתה תרומה חד פעמית, אלא מעין תרומה שבועית תמידית, קבע סבי לא לקבל יותר מאשר קרייצר אחד מאיש (מאית הגולדן האוסטרי) ורק מאורחים שנקרו בעיר היה מקבל כל סכום שנתנו.

בעלי הבתים, באי בית הכנסת לתפילת מנחה ומעריב, ידעו להעריך את פעלו זה של סבי והגישו לו את הקרייצר הנדרש בכבוד וברצון ואף הכינו את התרומה כשסבי עוד על מפתן בית הכנסת, למען לא יצטרך להתעכב זמן רב במקום אחד ויספיק לעבור על כל בתי הכנסת שבעירנו, שמספרם הגיע למנין.

את המפעל הזה, הדאגה לנצרכים, קיים ר׳ שמואל־דוד הירש׳ס עד סוף ימיו. לעת זקנה קשתה עליו ההליכה, וביחוד בימות החורף הקרים והיה מיצר ודואג מי יספק למשפחות האומללות הללו את הפרוטות המעטות אשר עליהן קיומן.

והנה הופיע בימים האלה בבית המדרש דטולמיטש, מקום תפילתו של סבי, הרש׳לה פייאר, אשר באהבתו את ה׳ ובלימוד תורתו קנה את לב כל מתפללי בית מדרשנו לאהבה אותו. גם סבי ז״ל שעקב אחרי הליכותיו הרגיש בו מעין שותף בכוח למפעלו: הצלת יהודים מניוון. בימים שבהם

היה סבי מרותק למיטתו מחמת חליו, היה רב הרש׳לה ממלא את מקומו ודואג לנצרכי העיר, כמובן בתיאום עם הסב.

ב.

במלחמת העולם הראשונה, בשנת 1916, התקיפו הרוסים בכוח מחץ רב את הגבול המזרחי של אוסטריה. יהודי מזרח גליציה, שטעמו עוד בשנת 1915 את טעמו המר של השלטון הרוסי על כל מוראותיו, החליטו לא להישאר עם הרוסים גם בפלישתם השניה.

עם נסיגת הצבא האוסטרי, מפני הכוח הפולש, ברחו כמעט כל היהודים להונגריה ומשם נשלחו הפליטים למדינות המונרכיה השונות, עד יעבור זעם. רבים מיהודי גליציה המזרחית מצאו את דרכם לווינה, עיר הבירה, והתישבו בה. גם ר׳ הרש׳לה, אשר מצא בווינה שדה נרחב לפעולתו והיא: הצלת יהודים, השתקע בבירה.

באותם הימים הופיע מדי חודש בחודשו בעתון הקהילה היהודית בווינה מדור בשם: „יציאה מהקהילה״, שהכיל רשימה ארוכה של יהודים שנטשו את יהדותם. הסיבה לתופעה זו היתה בעיקר, מחמת נשואי התערובת בין אחינו בני ישראל (שגדלו בווינה בזמן מלחמת העולם הראשונה, ללא חינוך דתי ולאומי) ובין בנות ווינה היפות וקלות הדעת. יהדות ווינה היתה זקוקה באותם הימים ליהודי כר׳ צבי פיאר, היודע לעמוד בפרץ הטמיעה, שפשתה בין הנוער היהודי בווינה ואכלה בו בכל פה, ולשים לה קץ.

ואמנם ר׳ צבי, אשר חש בסכנה הנשקפת ליהדות מההתבוללות, הזעיק את יהודי ווינה, משלומי אמוני ישראל, אשר מצבם החמרי לא היה רע כל עיקר, להתיעצות דחופה, במגמה לשים קץ למגפת־שמד זו. דבריו שהשמיע בחום לבבו מצאו הד בלב הנאספים, שהחליטו לייסד מעין „מיסיון״ יהודי ולו תפקידים אלה: א. לפעול בקרב יהודי וינה בכיוון שמירת הדת וביחוד את השבת; ב. לשמור על טהרת המשפחה ולמנוע המרת הדת בין יהודי וינה.

האימון שרחשו לר׳ צבי יהודי וינה, לאחרי שהכירוהו מקרוב, היה ללא גבול וסכומים גדולים הועמדו לרשותו, שבהם יכול היה להשתמש לפי ראות עיניו. חברי האגודה הזאת סיפקו לר׳ צבי את האינפורמציה הדרושה, היינו, מי הם היהודים שחנויותיהם פתוחות בשבת, מה מצבם החומרי ובאילו אמצעים אפשר לנקוט נגדם. כמו כן הודיעו לו את כתובת היהודים, המתעתדים לנטוש את יהדותם.

ר׳ צבי ניגש תיכף לפעולה בכל להט נפשו והודות לכוח השכנוע שלו, שהיה רב מאוד, הוכתרו על פי רוב, פעולות אלה בהצלחה. מעולם לא הופיע לפני בעלי דבבא, כ„שוטרו של הרבונו של עולם״, או כאיש הבא לריב את ריבו של הקדוש ברוך הוא. תמיד ידע להדגיש את התועלת הפרטית שבדבר ולהסתיר ככל שאפשר את הצד הדתי או הלאומי. לא בשמו של צד אחרון זה הוא מדבר, אלא משמו של אהבתו לבריות ודאגתו לזולת.

ליהודי שחנותו פתוחה בשבת, הוכיח באותות ובמופתים שכל עבודתו בשבת היא רק לרעתו — והא ראיה: יהודים פלונים ואלמונים, שחנויותיהם נעולות בשבת — פרנסתם מצויה בשפע רב יותר. אם נתקל ביהודי עקשן וסרבן, שלא שעה לדבריו, ידע ר׳ צבי ברגע הנכון להציע לו פיצוי כספי חלף הנזק שנגרם לו ע״י סגירת חנותו בשבת, עד שייווכח בעצמו ש„כל שומר שבת כדת מחללו, שכרו הרבה מאוד״.

בדרכים אחרות ובשיטות אחרות השתמש ר׳ צבי לגבי אלה שעמדו להוציא את עצמם מכלל ישראל בשל נשואי תערובת. בעזרת ההורים, שכמעט תמיד היו נגד הנשואים הללו, קבע ר׳ צבי מועד לשיחה עם המועמד לשמד ובה השתדל לגולל לפניו את היסורים הרבים, שיגרום בצעד פזיז זה להוריו, לו עצמו וביחוד לבחורה, שכל כך אהבה נפשו. הילדים שיוולדו להם יקללו אותם תמיד. בין ילדי ישראל ייחשבו „לגויים״ ובין ילדי הגויים ל„יהודים ארורים״. חייהם, שהם רואים בדמיונם בצבעים ורודים כל כך, ייהפכו להם לגיהנום עלי אדמות. אך לא תמיד הביאו דבריו אלה, שנאמרו בלהט ובכוח שכנוע רב, את התוצאות המקוות. אז היה מבקר וחוזר ומבקר בבית הורי הצעיר וקובע על ידם מועד לשיחה שניה. בפגישה השניה היה ר׳ צבי מפנה את השיחה לכיוון אחר לגמרי. מציע הוא לבחור דנן נסיעה לחו״ל ומוכן היה גם להמציא לו את הויזה הדרושה לארץ המבוקשת לשנה או ליותר, למען יוכל לבדוק את עצמו אם באמת ובתמים הוא אוהב את בחירת לבו, או שמא ויווכח לאחר זמן מה שאין האהבה גדולה כל כך, אם מצידו ואם מצידה, או אולי מצד שניהם גם יחד. ואולי כדאי לו בכלל לראות מה נאה והדור הוא העולם לפני שהוא עומד להתקשר עם מישהי ובינתיים ידחה את החלטתו לשנה או יותר. איזה צעיר יכול היה לעמוד לפני פיתוי כזה? רבים היו המקרים שבהם הצליח להציל „מועמדים״ לשמד — ומי ידע עתה למנותם?

על אישיותו המופלאה מלמדת העובדה הבאה:

אירע הדבר בערב שבת בין השמשות. ר׳ צבי גמר את סיבובו

הרגיל באיזור היהודי — להיווכח אם כל החנויות נסגרו כבר. בדרך לבית הכנסת לקבלת השבת, נתקל במעשן סיגריה ופנה אליו, כדרכו בנימוס רב: „יסלח לי אדוני על הטרדתי, שאני מטריד אותך, אך כל כוונתי היא רק לטובתך ולבריאותך. הנה עישנת היום למעלה מ־20 סיגריות ומשוכנע אני שידוע לך הנזק הרב אשר הניקוטין גורם לגופך. האם לא כדאי לך לזרוק את הסיגריה ולהקטין בזה את הנזק לגופך — וביחוד ששבת מלכתא יורדת כבר אלינו ממרומי השמים, ואיך נקבל את פניה בעוד הסיגריה בפיך? עשה נא אתי את החסד הזה וזרוק את הסיגריה מפיך". בלי אומר ודברים השליך האיש את הסיגריה מפיו והמשיך דרכו. אך בפסעו שתים שלוש פסיעות, חזר האיש לר' צבי ואמר לו: „היודע אדוני הרבי, כי נוצרי הנני?" — „אלף סליחות אבקש מאדוני, על שחשבתיך ליהודי וגרמתי לך אי נעימות" — הצטדק ר' צבי. „אולם יאמר נא לי אדוני למה זרק את הסיגריה חינם?" — „בכדי לגרום לאדוני הרבי נחת רוח על פנייתו הנאה והמשכנעת" — ענה הנוצרי והלך לדרכו.

ג.

עם כניסתם של קלגסי הצורר (ביום 15 במארס 1938) לווינה בירת אוסטריה, כשתושביה, שספגו לתוכם במשך שנים את הארס הנאצי, מקבלים את פני הפולשים בתשואות ובהתלהבות רבה, התחילו יהודי אוסטריה בכלל ויהודי וינה בפרט לחוש את השואה ההולכת ומתקרבת גם אליהם הפרעות ביהודי וינה היו אכזריות בהרבה מן ההתפרצויות, שאירעו בגרמניה, שעל כן נטלה האוכלוסיה המקומית חלק רב בהן.

באחת השבתות, לאחר שבוצע הסיפוח שב הרש'לה פיאר בחברת ידידיו־מעריציו מבית הכנסת הביתה. בדרך הקיפו אותם בני נוער היטלראי, בלווית מנגנים ונפקות וינאיות, ולקול צלילי הוולס, חטפה כל יצאנית יהודי אחד לרקוד. הנוער ההיטלראי התובע, כביכול, את „עלבון" ה„פרויליינס", על שאין יהודים נענים להזמנתן, התחיל להכות ב„מסרבים" מכות רצח וכל עוד נפשם בם הגיעו היהודים לביתם.

ההשפלות, העלבונות והמכות שספג הרש'לה באותה השבת הביאוהו לידי מחשבות והרהורים אחרי מידותיו של הקב"ה ולידי פשפוש במעשיו. האם לא נפרע על נטישתו את עירו קוסוב על יהודיה התמימים והישרים, לומדי התורה ושומרי המצוות, והשתקע בווינה השקועה במ"ט שערי הטומאה והזימה, רק מתוך יצר הגאוה שגבר בליבו?

במוצאה של אותה שבת, אחד שהבדיל, ארז את טליתו ותפיליו

ומעט הלבושים הדרושים לו ביותר, נפרד מאשתו ובתו, שנשארו עוד כדי לחסל את רכושם המעט שהיה להם, ויצא לדרך, לעירו קוסוב.

זמן רב היה הרש׳לה פייאר נתון במרה שחורה מחמת תחושת האסון העומד בפתח ולא יכול היה להתאושש לשום פעולה.

בימים האלה התחילו להגיע אליו לקוסוב מכתבים מידידיו־מעריציו, שהצליחו בינתים לברוח ולהגר מאוסטריה ולתקוע יתד בארצות־אירופה אחרות. לכל מכתב צורף גם שק על סכום כסף לשם המשכת פעולתו המברכת — הצלת יהודים. עד מהרה השתחרר הרש׳לה מדכאונו והתחיל בפעולה למען תלמידי ה„תלמוד־תורה״, שרובם היו יתומים ובני עניים, ודאג לא רק למזונם הרוחני, אלא גם למזונם הגשמי. בדאגה לקיום ה„תלמוד־תורה״ שיתף גם רבים מבעלי הבתים, שרחשו אמון והוקרה למפעלו.

עם פרוץ מלחמת העולם השניה ועם השתלטות הרוסים על גליציה המזרחית לפי הסכם ריבנטרופ—מולוטוב, נשבר בבת־אחת ראש מטה לחמם של רוב יהודי קוסוב. התעשיה היחידה — אריגת המרבדים (קילימס) והפצתם בכל רחבי פולין, שעליה התקימה כמעט כל העיר, נפסקה כליל, אם בגלל מחסור בחומרי גלם ואם בגלל מחסור בשווקים. המצב הלך ורע מיום ליום. הקשר עם ארצות חוץ נפסק או נשתבש. התרומות שהרש׳לה פייאר היה מקבל מחוץ לארץ הלכו ופחתו וקיומו של המוסד הועמד בסכנה.

בכדי להציל את ילדי ה„תלמוד־תורה״ מחרפת רעב, פנה הרש׳לה לבעלי בתים רבים לאמץ ילד מילדי המוסד, לפחות לארוחה יומית אחת. בין אלה שהרש׳לה פנה אליהם, היה גם יהודי כפרי מהסביבה, שנטש את רכושו בכפר, מפחד האוקראינים, ובא לגור בעיר. יהודי זה נוהג היה לתרום ביד נדיבה, ל„תלמוד־תורה״, כל אימת שנזדמן העירה לרגל עסקיו. אולם עתה, כשפנה אליו הרש׳לה לאמץ ילד לארוחה יומית, ענה לו היהודי: כלום אינך יודע, כי הנני עני בין עניים וכל פרנסתי על פרה חולבת אחת שהצלחתי להביאה העירה? ידעתי גם ידעתי את מצבך — ענה לו הרש׳לה — אך כלום נעלמה ממך האימרה הידועה: „רק הודות לעניים יכולים הקבצנים להתקיים. אלמלא העניים לא היה לקבצנים קיום בעולם״.

חורף קשה עבר על יהודי קוסוב תחת שלטון הרוסים. מי שלא עבד או מי שלא יכול היה לעבוד צפוי היה לחרפת רעב. לא עלה על דעת מישהו לחשוב על מצוות אכילת מצה בפסח, אם אין לחם לשובע בכל ימות השנה. ברם, הרש׳לה פייאר היה האיש, שדאג גם לקיום מצוות אכילת

מצה בפסח. עוד בראשית הסתיו הסתובב הרש׳לה בין איכרי הסביבה, מתוך סכנת נפשות להיתפס ולהיענש קשה כ„ספסר״ במצרכי מזון, וקנה בפרוטותיו האחרונות חיטה בכמויות קטנות ובמחיר מופרז, הביאה הביתה ושמר עליה מכל משמר במשך כל החורף. לפני הפסח טחנה בטחנת קפה, שהכשירה לצורך זה ע״י גיעול, ואפה מהקמח מצה שמורה. בערב פסח אפשר היה לראות את הרש׳לה מסתובב בעיר, כשפניו נוהרים משמחה וגיל ומבקר בבתי שלומי אמוני ישראל, מוציא מחיקו את המתנה היקרה ביותר שיכול היה להביא באותו זמן, הלא הן שלוש מצות שמורות למשפחה לקיים בהן מצוות אכילת מצה בליל הסדר.

בבוקר־חורף אחד, בזמן ממשל הרוסים בקוסוב, פשטה שמועה בעיר: הרש׳לה פייאר הובל ע״י ארבעה חיילים עם רובים מכודנים לקומיסר הרוסי. מה זה ועל מה זה, מה פשעו ומה חטאתו — אין נפש יודעת. ידידיו וקרוביו התחילו להזעיק את פני העיר, שישתדלו לשחררו. בין כה וכה ראו האנשים הניצבים ליד העיריה את הרש׳לה יוצא מהקומיסר ופניו זוהרים מגיל. לסובבים אותו סיפר על ה„פשע״ הגדול שפשע נגד חוקי המדינה הסוציאליסטית בזה, שטבל במקווה הקרה, אשר מעין מים חיים מפכה בה ביום ובלילה, למרות האיסור החל על יהודי העיר לטבול בה, היות והשלטון החרים את בית המרחץ היחידי אשר בעיר לצרכי הצבא. כיצד הצליח להשתחרר בלי עונש? על כך סיפר בהסברתו שנתן לקומיסר: בעצם הנהו קומוניסט לא פחות מהקומיסר בעצמו. כל החוקים החלים על קומוניסט טוב חלים גם עליו לפי התורה הקדושה. ומנה וספר ר׳ הרש׳לה את כל החוקים הסוציאליים אשר על יהודי לקיים, אלא שההבדל בין קומוניסט טוב לבינו הוא בזה, שהקומוניסט הטוב מסתפק רק בטהרת הנפש ואילו הוא זקוק גם לטהרת הגוף ומשום כך עליו לטבול יום יום במים. אחרי שהקומיסר שמע את הסברו, לא רק שלא העניש אותו, אלא אף נתן לו רשיון קבוע, שמותר לו להתרחץ בבית המרחץ בכל עת שירצה.

התקפתה של גרמניה על בריה״מ ב־21.6.1941 הביאה לכיבוש מהיר של גליציה המזרחית וקוסוב בכללה.

רק מעטים מיהודי קוסוב הצטרפו לצבא בריה״מ הנסוג. רוב הקהילה נשאר בקוסוב, בתקוה, כי בקרוב תעבור ממשלת הזדון מן הארץ. אך לא כן — הרש׳לה פייאר. הוא, שחזה מבשרו אכזריותו של הצורר לא קיווה עוד לרחמים ממנו. השאלה, שניקרה כל אותו זמן במוחו היתה: „למה״? במה חטא עם ישראל, שצרות רבות כאלה מתרגשות ובאות

עליו? האם אין אלה „עקבתא דמשיחתא"? ונזכר הוא בדברי ר' אליעזר בן אבינא: „אם ראית מלכויות מתגרות אלו באלו — צפה לרגלו של משיח". והרש'לי פייאר ציפה לרגלו של משיח והיה יושב בבית המדרש, כשהוא עטוף בטלית ועטור בתפילין עד שעות מאוחרות של אחה"צ, מבלי שאוכל יבוא אל פיו ועוסק בתורה ועבודה.

באותו יום המר והנמהר, ביום כ"ה בתשרי תש"ב, הלך איש הס.ס. ימ"ש, בלווית שוטרים אוקראינים עוזריו, לחפש אחרי יהודים, שהסתתרו בבתיהם ומצאו את הרש'לה בבית המדרש עטוף בטלית ותפילין. „הנה היהודי שחולל את המלחמה הנוכחית, המכוונת נגד הרייך", קרא איש הס.ס. ובמכת חרב אחת מחץ את ראשו. זרם הדם שפרץ מהפצע, זרם על הטלית והוסיף גוון נורא ואיום לטליתו. כך הובילוהו לאורך כל העיר השוממה והריקה מאנשים והרש'לה משמיע מדי פעם בפעם את קריאתו־צוואתו בקול צרוד וחלוש: „הצילו יהודים"!

היתה שעת בין הערבים, כשהביאו את הרש'לה עם יתר האנשים שנועדו למות, למקום הרצח על ההר. ותבוש ותחפר החמה ופניה הסמיקו וגם העננים בשמים האדימו — האם מבושה? או אולי מהדם האדום הרב שנשפך באותו המקום על לא עוון. והרש'לה פייאר עמד בשורה אחת עם אחיו ואחיותיו לגורל והשמיע בפעם האחרונה את צוואתו: „שמע ישראל"... „הצילו יהודים!!"

ובררכסי הקרפטים של מוסקלובקה וסוקולובקה הדהדה צוואתו האחרונה של ר' הרש'לה: „ה־צי־לו יהו־די־ם! ה־צי־לו יהו־די־ם!"

רבקה פינסטר־קסר
גננת בגן הממלכתי בצפת

אבי אליהו פינסטר

מוקדש לאמי שרה, לאחי ואחיותי:
יעקב, מלכה, הדסה ומאיר הי״ד.

תנועת התחיה של עם ישראל הולידה טיפוסי אדם, אשר קורצו כביכול מחומר אחר. אדם כי דבק ברעיון התחיה האמין בו והתמסר לו בכל נפשו ומאודו.

אבי אליהו פינסטר הי״ד היה אחד מאלה, שדבקו ברעיון הציוני ותחיית השפה העברית, עבד ועשה למענם בכל השטחים. אולם עיקר פעילותו הייתה בהוראה בבית הספר העברי. בחינוך הנוער ובהחייאת הלשון העברית בפי הדור הצעיר ראה שליחות וייעוד חייו. ביאליק מתאר ב„מתמיד״ את בחור הישיבה, המקריב את חייו על מזבח התורה, אולם עוד לא קם המשורר, שיתאר כיצד הקנו מורים תורה בעיירה היהודית בימים ההם. באיזו תנאים עבדו ומה היה שכרם ואיך פירנסו את משפחותיהם.

המשכורת הזעומה, חוסר תנאים סוציאליים וריבוי שעות העבודה, כל אלה לא מנעו מאבי מלעבוד במסירות ובהתלהבות והיה מאושר בלכתו ברחוב ושמע את הצליל של השפה העברית, החיה בפי הילדים.

קיים היה ועד בית־הספר, שעליו היה לדאוג לצרכיו, לקבוע את גובה שכר הלימוד, לקבל ילדים וכו׳. אולם מי שידו לא השיגה לשלם נתקבל בהסכמת המורה חינם אין כסף, שהעיקר היה לו: להרבות תורה. אבי ע״ה אירגן ספריה ע״י ביה״ס, חילק ספרים לקריאה וכך הרגיל את תלמידיו לקרוא ספר עברי.

זכורות לי ההצגות היפות, שערכו תלמידי ביה״ס העברי. את התלמידות הבוגרות, שכבר עזבו את כותלי ביה״ס, אירגן בחוג שקראו לו „עבריה״. שם התאספנו ושוחחנו בעברית. היו שם הרצאות בעברית, ממנו ומאחרים.

ואמנם עמלו נשא פרי. רבים מחניכיו הלכו לתנועות הנוער החלוציות, נכנסו לפלוגות הכשרה מהם זכו ועלו לארץ ונמצאים בקיבוצים ובמקומות אחרים בארץ.

ובבית, בחוג משפחתו — למרות טירדותיו ודאגותיו הקדיש זמן

לחינוכנו. כאדם בעל השקפות מתקדמות חינך אותנו לחיי עבודה, אהבת הזולת ולשוויון, ועל הכל לאהבת המולדת הרחוקה והקרובה ללבנו. סיפר לנו על יוסף טרומפלדור וחבריו, על אליעזר בן־יהודה, על הזקן שהלך להיות איכר — הלא הוא א. ד. גורדון. לאור האידיאלים האלה התחנכנו. בבית שלטה השפה העברית. אפילו אמא ע״ה הספיקה ללמוד ולדבר עברית.

עקב המכתבים שהגיעו מדודנו מ. היזלר, שעלה ארצה ב־1921, היה קיים קשר חי עם הארץ. כל מכתב היה מאורע חשוב. גם עתונים מן הארץ היה שולח לנו. קראנו־בלענו הכל בחשק רב והשמחה בבית היתה שלמה.

השנים עברו — התכוננו כולנו לעליה. אני הייתי הסנונית הראשונה ואחי ואחיותי קיוו בתור לסרטיפיקט. אך השואה הקדימתם ולא זכו... הי״ד.

סבי ר׳ פינחס (פיני) הייזלר

את סבי ר׳ פיני הייזלר ז״ל אני זוכרת מימי ילדותי. הוא היה תלמיד חכם, חסיד וירא שמים.

שנים רבות כיהן בתפקיד בעל תפילה אצל הרבי ר׳ משה׳לה האגר זצ״ל, האדמו״ר מקוסוב. היה מלווה אותו במסעיו ברחבי אוסטריה־הונגריה. יהודי עליז ושמח היה. אוהב לבדח ולהתבדח. בכל שמחה, כגון חתונה וברית מילה, שהשתתף, נהנו הבריות מבדיחותיו ואימרי התורה שלו והעיקר משירתו רבת הרגש והעוז. היה לו קול צלול בוקע שחקים והציבור התמוגג מהנאה.

בקביעות היה מתפלל כשליח ציבור בביה״כ הגדול בכל שבת. שיא הצלחתו היה בימים נוראים. בתפילותיו כבעל שחרית, בעל מוסף ובעל קורא כאחד לא היה שני לו בעירנו.

כיהודי שומר מצוות היה נוהג לקום באשמורת הבוקר לערוך חצות וללכת לבית הכנסת „להגיד״ תהילים. פעם קרהו מקרה לא נעים, בלכתו בלילה, ומאז אמר תהילים בבית. היה מדליק את מנורת הנפט הקטנה, יושב במטבח שלא להפריע לאנשי הבית ומקונן על חורבן הבית, על שכינתא בגלותא וקולו כה נוגה, אך גם ערב.

לעתים הייתי מתעוררת בהגיע אלי הקול החרישי והבכייני. האור הקלוש של מנורת הנפט, החושך הניבט מבעד לחלונות — כל אלה יצרו אוירה מיסתורית, אוירא דקדושה.



פנחס הייזלר

זוכרת אני את ליל הסדר, כשהסבא לבוש הקיטל הלבן הסב אל השולחן, הקידוש החגיגי, אמירת ההגדה בייחוד החלק השני אחרי האוכל. כאן היה קולו הולך וגובר ועמו התלהבות. שירתו נשמעה בכל הרחוב, עד שיצאו השכנים מבתיהם ועמדו מאחורי החלון להאזין... אנחנו, הנכדים הקטנים, הוקסמנו מסבא ולא רצינו ללכת לישון. לא יכולנו להיפרד מן השולחן, ויושבים היינו עד שעה מאוחרת בלילה, כשעינינו נעצמות...

בשנת 1922, בגיל 75 עלה סבי ארצה ישראל. זמן קצר התגורר אצל בנו הר׳ מנחם היזלר בנוה־שלום ביפו, אחר עבר לגור בצפת אצל קרוביו ושם נתמנה לבעל תפילה וראש מתיבתא בישיבת רידב״ז. באיצטלא זו כיהן עד סוף ימיו, הגיע לגבורות ונפטר בשיבה טובה בק״ק צפת.

זכרונות הילדות הקשורים בסבא נחרתו עמוק בלבי. זה היה יהודי, שחי את חייו במילואם, שידע לתת ביטוי לרגשותיו וידע ליצור אוירה של קדושה ויראת כבוד. יהי זכרו ברוך!

ברוך ענגלער

חיה־שרה בארטפעלד

געבוירן און דערצויגן ביי אָרעמע עלטערן, האָט זי שוין אין די יונגע יאָרן אָנגעהויבן אַרבעטן ביי אייזיק שנייבערג אין דער טריקאָטאַזש־פֿאַבריק, און סיי די באַלעבאַטים, סיי די אַרבעטער האָבן זי זייער ליב געהאַט. אַ שטילע, אַ גוטע, שטענדיק גרייט צו העלפֿן יענעם, האָט זי זיך דערוואָרבן אַ שם־טוב ביי יעדן, וואָס איז מיט איר געקומען אין באַרירונג. שפּעטער, ווען עס איז געקומען פֿון אַמעריקע אונדזער חבר מרדכי באַרט־פעלד, און זי האָט מיט אים חתונה־געהאַט, איז זי געוואָרן די מאַמע פֿון אַלע אָרעמעלייט. איר מאַן, אַליין אַ קאָסעווער, האָט אין אַמעריקע מצליח געווען, דאָס פֿון דאָרטן געבראַכטע געלט, געשטעלט אין איר רשות, און זי האָט געוווּסט, ווי אַזוי דערמיט אומצוגיין.

אַ גאַנצן טאָג איז איר וווינונג געווען די היים פֿאַר אָפּענע און פֿאַרבאָרגענע אָרעמעלייט. דאָרט האָט מען געגעסן און געטרונקען און באַקומען אַ שיינע נדבה. זי איז געווען פֿאָרזיצערין פֿון פרויען־פֿאַראיין „לב־טוב“, און האָט אַליין געטיילט מיט אַ ברייטער האַנט גרויסע סומעס.



שרה ברטפלד

זי האָט קיין מאָל נישט געוווסט פון קיין מידקייט. און ווען מען האָט זי גערופן, גרייט געווען צום גיין. ווען מען האָט געדאַרפט שיקן עמעצן אין שפיטאָל קיין קאָלאָמיי, אָדער לעמבערג, האָט חיה שרה געשאַפן דאָס געלט. ווען מען האָט געדאַרפט שיקן אַ חבר אָדער חברה קיין ארץ־ישראל, האָט זי געגעבן די ערשטע 50, אָדער 100 זלאָטעס. זי איז אויך געווען אַלע יאָרן אַ טרייע און איבערגעגעבענע חברטע אין דער „פועלי־ציון״־פּאַרטיי און אַ חברה פון קאָמיטעט.

פאַר דער מלחמה איז מרדכי אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע צו פאַר־לענגערן זיינע פּאַפּירן, האָט מיטגענומען מיט זיך זייער צוועלף יאָריקן זון, און חיה שרה איז געבליבן אין קאָסעוו. ווען מען האָט געגרינדעט אַ קיך אין דער צייט פון די דייטשן, צו באַשפּייזן די בערך צוויי הונדערט אונ־גאַרישע פּליטים, וועלכע האָבן זיך צו אונדז געראַטעוועט, האָט זי זיך באַלד געשטעלט אין דינסט, געקאָכט און אויסגעטיילט דאָס עסן פאַר זיי.

ביי דער ערשטער אַקציע דעם 16טן אָקטאָבער 1941 איז זי אומגע־קומען פון די קוילן פון די נאַצישע מערדער און ליגט אין דעם ברידער־קבר אויפן קאָסעווער באַרג.

מרדכי איז אין אַמעריקע, און זייער זון איז אַן אַדוואָקאַט אין ניו־יאָרק.

כבוד חיה שרהן, דעם באַשיידענעם, גוטן און געטרייען מענטש און חבר! הי״ד.

חורבן ושואה

חורבן און אומקום

ד״ר משולם שמחה

דער אומקום פון קאָסעוו

וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן אין קאָסעוו פון דעם טאָג אָן, ווען די רוסן האָבן פאַרלאָזט די שטאָט, אָנהייב יולי 1941 און ביז קאָסעוו איז געוואָרן „יודען־ריין״ אין נאָוועמבער 1942; ווי אַזוי עס האָט זיך אין די גורלדיקע 16 חדשים די קאָסעווער יידן געלעבט און ווי אַזוי זיי זענען אומגעבראַכט געוואָרן, גיבן אונדז איבער די ווינציקע ביים לעבן־געבלי־בענע, וואָס זענען געווען עדות פון די געשעענישן און האָבן אַליין מיט־געמאַכט אויף זייער אייגענער הויט.

ס׳איז נישט לייכט מיט זיי צו רעדן, זעסט בפירוש, אַז גריבלענדיק אין די זכרונות פון יענע טעג, רייסן זיך ביי זיי אויף די אַלטע וווּנדן, און זיי לעבן נאָך אַ מאָל איבער דעם פּחד, דעם צער פון דעמאָלט, ווייל יעדער פון זיי האָט געזען הונדערט מאָל דעם טויט פאַר די אויגן. יעדער האָט אַליין געליטן שווערע פאַרלוסטן אין זיין משפחה און ער איז ניצול־געוואָרן נאָר על־פי נס.

אַליין אַ שווער־געטראָפענער, פאַרלוירן די גאַנצע משפחה, ביז צום לעצטן, האָב איך, נאַטירלעך, די גאַנצע צייט מיך ערנסט פאַראינטערעסירט מיט די פּרטים פון דעם גרויסן אומבאַשרייבלעכן אומגליק. פילנדיק אָבער די גרויסע אַחריות פון איבערגעבן דעם פאַרלויף פון די געשעענישן אין אונדזער ספר „יזכור״ און דאָ שטעלן אַ גרויסע מצבה אַלע אונדזערע קדושים, אונדזערע טייערע ברידער און שוועסטער, האָב איך, באַפּול־מעכטיקט דערצו דורך אונדזער קאָסעווער ועד, פאַרבעטן אַ טייל פון די ניצולי־קוסוב און אין געשפּרעכן מיט זיי געהערט נאָך אַ מאָל באַריכטן און פירושים צו דער גרויסער טראַגעדיע.

איך האָב גערעדט נאָך אַ מאָל מיט די פריינד: זלמן גלאַזבערג, פרידע גאָלדשמיד־בלאַטשטיין (בת חיים), אַהרן דיסטעלהיים־וואַכטעל, שלמה האַזעלמאַן, ברוך ענגלער, מענדל לייב פייגער און אַנדערע. נאָך אַ מאָל געלייענט די שריפטלעכע פּראָטאָקאָלן פון די פריינד: ד״ר וואָלף מאַנדל און לולא ראַנד־משולם פון זייער עדות־זאָגן אין „יד ושם״ און דעם קורצן באַריכט, „על קהילת זשאביה״ פון פריינד דוד שפּאָטהיים.

דאָס פריער געהערטע פון פיל אַנדערע און דאָס עדות זאָגן פון

די אויבנדערמאָנטע פריינד זענען אין דער פאָרעם פאַרשידן, אָבער אין אינהאַלט אין גאַנצן אידענטיש. נישטאָ קיין סתירות צווישן זיי, כאָטש די פּערזענלעכע איבערלעבענישן פון יעדן באַזונדער זענען געווען פאַרשידענע.

דעריבער גיבן מיר דאָ דאָס וואָרט דעם עדות, וואָס זיין באַריכט איז דער אויספירלעכסטער, ווייל ער אַליין איז געווען איינער פון די ווייניקע, וועלכע האָבן נישט פאַרלאָזט אויף איין טאָג קאָסעוו אין דער שרעקלעכער תקופה 1941—1942.

אָט איז זיין, ברוך ענגלערס, שריפטלעכער באַריכט, אָן ענדערונגען:

✶

ווי נאָר די לעצטע רוסן זענען אַנטלאָפן, האָבן אונדזערע אָרטיקע אוקראַינער אויפגעהויבן די קעפּ. נעכטיקע „קאָמוניסטן" האָבן איבער נאַכט באַקומען אַן אַנדערע פּעל און האָבן זיך תיכף אָרגאַניזירט און געשאַפן אַ קאָמיטעט, וועמענס איינציקע אויפגאַבע איז געווען: נעמען נקמה אין די יידן: „די יידן האָבן פריינדלעך אויפגענומען די רוסישע טרופּן, די יידישע קאָמוניסטן האָבן געהוליעט, מיר וועלן זיי באַצאָלן!".

רויבן, גזלענען, שלאָגן יידן, איז געוואָרן אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג, „אין אַ זעלבסטשטענדיקער אוקראַינע איז פאַר יידן קיין פּלאַץ נישטאָ", האָבן זיי געזאָגט. אונדזער לאַגע איז געוואָרן זייער שלעכט. קיין איינציקער אוקראַינער, פון די אַזוי־גערופענע ליבעראַלע און סאָציאַליסטן, האָבן נישט אויפגעהויבן זייער שטים קעגן די רדיפות און גזלות. די גלחים אין די קלויסטערס, מיט קליינע אויסנאַמען נאָר, האָבן געפּרעדיקט מ'זאָל די יידן אויסראָטן, און די פּויערן האָבן דאָס מקיים געווען. זיי זענען געווען די איינציקע באַלעבאַטים איבער אונדזער לעבן און פאַרמעגן. אַלע טאָג זענען געקומען נייע גזירות, קאָנטריבוציעס אין סומעס, וועלכע מיר זענען נישט אימשטאַנד געווען צונויפצוזאַמלען. אַלע יידן, פון 12 ביז 60 יאָר, האָבן יעדן טאָג געמוזט גיין צו דער אַרבעט; אַרבעט — אומפּראָדוקטיווע, נאָר אַבי צו דערגיין די יאָרן... ביי דער אַרבעט האָבן די אוקראַינישע פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן געהאַט די השגחה איבער דער אַרבעט, געשלאָגן אָן רחמנות ביז בלוט.

ס'איז אַרויס אַ גזירה, אַז מער ווי דריי יידן צוזאַמען טאָרן זיך נישט ווייזן אין גאַס, אָבער ס'איז אויך גענוג געווען מען זאָל טרעפן צוויי יידן גיין צוזאַמען, מען זאָל זיי באַלד אַריינוואַרפן אין אַ קעלער ביי דער פּאָליציי, וווּ די באַנדיטן זאָלן זיי שלאָגן מיט קאָלבעס פון געווער, אָדער מיט שטעקנס, ביז זיי הייבן אָן צו שפּייען מיט בלוט. די קולות פון די

געפייניקטע זענען געווען שרעקלעך, זיי האָבן געבעטן אַ קויל, אַבי נישט שלאָגן. טייל מאָל פלעגט געלונגען אויסצוקויפן די פאַרשפאַרטע יידן פאַר אַ גרעסערער סומע געלט.

די ברויט־קאַרטן האָט מען ביי די יידן צוגענומען, און אין זייער פיל הייזער איז טאַקע נישט געווען וואָס צו עסן. די לאַגע איז געוואָרן מיט יעדן טאָג ערגער, און ס׳איז נישט געווען מיט וועמען צו פאַרהאַנדלען, כאָטש דאָס זענען געווען די אוקראַינער, מיט וועלכע מיר פלעגן זיך פריער טרעפן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, און די באַציונגען מיט די נישט־יידן אין קאָסעוו זענען געווען תמיד גוטע, אָבער — ווען שלאָגן און רויבן יידן איז נישט קיין פאַרברעכן, דאַרף מען מקיים זיין די מצוה.

צו ערשט האָבן אונדזער געגנט באַזעצט אונגאַרישע מיליטערישע טרופן. אויך זיי האָבן גלייך אָנגעהויבן פאָדערן, מיר זאָלן זיי צושטעלן עסן פאַר דער אַרמיי. די קוואַנטומס זענען געווען אַזעלכע, אַז ס׳איז פשוט אוממעגלעך געווען צו קלערן דערפון, מיר האָבן זיי דאָך געמוזט ערשט קויפן, און ווו נעמט מען דאָס געלט דערצו? נאָך לאַנגע דינגעניש האָבן זיי עפּעס אַראָפּגעלאָזט, און די יידן האָבן געגעבן. אויסער דעם האָבן די סאָלדאַטן אַליין באַזוכט די יידישע הייזער און גענומען וואָס ס׳איז זיי נאָר אונטער די הענט געקומען. די בהמות וואָס יידן האָבן פאַרמאָגט האָבן זיי צוגענומען, די ראַדיאָס האָט מען אונטער טויט־שטראָף געמוזט אָפּליפערן. סוף יולי האָבן זיי געגעבן אַ באַפעל, אַז מענער און פרויען, און אויך קינדער פון 12 יאָר אָן, מוזן טראָגן אויף דעם אָרעם אַ געלן באַנד, וועלכער איז שפּעטער פאַרביטן געוואָרן אויף אַ ווייסן.

צו דער זעלבער צייט האָט זיך צוליב די אַלע דערמאָנטע געשעענישן אָרגאַניזירט אין שטאָט אַ יידישער הילפס־קאָמיטעט, וועלכער האָט אַרומגענומען אַלע געוועזענע עסקנים פון די פאַרטייען: ווי דעם רבינס פאַרטיי, אַלגעמיינע ציוניסטן, מזרחי, פועלי־ציון. זיין ערשטע אויפגאַבע איז געווען צו באַזאָרגן מיט עסן די אָרעמע שיכטן, וועלכע האָבן דעמאָלט געהונגערט. מ׳האָט געגרינדעט אַ קיך, וועלכע האָט זיי צוגעטיילט וואַרעם עסן. דער קאָמיטעט פלעגט יעדעס מאָל ביי די איבערפאַלן אויף יידן, אויסקויפן זיי פון די הענט פון די אוקראַינישע רוצחים און אינטערווענירן ביי די אונגאַרישע מאַכט־אָרגאַנען וועגן די רדיפות פון די אוקראַינער. קיין גרויסע טובות האָט מען פון זיי באמת נישט געהאַט, נאָר זיי, די אונגאַרן אַליין, האָבן נישט געשלאָגן און נישט געמאָרדעט.

דער קאָמיטעט האָט אויך געשאַפן פאַרשידענע אַרבעטס־פלעצער

פאַר דער יידישער באַפעלקערונג און אונטערגעקויפט די פּאָליציאַנטן, זיי זאָלן ביי דער אַרבעט נישט שלאָגן. ער האָט אויך פאַרטיילט די אַרבעט אַזוי, אַז אַלע זאָלן אַרבעטן, נישט נאָר איין טייל פון דער באַפעלקערונג. ס'האָט געטראָפן, אַז די מער פאַרמעגלעכע פלעגן באַצאָלן די אָרעמע, זיי זאָלן פאַר זיי אַרויסגיין צו דער אַרבעט.

אין אַ געוויסן טאָג האָט דער קאָמיטעט באַקומען אַ באַפעל פון ד״ר שטעפוראַקס פרוי, אַ שרעקלעכע אַנטיסעמיטקע, די אַקטיווסטע אין דעם אוקראַיִנישן קאָמיטעט און באַזונדערס אַקטיוו ביים רודפן יידן, צו רעגאָווירן און אויסמעבלירן 5 ווילֿיעס פאַר די אָנקומענדיקע דייטשע געסטאַפּאָ־אָפיצירן; צוצוגרייטן און אויסמעבלירן ווױנונגען און ביוראָען פאַר דער דייטשער פּאָליציי, קרימינאַל־פּאָליציי (וועלכע איז באַשטאַנען מייניסטנס פון פּאָליאַקן) און אויך פאַר דער אוקראַיִנישער פּאָליציי.

ס'האָבן נישט געהאָלפן קיין טענות, אַז ס'זענען נישטאָ די מיטלען דערצו. בלית־ברירה האָט מען געזאַמלט געלט און געדונגען אַרבעטער, וועלכע האָבן אַלץ צו דער באַשטימטער צייט אויסגעפּערטיקט.

אין חודש סעפּטעמבער 1941 האָבן זיך באַוויזן די ערשטע דייטשן, טייל אויף פערד און טייל אויף אויטאָס. זיי האָבן פאַרנומען די צוגעגרייטע ווױנונגען, און שוין אויפן צווייטן טאָג אָנגעהויבן כאַפּן יידן צו פוצן די פערד. אַזוי ווי די יידן האָבן נישט באַוויזן צו פוצן ווי זיי האָבן געוואָלט, האָט מען געשלאָגן. און קריגן געשלאָגן ביי דייטשן איז פיל ערגער ווי ביי די אוקראַיִנער; דאָ ליגט מען אין אַ קאַלוזשע בלוט און מען בעט נאָר אַ קויל; אָבער נישט אַזוי שנעל טוט דער דייטש די טובה.

דער פּחד איז געווען גרויס, די גאַסן זענען געוואָרן ליידיק, און נאָר ווען מען האָט דרינגנד געמוזט זיין אין גאַס, איז מען געגאַנגען. צוויי טעג שפּעטער האָבן די דייטשן געכאַפּט יידן און מיט שערן אָדער מעסערס אָנגעהויבן שניידן בערד. פאַרשטייט זיך, אַז צו דער באָרד האָט מען צוגעשניטן אַ שטיק פּנים. די ערשטע יידן מיט אַזעלכע אָפּגעשניטענע בערד זענען געווען ר׳ זרח ערליך, אַלטער לופט, משה שערף ז״ל און נאָך אַנדערע. גלייך נאָך דעם האָבן אַ סך יידן אַליין זיך אָפּגעשוירן די בערד, אַ טייל האָט זיך אַרומגעבונדן די פּנימער מיט אַ טיכל און אַ טייל האָט זיך נישט אַרויסגעוויזן אין גאַס.

אינצווישן זענען אָנגעקומען ביטערע ידיעות פון די דערפער פון קאָסעווער באַצירק. אין יאַבלאָניצאַ, הריניאַווא, ריטשקאַ־דידוטשקאָ א. אַ. האָבן די אָרטיקע פּויערים נישט געהאַט קיין צייט צו וואַרטן ביז די

דייטשן וועלן קומען, כדי זיך אָפּצורעכענען מיט די יידן, נאָר אַליין עס געטאָן: ווי ווילדע חיות האָבן זיי, די שכנים פון די יידן, צו וועלכע זיי זענען יעדן טאָג געקומען לייען געלט, מיט וועלכע זיי האָבן געהאַנדלט, דערשמעקט, אַז מען מעג יידן מאָרדן, און אין אַ שיינעם העלן טאָג צוזאַמענגעטריבן אַלע יידן מיט זייערע משפחות צום טייך (טשערעמאָש), וואָס איז פון די רעגנס געווען אויפגעשוואָלן, זיי צוזאַמענגעבונדן צו צען און צו פופצן מיט שטעכעדיקע דראָט און אַריינגעוואָרפן אין וואַסער אַריין. מער ווי הונדערט יידן זענען אויף אַזאַ שרעקלעכן אופן אומגעבראַכט געוואָרן. איין איינציקע פרוי נאָר, מיטן נאָמען גלאזבערג, איז געבליבן לעבן און זי האָט דאָס דערציילט. אַ טייל פון די קערפּערס איז אַראָפּגעשווומען ביז קיין קאָסעוו, און דאָרט האָט מען זיי מקבר געווען.

די לאַגע איז געוואָרן פון טאָג צו טאָג שווערער, אַרבעטן האָט מען געמוזט גיין, עסן איז געוואָרן קנאַפּער, מ׳האָט שוין באַשטימט שעהען, ווען יידן מעגן אַרויסגיין איינקויפן אין מאַרק, און שלאָגן איז אויף דער טאָג־אָרדענונג. נישט קיין אונטערשיד מענער, פרויען אָדער קינדער.

אַ פּאָליציאַנט אַ דייטש, מיטן נאָמען פּיאָרונאַ, איז אַ גאַנצן טאָג געלאָפן איבער די גאַסן מיט אַ לאַנגער בייטש, וואָס האָט ביים עק אַ בלייערנעם קנאָפּ, און האָט געטיילט שמיץ אויף רעכטס און לינקס. אַנדערע דייטשן האָבן געטראָגן קורצע נאַהייקעס און מיט זיי מזכה געווען די יידן. דאָס האָט זיי נישט געשטערט צו קומען אַלע מאָל צום יידישן קאָמיטעט און פאָדערן פאַרשידענע מתנות: שטאָפן, לעדער, מאַנטלען, טעפּיכער און דער עיקר משקה: וויין, שנאַפּס, קאָניאַק א. אַ. מ׳האָט געוויינט און געגעבן.

מיר זענען אָפּגעריסן פון אַנדערע שטעט: קיין ראַדיאָ־באַריכט, קיין צייטונג, און די פּויערים דערציילן אונדז נאָר שלעכטס.

ערב יום־כיפּור זענען אָנגעקומען וועגענער מיט 180 אונגאַרישע יידן, מענער פרויען און קינדער. זיי האָבן דערציילט, אַז די אונגאַרישע מאַכט־אָרגאַנען האָבן זיי אַרויסגעשיקט קיין גאַליציע, צו די דייטשן, ווייל זייערע עלטערן זענען געווען פּוילישע בירגער. זיי זענען אַלע געווען שוין געבוירענע אין אונגאַרן. מאַסן יידן, טויזנטער, האָט מען דאָרט צוזאַמענגעטריבן און איבערגעגעבן צו די מערדער. די דייטשן האָבן זיי געטריבן ביז צום דניעסטער, זיי אַריינגעיאָגט אין וואַסער און אָנגעהויבן אַ שיסעריי אויף זיי. מאַסן זענען געפאַלן טויט. דאָס וואַסער איז געוואָרן רויט פון בלוט. נאָר אַ קליינע צאָל איז געבליבן לעבן, זענען אַריבער געשווומען און זיך געראַטעוועט. איצט האָט מען זיי געשיקט אין די שטעט און

שטעטלעך. דער יידישער קאָמיטעט אין קאָסעוו האָט זיי איינגעאָרדנט אין הייזער, באַזאָרגט מיט עסן און תיכף נאָך יום־כיפּור געשאַפן פאַר זיי אין דער מזרחי־שול אַ קיך, וווּ זיי האָבן דריי מאָל אין טאָג באַקומען עסן.

סוכות. מיר באַקומען זייער טרויעריקע ידיעות פון אַלע זייטן: אין סטאַניסלאַוו האָבן די דייטשן אין איינעם אַ טאָג צוזאַמענגענומען צוועלף טויזנט יידן, אַוועקגעפירט אויפן בית הקברות און דאָרט מיט מאַשין־געווער צעשאָסן; אין קאָלאָמיי האָט די געסטאַפּאָ אַרומגערינגלט די מאָקרע גאַס מיט דעם אויסרייד, אַז דאָרט זענען באַהאַלטן קאָמוניסטן, אַרויסגענומען פינף הונדערט יידן, אַוועקגעפירט אין דאָרף שעפּאַראָוועצע און דאָרט אין וואַלד צעשאָסן. צווישן די דערשאָסענע איז אויך געווען די קאָסעווער רביצין מיט איר טאָכטער חוהלע, וועלכע האָבן געלעבט אין קאָלאָמיי דער רבי, ר׳ חיימל ז״ל, מיט זיינע פינף קינדער זענען געווען אויף אַ צווייטן פלאַץ באַהאַלטן, אין קאָלאָמיי. אַ סך פון אונדז האָבן נישט געגלייבט די ידיעות: ווי איז דאָס מעגלעך, מען נעמט הונדערטער אומשולדיקע מענטשן און מען שיסט זיי?!

חול־המועד סוכות איז פון סניאַטין געקומען אַ יידישע פרוי, פאַר־קליידעט אַלס אַ פּויערטע און איבערגעגעבן, אַז דאָרט האָט די געסטאַפּאָ צוזאַמענגענומען זיבן הונדערט יידן און זיי אַוועקגעפירט. די דייטשן האָבן געזאָגט, אַז מ׳נעמט זיי אויף אַרבעט, אָבער אַנדערע האָבן חושד געווען, אַז אויסער דער שטאָט האָט מען זיי דערשאָסן. דער קאָמיטעט האָט זיך פאַרשטענדיקט מיט דער פרוי, געגעבן איר געלט זי זאָל צופאָרן קיין סניאַ־טין און ברענגען אַ גענויע ידיעה, וואָס מיט די יידן איז געשען. אָבער מען האָט זי מער נישט געזען.

סוכות איז צו ענדע — דינסטיק איז שמחת־תורה. מיטוואָך איז יאַריד אין שטאָט, מען זעט מער דייטשן זיך אַרומדרייען, אין די גאַסן, אַ טייל מיט הינט, אָבער עס פאַלט קיינעם נישט איין, אַז עפּעס גרייט זיך. ווי תמיד, גייט מען צו דער אַרבעט. די פּויערים, וועלכע האָבן יאָ געוווּסט, אַז אויפן באַרג אויסער דער שטאָט גראָבט מען גריבער, האָבן דאָס געהאַלטן בסוד און אַפילו זייערע נאָענטע יידישע פריינד נישט דערציילט. אַ ייד, אַ געמיינדע פּאָליציי, מיטן נאָמען אַלתר בוך, וועלכער האָט אויך געגראָבן אויפן באַרג, האָבן זיי באַלד אויפן אָרט דערשאָסן. ער איז געווען דער ערשטער קרבן. דאָנערשטיק דעם 16טן אָקטאָבער 1941, זעקס אַ זייגער פרי, אַלע יידן ווערן פון די אַרבעטס־פּלעצער אַהיימגעשיקט. „היינט אַרבעט מען נישט״, זאָגט מען זיי. אַהיימגייענדיק זעט מען: עס קומען אָן

לאַסט־אויטאָס פול געפּאַקט מיט געסטאַפּאָ, די שטאָט ווערט פון אַלע זייטן אָפּגעשלאָסן, מען קאָן נישט אַריין און נישט אַרויס.

פּלוצעם באַפאַלן געסטאַפּאָ־לייט די יידישע הייזער. מיט שרעקלעכע געוואַלדן „יודען הערויס!" רייסן זיי אויף ווי ווילדע צעיושעטע חיות, די טירן און שלעפּן אַרויס יידן, איבערגעשראָקענע, בלאַסע, אַלטע און יונגע, מענער, פרויען און קינדער, מאַמעס מיט פּיצלעך אויף די הענט. אין דרויסן שטעלן זיי צוזאַמען טראַנספּאָרטן צו עטלעכע הונדערט, און עטלעכע דייטשן פירן זיי אַוועק אין שטאָטישן אַרעסט. זיי זאָגן די יידן, אַז מען נעמט זיי אויף אַרבעט.

ס'איז געווען געוואַלד אויפן בוידעם, אָדער אַראָפּגיין אין קעלער, כדי צו בלייבן אין דער היים. זיי האָבן דאָס מאָל מער נישט געזוכט. אָבער זייער אַ סך יידן זענען אַליין אַרויס אין די גאַסן און געגאַנגען אין די טראַנספּאָרטן. ביים אַרעסט זענען געשטאַנען לאַסט־אויטאָס, דאָרט האָט מען אויפגעלאָדן די מענטשן און אַוועקגעפירט אויפן „באַרג". איידער



גשר מוסקאַלובקה — ההר, עליו נרצחו ונקברו אחינו ואחיותינו.
מאָסקאַלוווקער בריק — דער באַרג, וווּ עס זענען דערמאָרדעט און באַגראָבן געוואָרן טויזנטער קאָסעווער יידן.

די אומגליקלעכע זענען צוגעקומען צום צוגעגרייטן קבר, האָט מען זיי באַפוילן זיך אויסטאָן נאַקעט און אַזוי האָט מען זיי צוגעטריבן צום קבר־גרוב און געהייסן אַריינשפּרינגען. אין אַלע פיר זייטן פון קבר איז געשטאַנען אַ דייטש, נעבן אים אַ טיש מיט פלעשער משקה, פון וועלכע ער האָט יעדעס מאָל געטרונקען. נאָך יעדן ייד האָט דער דייטש נאָכגעשיקט אַ קויל. אַ טייל איז געפאַלן טויט, אַ טייל איז געוואָרן נאָר פאַרווונדעט און אַ טייל אַפילו נישט פאַרווונדעט, נאָר לעבעדיק באַגראָבן. אונטער דער לאַסט פון די אַנדערע קערפּער, וואָס זענען אויף זיי געפאַלן.

קינדער האָט מען נישט געשאָסן: „אַ שאָד אַ קויל", האָבן זיי געזאָגט. די געשרייען פון די נישט־דערשאָסענע זענען געווען שרעקלעך: „מאַמע", „טאַטע" — הערט מען ביז אין וואַלד אויף מאָסקאַלובקע, וואָס ליגט קעגנאיבער דעם „באַרג".

דאָרט אין וואַלד ליגן מער ווי דרייסיק יידן, וואָס האָבן, גייענדיק פון דער אַרבעט, שוין נישט געקאָנט צוקומען צו זייערע דירות, ווייל ס'האָבן שוין דאָרט געאַרבעט די רוצחים. זיי זענען דעריבער אַוועק איבערן וואַסער אויף מאָסקאַלובקע און פון דאָרט אין וואַלד אַריין. צווישן די באַהאַלטענע אין וואַלד בין אויך איך געווען. מיר ליגן דאָ און ציילן די שאָסן. מיר ווייסן שוין, אַז יעדער שאָס איז אַ קאָפּ פון אַ ייד. די שיסעריי ווערט אַלץ געדיכטער און הערט נישט אויף. „מען שיסט אויס אַלע יידן אין שטאָט", — זאָגט איינער צום צווייטן, — „צו וואָס דאָ ליגן ? סיי ווי איז אַלץ פאַרלוירן". אָבער מיר האָבן נישט דעם מוט צו גיין זיך מעלדן.

אַזוי דעם גאַנצן טאָג. מיטן אָוונט האָט דאָס שיסן אויפגעהערט. אַ שרעקלעך בילן פון הינט פון אַלע זייטן און אַ פינצטערניש, חושך־מצרים. איינער דעם אַנדערן זעט נישט, און אַרויסצוגיין פון וואַלד איז אַפילו נישט צו דענקען. מיר ליגן־איבער די נאַכט אין וואַלד.

פרייטיק אין דער פרי הייבט זיך אָן די שיסעריי פון דאָס ניי. ווידער די זעלבע קולות פונעם באַרג. ווען די יידן פרעגן אין אַרעסט, וווהין מען פירט זיי ? ענטפערן די דייטשן : „איר פאָרט אויף אַרבעט. אין אָוונט קומט איר צוריק". אויף דער פראַגע וואָס איז דאָס שיסעריי ? ענטפערן זיי, אַז דאָס זענען איבונגען פון זייער מיליטער.

דעם גאַנצן פרייטיק הערט נישט אויף דאָס שיסן. אין יענעם טאָג האָבן אָרטיקע אוקראַינער און אויך פּאָליאַקן געבראַכט יידן צו דער שחיטה. די דייטשן האָבן נאָר געשאָסן. די אוקראַינישע פויערים זענען, באַוואָפנטע מיט שטעקנס און געווער, באַפאַלן די יידישע הייזער און האָבן אַרויס־

געשלעפּט די ייִדן פון די קעלערס, פון די בוידעמער און אַנדערע באַהעל־טענישן, צו ערשט זיי מערדערלעך געשלאָגן און דאַן געבראַכט צו די דייטשן. זיי האָבן באַקומען פון די דייטשן געווער און געהאָלפן זיי שיסן. הונדערטער און טויזנטער פּויערים זענען געגאַנגען אויפן באַרג זען ווי מען שיסט די ייִדן. די שול־קינדער זענען די טעג געוואָרן באַפרייט פונעם לערנען און געשיקט זעען דעם ספּעקטאַקל.

מ'האָט שפּעטער דערציילט, אַז די דייטשן האָבן געהאַט אַ באַפעל צו פאַרניכטן דאָס מאָל זיבן הונדערט ייִדן, אָבער אַזוי ווי די פּויערים האָבן נישט אויפגעהערט צו ברענגען אַלץ נייע קרבנות, האָבן זיי ווייטער געשאָסן. עס האָט אַפילו נישט געהאָלפן דער באַפעל פון די דייטשן, מער נישט צו ברענגען, ווייל זיי האָבן שוין גענוג. אַזוי אַרום איז אין די צוויי טעג צעשאָסן געוואָרן מער ווי צוויי טויזנט ייִדן, כמעט די העלפט פון דער ייִדישער באַפעלקערונג פון קאָסעוו.

ווען עס איז פינצטער געוואָרן, האָט די שיסעריי אויפגעהערט. און פּלוצעם דערזעען מיר אַ פייער אין שטאָט. דאָס האָט מען אונטערגעצונדן די „גרויסע שול", געכאַפּט צען ייִדן און זיי לעבעדיקערהייט אַריינגעוואָרפן אין פייער. די פאַרברענטע ייִדן, וועמענס ביינער מיר האָבן שפּעטער פון דאָרטן אַרויסגענומען און באַהאַלטן אויפן בית־הקברות, זענען געווען: יוסף האַזנפּראַץ, זיין שוואָגער בערל ערנסט מיט זיין פרוי און צוויי קינדער, זלמן שמערץ מיט זיין פרוי, רייזל קעס און מרדכי אבציס מיט זיין פרוי און קינד, הי"ד.

במשך דער גאַנצער צייט פון דער שחיטה האָט דער ייִדישער קאָמיטעט פאַרהאַנדלט מיט די געסטאַפּאָ־אָפיצירן און געפּרוּווט העלפן און פאַרקלענערן דאָס אומגליק. די קאָמיטעט־לייט האָבן קודם אויך נישט געוווּסט אַז דאָס שיסעריי אויפן באַרג איז אויף ייִדן, אויך זיי האָט מען דערציילט, אַז מען נעמט די ייִדן אויף אַרבעט, און דאָס שיסעריי זענען איבונגען פון מיליטער. אָבער פּויערים זענען געקומען פון באַרג און האָבן דערציילט, וואָס דאָרט גייט פאָר. דער קאָמיטעט האָט געגעבן געלט, גאָלד, טעפּיכער, פּעלצן, און די מערדער האָבן אַלץ צוגעזאָגט די ייִדן צו באַפרייען.

מיטגלידער פון קאָמיטעט האָבן מיט מסירת־נפש געאַרבעט, זענען געלאָפן אין די גרעסטע געפאַרן און געבראַכט צו דער געסטאַפּאָ אַלע גע־פאָדערטע זאַכן. זענען אָבער באַלד דאָרט געוואָרן פאַרהאַלטן און צוגלייך מיט אַלע ייִדן אומגעבראַכט דעם זעלבן טאָג. צווישן זיי זענען געווען: מאיר קרעסל, זיסיע שלאָסבערג, ד"ר הירש, שוואַגער א. אַ., הי"ד.

די דייטשן האָבן ווייטער פאַרזיכערט, אַז אַלע יידן לעבן און ה׳עלן קומען צוריק פון דער אַרבעט. דאָנערשטיק אין אָוונט, נאָך דעם ערשטן טאָג מאָרדן, האָט די פרוי פון ד״ר שטעפוראַק, די דערמאָנטע ווינער שונאת־ישראל, געמאַכט אַ באַל פאַר די רוצחים. זיי האָבן אַ גאַנצע נאַכט גע־טרונקען און געהוליעט, ביז זיי זענען פרייטיק אין דער פרי צוריקגעגאַנגען צו זייער „אַרבעט״. פרייטיק אין אָוונט האָט מען פאַרגעזעצט דאָס הוליען.

דאָנערשטיק אין אָוונט האָט מען די טויטע יידן צוגעדעקט מיט אַ ביסל ערד. אין דער זעלבער נאַכט זענען פון קבר פון צווישן די טויטע אַרויסגעקראָכן פיר לעבן־געבליבענע יידן. איינער פון זיי, אַ יונגערמאַן, דוד פויקער, איז אַרויס פונעם קבר אַ גאַנצער, אַפילו נישט פאַרוווּנדעט. ער האָט אַ סך טויטע קערפּער פון זיך אַראָפּגעוואָרפן און איז אַרויס אין גאַנצן איינגעטונקען אין בלוט. מורא געהאַט זיך צו ווייזן אין אַזאַ צושטאַנד, איז ער אַוועק אויפן נאָענטן בית־הקברות און דאָרט געלעגן צוויי טעג, דערנאָך צוריקגעגאַנגען צו זיין משפחה, וועלכע האָט נאָך געלעבט.

ווייטער זענען אַרויס פונעם קבר: צפורה שטיינער, די שוחטקע, מיט אַ ווונד אין דער לינקער האַנט; מרים בירנבוים, די טאָכטער פון מענדל האַק, מיט אַ שטרייפשאָס אין שטערן; און נאָך אַ מיידל, וועלכע די פויערים האָבן געכאַפּט און דערמאָרדעט תיכף ביים קבר. זיי אַלע האָבן באַקומען הילף פון דאָקטוירים און נאָך געלעבט צען חדשים, ביז דער צווייטער אַקציע. די דייטשן האָבן זיך דערוווּסט אַז עטלעכע יידן זענען אַרויס פון קבר, און געפאָדערט פון קאָמיטעט, מען זאָל זיי אויסליפערן, אָבער דאָס איז נאַטירלעך נישט געשען.

ווי מ׳האָט אונדז איבערגעגעבן, זענען ביים קבר פאָרגעקומען פאָל־גנדע פאַלן:

זיידע פריילעך האָט בשום אופן נישט געוואָלט זיך אויסטאָן נאַקעט. ווען אַ דייטש איז צו אים צוגעקומען נענטער, אים צו צווינגען, האָט ער זיך געוואָרפן אויף אים, אויסגעריסן ביי אים דאָס געווער און אויפגעהויבן עס אים דערמיט צו דערלאַנגען. זענען צוגעלאָפן אַנדערע דייטשן צו הילף און האָבן פריילעכן ממש צעהאַקט אויף שטיקער און אַריינגעוואָרפן אין קבר.

אַנטשל טאַו, אַ קצב, דער זון פון לייב טאַו, איז אַנטלאָפן פון קבר, און ווייט פון דאָרט האָבן אים פויערים געכאַפּט און צוריקגעבראַכט. האָט אַ דייטש אים אויסגעשטאָכן די אויגן און נאָכהער דערשאָסן.

שמחה שניידער, אַ זון פון אליהו שניידער, צוואַנציק יאָר אַלט, איז אַראָפּגעשפרונגען פון באַרג, אפשר צוואַנציק מעטער הויך. אונטן איז ווי

פון דער ערד אויסגעוואַקסן אַן אוקראַיִנישער פּאָליציאַנט, האָט געכאַפּט דאָס געווער און אים געוואָלט דערשיסן, אָבער דאָס געווער האָט פאַרזאָגט. האָט ער אים אָפּגעפירט צוריק אין אַרעסט. דאָרט האָט טאו דערציילט די יידן, אַז אויפן באַרג דערשיסט מען, זענען אַ סך אויף אים געוואָרן אין כעס, פאַר וואָס ער מאַכט אַ פּאַניק און דערציילט אַזעלכע נאַרישקייטן, אַז מען שיסט אומשולדיקע מענטשן. ער האָט אָנגעהויבן זוכן פאַר זיך אַ פאַר־שטעק און, געפונען אין אַ קעלער פּאַפּירן האָט ער זיך מיט זיי צוגעדעקט, איז געלעגן צוויי טעג און שפּעטער, ווען אַלע יידן זענען שוין געווען טויט, אַרויס פון דאָרטן און האָט געלעבט צען חדשים ביז דער צווייטער אַקציע. הי״ד.

און נאָך צו פאַרצייכענען:

ביים קבר איז געשטאַנען ד״ר גאָלדשטיין. די דייטשן האָבן אים, ווי אַ ספּעציאַליסט, געוואָלט באַפרייען. האָט ער פאַרלאַנגט, זיי זאָלן באַפרייען אויך זיין כלה, חיהלע דרוקער. ווען זיי האָבן דערצו נישט מסכים געווען, האָט ער גענומען זיין כלה אונטערן אָרעם און אויסגעשריגן: „דאָס איז דייטשע קולטור? שיסט!" און זיי זענען צוזאַמען געפאַלן פון די קוילן. הי״ד.

ר׳ שמשון געלער, דער שוחט, האָט שטייענדיק ביים קבר, אויס־געשריגן: „רבונו של עולם, אויב דיר איז רעכט, איז מיר אויך רעכט. שמע ישראל ד׳ אלוהינו ד׳ אחד!". הי״ד.

ר׳ הערשעלע פייער, אַ רב, אַ צדיק גדול, וואָס איז אין גאַנצן געווען פאַרטאָן אין עולם־הבא, איז דעם טאָג, ווי יעדן טאָג, געווען אין בית־המדרש אויפן מאַנאַסטיר און געשטאַנען אין טלית־און־תפילין, אויסגעדרייט צו דער וואַנט און האָט געדאַוונט. איז אַריין אַהין אַ דייטש האָט אים מיט דער קאָלבע פון געווער געמאַכט אַ לאָך אין קאָפּ און אַ פאַרבלוטיקטן געטריבן אין טלית און תפילין דורך דער שטאָט. ביים קבר האָט ער אויס־געהויכט זיין כשרע נשמה, נאָך פאַרן שיסן. הי״ד.

עס זענען געווען פאַלן אַז יידן האָבן זיך פרייוויליק געמאָלדן צום טראַנספּאָרט, זעענדיק אַז מען פירט אַוועק זייערע משפּחות, ווי: יוסף דרעזנער דער קצב, הערש שניצלער, וואָלף שירן א. אַ.

די אַלע פּרטים האָבן איבערגעגעבן די אָפּגעראַטעוועטע יידן און אויך פּויערים.

*

שבת, זייגער 11 בערך, האָבן די שטאָטישע פּאָליציאַנטן צו וויסן געטאָן דורך פּויקן אין די גאַסן, אַז אַלע לעבן־געבליבענע יידן, קאָנען אַרויס פון זייערע באַהעלטענישן און זיך פריי באַוועגן אין די גאַסן, קיינעם וועט מער קיין שלעכטס נישט געשען. האָבן זיך תיכף אָנגעהויבן באַווייזן איינצלנע יידן אין גאַס. זיי זענען אַרויס פון די קעלערס, פון די ביידעמער, פון די וועלדער און פעלדער, מענער, פרויען און קינדער. יעדער זוכט זיין משפּחה, אָבער געפינט זי נישט. מענער אַליין, פרויען אַליין, קינדער אָן עלטערן, עלטערן אָן קינדער, מיט פאַרבונדענע קעפּ, הענט.

אויך מיר האָבן אָנגעהויבן אַרויסצוקריכן פון וואַלד. יעדער זוכט זיין משפּחה, אָבער אומזיסט. איך האָב מיין משפּחה יאָ געטראָפן. מיין פרוי דערציילט מיר, אַז באַלד ווי די דייטשן האָבן געשריגן מיט ווילדע קולות „יידן הערויס !”, און איך בין נישט געווען, האָט זי גענומען די צוויי קינדער, אָנגעטאָן זיי די בעסטע קליידער און פאַר מיר מיטגענומען אַ מאַנטל, ראַזירצייג, עפּעס עסן, געלט, ווייל — מיר וועלן זיך דאָך טרעפן אין אַרבעטס־לאַגער. פּלוצעם קומט אַריין אַ געסטאַפּאָ־מאַן, און הייסט זיי גיין, זי גייט מיט די קינדער, און ער נאָך זיי. ווען זיי זענען שוין אַוועק אַ שטיק וועג פון דער שטוב, בלייבט ער פּלוצעם שטיין און זאָגט צו איר: „דער טראַנספּאָרט איז וועג, גייט נאָך האַוזע”. האָט זי זיך אומגעקערט מיט די קינדער אַהיים, און דער רוצח איז אַוועק. אין שטוב האָט זי נישט פאַרשלאָסן די טיר, ווייל באַלד וועט דאָך קומען אַ צווייטער זיי נעמען. אַזוי איז זי געזעסן דאָנערשטיק און פרייטיק אָנגעטאָן און געוואַרט. אָבער מער האָט קיינער די טיר נישט געעפנט, ביז איך בין שבת געקומען פון וואַלד.

ווען עס זענען זיך צוזאַמענגעקומען אַ ביסל יידן, זענען מיר אַריינגעגאַנגען אין הויז פון משה יוסף פוקס — פון דאָרט האָט מען דעם טאָג דערמאָרדעט אַכצן מענטשן — און האָבן גענומען זאָגן קדיש. אַלע האָבן געזאָגט — מענער, פרויען און אויך קינדער. דאָס איז נישט געווען קיין קדיש, נאָר אַ ווילד געשריי פון נישט דערקוילעטע, עס איז געווען אַ ביטערער פּראָטעסט קעגן רבונו של עולם: פאַר וואָס? פאַר וואָס קומט אונדז אַזאַ ביטערע שטראָף? — פּיצעלעך עופהלעך, אומשולדיקע, לעבעדיק באַגראָבן, פאַר וואָס? צדיקים, תלמידי־חכמים, רבנים, שוחטים, דיינים, וועלכע האָבן אָפּגעהיט אַלע מצוות פון דער תורה, אַלע מיטן שמע־ישראל אויף די ליפּן — דערשאָסן, פאַר וואָס? איבער צוויי טויזנט יידן אומשולדיקע — כמעט לעבעדיק באַגראָבן אין צוויי קברים, פאַר וואָס? דער קדיש האָט זיך געצויגן שעהען לאַנג, אָן אַ סוף, אַלע האָבן געוויינט און געיאָמערט.

יעדעס וואָרט פון דעם קדיש איז געווען מיט בלוטיקע טרערן פאַרגאָסן. אָבער דער הימל האָט זיך נישט געשפּאָלטן, און קיינער פון די רוצחים איז נישט געטראָפן געוואָרן פון קיין בליץ. אַזעלכע קדישים זענען געזאָגט געוואָרן אויך אויף אַנדערע פּלעצער.

דעם זעלבן טאָג נאָך האָבן די אוקראַינער אַרויסגעשיקט וועגענער מיט זייערע מענטשן אַרויסצונעמען די זאַכן פון די יידיקע הייזער, דע־מאָלט האָבן די לעבנגעבליבענע, די איינצלנע פון גאַנצע משפּחות, געמוזט זיך אומקערן אין זייערע היימען, אָפּצוראַטעווען דאָס נאָך פאַרבליבענע ביסל זאַכן און האָבן וואָס צו פאַרקויפן, כדי ווייטער ממשיך זיין דאָס עלנדע לעבן.

אַ טייל מענטשן זענען אַריבער צו קרובים, שכנים, באַקאַנטע, נישט צו זיין אַליין, ווייל אַ גרויסער פּחד איז אָנגעפאַלן אויף די מענטשן: וואָס וועט זיין ווייטער? דאָס איז געווען די איינציקע פראַגע, וואָס האָט גע־בויערט אין קאָפּ פון יעדן פון אונדז.

די אוקראַינער האָבן אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן קלאַנגען, אַז דער טייל לעבן־געבליבענע יידן וועט די טעג איינגעשפּאַרט ווערן אין אַ געטאָ, אַרומגערינגלט מיט דראָט, פון וואַנען מען וועט נישט קאָנען אַרויסגיין. דער געטאָ וועט זיין אין די הייזער אָנגעהויבן פון אַלטער וואַגנבערג ביז זינדל פּיבער, נאָר די זייט ביים וואַסער. לויט דעם שטח און דער צאָל הייזער וועט אויסקומען אַריינצוזעצן צו צען־פופצן מענטשן אין איין צימער און אפשר נאָך מער, ווייל די צאָל לעבנגעבליבענע יידן איז בערך איבער צוויי טויזנט. הייסט עס אַז אונדזער גורל איז פיל גרויזאַמער ווי דער גורל פון די שוין־אומגעקומענע, ווייל הונגער, קעלט, מגיפות — דאָס דער־וואַרט אונדז.

אַזוי ווי מער ווי אַ העלפט פון ידישן קאָמיטעט איז אומגעקומען אין דער אַקציע פון יענער וואָך, האָבן די יידן זיך פאַרזאַמלט ביים רבין אין הויז און אויך פאַרבעטן אַנדערע מענטשן צו פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון די קדושים.

דער נייער יידישער קאָמיטעט האָט באַשלאָסן אָנצווועגדן אַלע מיט־לען אויף אָפּצושרייען די נייע גזירה פון גיין אין געטאָ, ווייל אַזוי לאַנג זוי יעדער איז ביי זיך אין שטוב, קאָן ער זיך באַזאָרגן עפּעס עסן, קאָן אַנט־לויפן איבער דער גרענעץ, אָדער צו אַ באַקאַנטן פּויער. אַ סך יוידער האָבן געהאָפט אַזוי ווי עס גייט צו ווינטער, וועלן די רוסן אָנהייבן אַן אָפנסיווע און די דייטשן אַרויסיאָגן.

דער קאָמיטעט האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט. די צוויי וויכ־טיקסטע לייט, צו וועלכע מען האָט געדאַרפט צוטרעטן, זענען געווען: דער באַצירקהויפּטמאַן פּאָלקמאַן, וועלכער האָט געוווינט אין קאָלאָמיי און איז נאָר יעדן שבת געקומען אין זיין ווילע אין קאָסעוו צו פאַרברענגען דעם זונטיק, און דער צווייטער, דער אַרבעטס־־לייטער רעבקאָוו, אַ באַוווּסטער רוצח, וועלכער פלעגט זיך מעלדן פרייוויליק צו אַלע אַקציעס אין די אַרומיקע שטעט צו שיסן יידן.

אַחוץ זיי איז געווען נאָך אַ גאַנצע ריי קליינע באַנדיטן, וואָס אַלע האָט מען געמוזט אונטערקויפן, און מען האָט אויך אונטערגעקויפט, אַפילו דעם רוצח רעבקאָוו. אָבער דעם הויפּטמאַן איז נישט לייכט געווען איינצו־בייסן; אַפילו דאָס צוקומען צו אים איז געווען שווער. נאָר אין אַ געוויסער צייט אַרום און ביי דער מיטהילף פון זיין פרוי, וועלכער עס האָבן געלאָקט די טייערע מתנות, האָט מען אויך אים איינגעביסן.

טעפּיכער, געלט, פעלצן, שטאָפן, לעדער, געטראַנקען, האָט מען געטיילט אויף רעכטס און לינקס און פּאָלקמאַן האָט דערליידיקט, אַז די יידן בלייבן נאָך ביזן ערשטן מאַי 1942 וווינען יעדער אין זיין הויז. האָפט מען: אפשר וועט דערווייל געשען אַ נס.

דערווייל האָט דער קאָמיטעט ווידער אויפגעמאַכט די קיך און אָנגע־הויבן אַרויסגעבן אַ ביסל זופּ מיט אַ שטיקל ברויט די הונגעריקע. די יידן זענען ווייטער געגאַנגען צו דער אַרבעט, יעדן טאָג אַנדערע, לויט אַ סדר.

עס האָבן אויך במשך פון אָט דער צייט נישט געפעלט קיין צרות. די דייטשן האָבן יעדן טאָג באַזוכט יידישע הייזער און געראַבעוועט, געשלאָגן מיט נאַהייקעס, און מיר האָבן געלעבט אונטער שטענדיקן פחד: וואָס וועט ברענגען דער מאָרגן. ביי נאַכט זענען אַ סך געשלאָפן אין די בגדים, אַנדערע ווידער האָבן אָנגעהויבן מאַכן פאַרמאַסקירטע בונקערס אין די קעלערס, צו קאָנען אין אַ נויט־פאַל זיך דאָרט באַהאַלטן.

אין קאָסעוו זענען געווען סטאַציאָנירט דייטשע פּאָליציי — 15 ביז 20 מאַן, קרימינאַל־פּאָליציי (מיינסטנס פּאָליאַקן) — 5 מאַן, אוקראַאינישע פּאָליציי — 10 ביז 15 מאַן, אַחוץ דעם זענען צוויי־דריי מאָל אין וואָך אַריינגעקומען געסטאַפּאָ פון קאָלאָמיי. זיי פלעגן צופאָרן מיט אַ שוואַרצן אויטאָ, וואָס דאָס אַליין איז געווען גענוג אָנצוּוואַרפן אַ פחד, אַריין אין קאָמיטעט, נישט באַגריסנדיק זיך און אַפילו נישט באַוויליקן צו ענטפערן אויפן גרוס פון די יידן, וועלכע האָבן געמוזט זיך שטעלן אין אַ מיליטערישער

פאַזע, און האָבן געמאַכט באַשטעלונגען, ווי למשל: „זעץ דיך און שרייב: 5 שטאָפן, 6 פּאָר שטיוול־לעדער, 10 טעפּיכער, 3 דאַמענפּעלצן 2 הערן־פּעלצן און געטרענק".

געווען איז דאָס אין דער פרי.

„אום 5 נאָכמיטאָג קאָמען וויר דאָס האָלען, מערקט אייך, פּינף אור! וועהע אייך, ווען וויר דאַס ניכט באַקומען פּינקטליך! דאַן ווייסט איר וואָס אייך ערוואַרטעט, דאַן גיבט עס היר טאָטע".

ווען זיי זענען זייגער פינף געקומען, איז אַלץ געווען צוגעגרייט. אַזוי יעדעס מאָל. עס פלעגן אויך קומען איינצלנע מערדער מיט דעם „טויטנקאָפּ" אויפן היטל, ווילדע מערדערישע פּנימער, מיטן קאַנטשיק אין דער האַנט און פאָדערן און — באַקומען. מען פלעגט אַזאַ באַנדיט אָנטאָן אַ פוקסנפּיטער, און ער פלעגט אַוועק. צו די רויבערייען האָט קיין סוף נישט געגומען, אָבער מ'האָט דאָס אָנגענומען פאַר ליב, אַבי בלייבן לעבן.

אין דעצעמבער 1941 איז געקומען דער סוף צו דער יידישער קהילה אין זשאַביע, ווו עס האָבן געלעבט אַן אַכט הונדערט יידן. זיי זענען געווען מענטשן גוטע, אַרבעטסזאַמע און טרייע נאַציאָנאַל־איבערגעגעבענע יידן. געווען צווישן זיי ערנסטע עסקנים, ווי: אליעזר גערטנער, לוי דיכטער, חיים פייגער, יצחק שיזל, הירש שפיגל, וועלוול רייך א. אַ.

די דייטשע מערדער האָבן פּלוצעם, לויט זייערע מעטאָדן, קאָנצענ־טרירט אַ 600 זשאַביער יידן, זיי אַריינגעפּרעסט אין אַזאַ ענגן לאָקאַל, אַז די מערהייט איז דערשטיקט געוואָרן, און די איבערגעבליבענע האָט מען מיט דער הילף פון די אָרטיקע הוצולן, דערשאָסן, אָדער מיט העק דערשלאָגן.

דער ווינטער איז געווען אַ שווערער, אָבער די האָפענונג אויף דער נאָענטער באַפרייונג איז געווען גרויס: די רוסן האָבן אָנגעהויבן אַן אָנ־גריף און — ווי מיר האָבן זיך דערוווּסט דורך די אוקראַיִנער, וועלכע האָבן אַלע געהאָט די יידישע ראַדיאָס, אַז דער דייטשער פראָנט איז דורכ־געבראָכן, און די דייטשן טרעטן אָפּ. דער הונגער האָט נאָך נישט אַזוי שטאַרק געפּלאָגט; מ'האָט פאַרקויפט זאַכן, געביטן ביי די פויערים פאַר עסן, און געהאָט דערוויל אַ שטיקל ברויט. פאַרשטייט זיך, אַז אין פיל הייזער איז געווען אַ מאַנגל, אָבער מ'האָט פאַר די דאָזיקע לויט מעגלעכקייט געזאָרגט.

אַזוי האָט זיך עס געשלעפּט אַ חודש נאָך אַ חודש, און מיר האַלטן שוין פאַר פּסח. טייל יידן האָבן אין די שטובן געבאַקן מצות בגנבה.

האָט פּאַסירט איין מאָל: צוויי דייטשן זענען אַריין אין הויז פון זיידע יעגערמאַן און האָבן דאָרט געטראָפן אַ גרעסערע גרופּע יידן ביים

באַקן מצות. פאַרשטייט זיך, אַז קודם האָט מען גענומען שלאָגן אָן רחמנות און דערנאָך — שיסן, קיין שום בעטן העלפט נישט! איין פרוי איז גע־לונגען זיך אַרויסצובאַקומען און איז אַריין אין קאָמיטעט: „ראַטעווועט, שרייט זי, מ׳וועט אַלע דערשיסן!“. צוויי מיטגלידער זענען אַהין אַוועק און נאָך לאַנגע פאַרהאַנדלונגען האָט מען די דייטשן אונטערגעקויפט און די יידן באַפרייט.

ווידער באַקומען מיר ביטערע ידיעות פון קאָלאָמיי און אַנדערע שטעט וועגן גרויסע שחיטות אויף יידן. חול־המועד פסח באַקומט מען אַ ידיעה, אַז אין קאָסעוו גרייט זיך עפּעס. די גאַנצע פּאָליציי איז שוין אויף די פיס, און עס קומען אָן מאַסן דייטשע פּאָליציאַנטן און אוקראַיִנער פון אַנדערע געגנטן. אַלע יידן דערוויסן זיך גלייך, אַז עס גרייט זיך עפּעס און מען דאַרף זיך פאַרשטעקן. האָבן זיך אַלע באַהאַלטן, ווער אין די בונקערס, ווער אין די וועלדער, ווער ביי באַקאַנטע פּויערים. אויף דעם צווייטן טאָג האָט מען שוין קיין לעבעדיקן נפש נישט געזען אין שטאָט. חוץ פיר מיטגלידער פון קאָמיטעט, וועלכע האָבן באַשלאָסן זיך נישט צו פאַרשטעקן, האַלטנדיק, אַז ווען די באַנדיטן וועלן קומען, דאַרף זיין עמעצער, וואָס זאָל מיט זיי פאַרהאַנדלען, אפשר וועט מען קאָנען עפּעס ראַטעווען? אויב קיינער וועט נישט זיין, וועלן זיי אונטערצינדן די שטאָט און די מענטשן וועלן פאַרברענט ווערן. די פיר האָבן זיך אָפּגעזעגנט מיט זייערע משפּחות און, טראַכטנדיק, אַז די ערשטע קרבנות וועלן זיי זיין, אַוועקגעזעצט זיך אין קאָמיטעט וואַרטן.

עס קלינגט דער טעלעפאָן. דער פּאָליאַק זבאָראָווסקי, וועלכער אַרבעט אין אַרבעטסאַמט, מעלדעט, אַז די „געסט“ זענען אָנגעקומען. דאָס מיינט די געסטאַפּאָ. איינער פון די פיר איז שטאַרק בלאַס געוואָרן. האָבן די אַנדערע דריי דעריבער אים געהייסן ער זאָל גיין זיך באַהאַלטן, ווייל ער איז צו שוואַך. ער איז אַוועק, און נאָר די דריי זענען געבליבן, צע־קושט זיך, — יעדער פון זיי ווייסט, וואָס אים דערוואַרט. אָבער אין אַ האַלבער שעה בערך, קלינגט ווידער דער טעלעפאָן, און דער זעלבער פּאָליאַק מעלדעט, אַז די „געסט“ זענען — אַוועקגעפאָרן מיט דער קיטעווער בריק.

מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז געקומען די ריי אויף קיטעוו, וועלכע איז ביז דעמאָלט נאָך אין גאַנצן פאַרשוינט געבליבן.

עס דויערט נישט לאַנג, דער טעלעפאָן קלינגט ווידער. עס רעדט דוצי שטענגעל פון קיטעוו. ער זאָגט די פאָלגנדע ווערטער: „די מחותנים זענען אָנגעקומען, די חתונה האָט זיך אָנגעהויבן, זייט געזונט!“.

אַ פינצטערע ביטערע „חתונה" פאַר די טייערע קיטעווער יידן. דאָרט האָבן די יידן געלעבט אין אַ געטאָ און, וויסנדיק וואָס זיי דערוואַרט, לויט ידיעות פון אַנדערע שטעט, האָבן זיי אויסגעבויט גוטע בונקערס און זיך פאַרשטעקט. ווען די דייטשן זענען אָנגעקומען און נישט געפונען קיין יידן, האָבן זיי אונטערגעצונדן דעם געטאָ, און דער רוב יידן זענען פאַרברענט, אָדער דערשטיקט געוואָרן. די וואָס זענען אַרויס פון די ברענענדיקע הייזער, זענען אין די גאַסן צעשאָסן געוואָרן. ווי ווילדע חיות זענען אַרומגעלאָפן די דייטשע און אוקראַיִנישע רוצחים, טייל מיט קצבישע העק און געהאַקט קעפּ פון אומשולדיקע קרבנות.

אַזוי האָט זיך געענדיקט, כמעט פולשטענדיק, דאָס לעבן פון דעם טייערן יידישן שטעטעלע קיטעוו. זייער ווייניק האָבן זיך געראַטעוועט.

דעם זעלבן טאָג זענען די באַנדיטן, פאָרנדיק קיין קיטעוו, אָפּגעטרעטן אין יאַבלאָנאָוו און פיסטין און דאָרט געמאַכט שרעקלעכע שחיטות.

קאָסעוו איז דאָס מאָל אָפּגעקומען מיט שרעק. ווען די בלוטיקע הינט זענען אויף דער רייזע צוריק פון זייער בלוטיקער אַרבעט דורכגעפאָרן קאָסעוו, האָבן זיי געמאַכט ביים קאָמיטעט אַ גרעסערע באַשטעלונג, וועלכע זיי האָבן נאַטירלעך תיכף באַקומען. ווען זיי זענען ענדלעך אַוועק, האָט מען תיכף צו וויסן געגעבן די יידן, אַז זיי קאָנען אַרויס פון די באַהעלטענישן, און אַלע האָבן אָפּגעאָטעמט.

אָבער מען איז נישט רויִק. עס דריקט עפּעס אַ שווערע לאַסט אויפן געמיט. תיכף נאָך פסח קומט אַ באַפעל, אַז אַלע יידן דאַרפן קומען אין אַרבעטסאַמט (אין הויז פון זינדל פיבער). דאָרט וועט מען באַקומען אַרבעט־קאַרטן מיט אַ קאַטעגאָריע, א., ב., צ. קיינער ווייסט נישט וועלכער צייכן איז גוט. צי זאָל מען בעטן אויף א. אָדער ב., מען ווייסט נישט וועלכער בוכשטאַב הייסט לעבן און וועלכער, חס־וחלילה, — פאַרקערט. אַלע באַקומען קאַרטן און גייען אַהיים מיט אַ שווער געמיט.

דערווייל דערנענטערט זיך דער טערמין פון שאַפן דעם געטאָ. דער קאָמיטעט פאַרהאַנדלט די גאַנצע צייט מיט דעם באַנדיט פאָלקמאַן, און עס געלונגט צו פאַרגרעסערן דעם שטח פון באַשטימטן געטאָ: אָנשטאָט פון אַלטער וואַגנבערגס הויז ביז זינדל פיבערס, וועט זיך דער געטאָ אָנהייבן פון מענדל שטומערס הויז ביז זינדל פיבערס, דאָס זענען נאָך עטלעכע הונדערט הייזער, און מען וועט נישט דאַרפן וווינען אַזוי שרעקלעך ענג.

אָבער איין גזירה יאָגט די צווייטע. עס קומט אָן אַ טרויעריקע מעל־

דונג, אַז אין קאָסעוו וועלן בלייבן נאָר הונדערט יידן, באַלמעלאָכעס, אַלע אַנדערע וועלן גיין אין געטאָ־קאָלאָמיי.

וואָס טוט מען? נאָך אַ לענגערער באַראַטונג האָט דער קאָמיטעט באַשלאָסן מען זאָל תיכף צוטרעטן דורכפירן פיקטיווע חתונות, יעדן באַלמעלאָכע אָן פאַמיליע צושרייבן אַ פרוי מיט קינדער, כדי וואָס גרעסערע משפחות צו שאַפן. דער זון פון וואָלף קרומהאָלץ, וועלכער האָט געהאַט אַלע מאַטריקל־ביכער פון זיין פאָטער, האָט דאָס אָפיציעל דורכגעפירט. אַזוי זענען אַנטשטאַנען משפחות פון פינף—זעקס מענטשן. איצט האָט מען גענומען פאַרהאַנדלען מיט די רוצחים, אַז נישט „מענטשן" (יחידים) זאָלן בלייבן, נאָר „משפחות" און נישט הונדערט נאָר צוויי הונדערט, וויל אַזויפיל פאַכלייט האָבן מיר. מיט אַ סך געלט און ווערטזאַכן האָט מען דאָס דורכגעפירט.

איצט איז מען צוגעטרעטן איינצואָרדענען וואַרשטאַטן, ווו ס'זאָלן אַרבעטן שניידער, שוסטער, סטאָלערעס, שלאָסער, ווייסעוועש־נייער, בלעכער, אינסטאַלאַטאָרן. אַלע האָבן באַקומען אַרבעטס־קאַרטן און געאַרבעט פאַר די דייטשן, אויך פריוואַטע אַרבעט האָבן זיי געמאַכט און באַקומען באַצאָלט.

עס איז אויך געווען אַ גרעסערע גרופּע יידן, וואָס האָט געזאַמלט קראָפּיווע, אַן אַנדערע גרופּע האָט געזאַמלט שמאַטעס, אַלט אייזן. אויך האָט דער קאָמיטעט געזאָרגט דערפאַר, אַז פון פאַרשידענע פלעצער זאָל מען פאָדערן אַרבעטער, צו פאַרריכטן די שטראָזן, צו רעגולירן די וואַסערן, פאַר דער ציגעלניע, פאַר די סעדער פון ד"ר טאַרנאָווסקי, פאַר דעם גמיזע־גאָרטן פון אָגראָדניק אָלשעווסקי, פאַרן פּאָסט־אַמט, דייטשע פּאָליציי, אוקראַיִנישע פּאָליציי, א. אַ. אויף טייל פלעצער פלעגן די אַרבעטער באַקומען אַ ביסל עסן. צו דער אַרבעט איז יעדע גרופּע געגאַנגען אַליין אָן אַן עסקאָרטע, נאָר איינער פון דער גרופּע האָט אויפגעפּאַסט, אַז מען זאָל גיין אין רייען פּאָרוייז און צוריקקומען. ביי דער אַרבעט פלעגן די מענטשן אויסבייטן פאַרשידענע זאַכן, אָדער זיי פאַרקויפן פאַר געלט צו די פּויערים.

די אַלע, וואָס האָבן קיין אַרבעטס־קאַרטן נישט באַקומען, זענען נישט געווען קיין פאַכלייט און אַ. וו. האָבן געהאַט אַ באַפעל דעם 24טן אַפּריל 1942 זיך צוצושטעלן אין געטאָ־קאָלאָמיי. האָבן אַ סך זיך באַלד אויסגעבויט גוטע, פאַרמאַסקירטע בונקערס און זענען אַהין אַריין מיט די משפחות, אַ טייל איז אַוועק קיין רומעניע אָדער צו באַקאַנטע פּויערים. דעם 24טן אַפּריל האָבן זעקס הונדערט ביז זיבן הונדערט מענטשן פאַר־

לאָזט קאָסעוו און זענען אַוועק, די מייניסטע צו פוס אין געטאָ־קאָלאָמיי. יעדער פון זיי האָט באַקומען פון קאָמיטעט אַ געוויסן סכום געלט און ברויט אויפן וועג; עלטערע מענטשן און קינדער האָט מען באַזאָרגט מיט פורן.

באַלד נאָך זייער אַוועקגיין האָט דער קאָמיטעט אָנגעהויבן צו פאַר־האַנדלען מיטן קאָלאָמייער יודנראַט וועגן שאַפן דאָרט אַ קיך פאַר די קאָסעווער. אַזוי ווי פון די פאַרהאַנדלונגען איז גאָרנישט געוואָרן, צוליב די הויכע פרייזן וואָס די קאָלאָמייער האָבן פאַרלאַנגט, האָט דער קאָסעווער קאָמיטעט געשאַפן אַ סומע געלט און צוויי קאָמיטעט־מיטגלידער זענען אַוועק קיין קאָלאָמיי, האָבן דאָרט צוזאַמענגערופן די קאָסעווער און זיי פאַרטיילט דאָס מזומענע געלט. אויך האָט מען אַ געוויסע צאָל מענטשן ספּעציאַליסטן פון בויען שטראָזן צוריקגעבראַכט פון קאָלאָמיי לויט אַ פאָדערונג פון אַרבעטס־לייטער. אַנדערע ווידער האָבן זיך דאָרט אַליין באַזאָרגט מיט אַרבעטס־קאַרטן פון שמאַטע־זאַמלער און זענען צוריק גע־קומען. די צאָל יידן אין קאָסעוו האָט זיך אַ ביסל פאַרגרעסערט.

דעם ערשטן מאַי 1942 האָבן די יידן גענומען זייער ביסל האָב און גוטס און זענען אַריבער אין געטאָ. אַלץ האָט מען געקאָנט מיטנעמען, ווי: מעבל, קליידער, בעטגעוואַנט. אין געטאָ איז געווען צוגעטיילט פאַר יעדער משפחה, לויט דער צאָל נפשות, אַ דירה, אַ קלענערע אָדער אַ ביסל אַ גרעסערע, און פאַמעלעך האָט מען, בלית־ברירה, אָנגעהויבן זיך צוגעוויינען צו דעם נייעם סאָרט לעבן.

דער געטאָ איז געווען אין די הייזער פון מענדל שטומער ביז זינדל פיבער, די זייט צום טייך, וועלכער איז אויך געווען די גרענעץ פון געטאָ. צום שטראָז זענען אַלע פענצטער און טירן געוואָרן פאַרקלאַפּט מיט ברע־טער. דער אַריינגאַנג אין די וווינונגען איז געווען פון זאַרינעק. אויסער דעם געטאָ איז געווען שטרענג פאַרבאָטן זיך צו באַוועגן, און אין געטאָ גופא — נאָר ביז זיבן אָוונט. אָפט פלעגן פאָרקומען קאָנטראָלן, דאָס נישט אויספירן די באַפעלן איז געווען פאַרבונדן מיט האַרבע שטראָפן.

זייגער זעקס אין דער פרי פלעגן די איינצלנע גרופן אַרויסגיין צו דער אַרבעט און זייגער פיר צוריקקומען. יעדער האָט זיך מיטגעבראַכט עפּעס עסן. אויך די קיך האָט פונקציאָנירט און אַרויסגעגעבן אַ ביסל וואַרעמס. דאָס רויבן און שלאָגן יידן האָט נישט אויפגעהערט, אָבער קיין הריגות זענען אין דער צייט נישט פאָרגעקומען.

אין חודש יוני האָט מען פּלוצלונג געהייסן אַלע יידן קומען אויף אַ פּלאַץ אין געטאָ צו אַ רעגיסטראַציע. אַהין איז געקומען דער אַרבעטס־

לייטער, האָט אָפּגעשטעמפּלט אַלע אַרבעטס־קאַרטן און נאָך עטלעכע שעה שטיין דאָרט אין פּחד איז יעדער ווידער אַהיימגעגאַנגען; ווידער אָפּגע־קומען מיט שרעק.

אַזוי שלעפּט זיך די צייט פּאַמעלעך, דער פּחד איז גרויס, יעדער דרייט זיך אַרום מיט זיין טויט־אורטייל אין קעשענע. פון אַלע שטעט און שטעטלעך רייסן זיך דורך ביטערע ידיעות וועגן מאַסן־שחיטות אויף יידן. די ידיעות זענען נישט צו קאָנטראָלירן, ווייל קיין ציייטונג, קיין ראַדיאָ האָבן מיר נישט, נאָר פּויערים דערציילן עס און צום גרויסן טרויער, באַשטעטיקן זיך שפּעטער די ידיעות.

אַ טייל יידן, וועלכע האָבן געלט־מעגלעכקייטן שוואַרצן די גרענעץ קיין רומעניע; דאָרט לעבן זיי אָבער אומלעגאַל און אין שטענדיקן פּחד פאַר רומענישע אַגענטן. ווען מען האָט עמעצן דאָרט געכאַפּט, האָט מען אים צוריקגעשטעלט צו דער פּוילישער גרענעץ, איבערגעגעבן דער גע־סטאַפּאָ, און זיי האָבן אים געשאָסן. אַזוי האָט מען געכאַפּט מאָטיע פּיבער מיט זיין פרוי חנצעל (טענענצאַפּף), אייזיק שערף מיט זיין פרוי, מלכה האַזעלמאַן א. אַ. אייזיק שערף זאָל האָבן, לויט אַ ידיעה, אין קרימינאַל אין סניאַטין באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. הי״ד.

עס זענען אויך געווען במשך דער צייט אין קאָסעוו עטלעכע זעלבסטמאָרדן דורך אויפהענגען: עזרא בעדער, מיכאל קליגער, די פרוי פון שוחט לוי געלער און אַ געוויסע דרעזנער, אַ מיידל פון קוסמאַטש.

פאַר די יידן אין די בונקערס האָט מען צוגעשטעלט דאָס ביסל עסן לויט מעגלעכקייט. לעבנסמיטל זענען אַלע מאָל געוואָרן טייערער, די געלט־מיטל קנאַפּער, און דאָס איינקויפן האָט אויך זיך אָנגעטראָפן אויף שווע־ריקייטן. מיר האָבן אויך באַקומען עטלעכע מאָל צוגעטיילט אַ ביסל לעבנס־מיטל, וועלכע זענען באַלד פאַרטיילט געוואָרן צווישן דער באַפעלקערונג.

אין איינעם אַ שבת נאָך מיטאָג דערהערט מען פּלוצעם אין געטאָ שיסן. ס׳איז געוואָרן אַ בהלה. ווען ס׳איז געוואָרן שטיל און מען איז אַרויס אין גאַס, האָט מען דערזען ליגן אין אַ קאַלוזשע בלוט דעם קירזשנער מענדל פריזל, זיין זון חיים און אַלטער מערפּאום. פאַר וואָס? דער קירזש־נער פלעגט איבערנייען די פעלצן, וואָס די דייטשן האָבן גערויבט ביי די יידן, און האָט מיט עמעצן וועגן דעם גערעדט. דאָס איז אָנגעקומען צו די דייטשן, און זיי האָבן אים דערפאַר ליקווידירט מיט זיין זון. דעם דריטן ייד האָבן זיי דערשאָסן סתם, ווייל ער איז אַ ייד. באַלד האָבן מיר אויס־געגראָבן אַ קבר און זיי געבראַכט צו קבר ישראל.

✶

חודש יולי. דער קאָמיטעט באַקומט אַ ידיעה, אַז דריי הונדערט פרויען, וועלכע דרייען זיך אַרום אין געטאָ אָן באַשעפטיקונג, וועלן מוזן אַוועק אין געטאָ־קאָלאָמיי. ס׳איז געוואָרן אַ גרויסער געוואַלד, און מען האָט באַשלאָסן אַז מען דאַרף שאַפן אַרבעט פאַר די פרויען.

אַזוי ווי פון דער קראָפּעווע, וואָס די יידן זאַמלען, מאַכט מען פאָדעם, וועלן די יידישע פרויען שפּינען דעם גאַרן, דערפון וועט מען מאַכן זעק און די זעק ליפערן פאַר די דייטשן. די דייטשן האָבן פאַר אַ גרויסן באַק־שיש דערצו מסכים געווען. מיר האָבן אָנגעהויבן צוזאַמענגעמען די קראָ־פּעווע און אויך קליאָטשע, וואָס האָט זיך געפונען אין גרויסע מענגעס אין געטאָ, באַזאָרגט שפּינרעדלעך און שוין זענען געזעסן פרויען און געשפּונען. גלייכצייטיק האָט מען אין „מזרח־שולעכל״ אויפגעשטעלט וואַרשטאַטן, און אונדזערע וועבער האָבן אויסגעאַרבעט גוטע זעק, וועלכע מען האָט גענייט און געליפערט קיין קאָלאָמיי. פאַר דער ערשטער ליפערונג האָט מען באַקומען לעבנסמיטל. אַזוי ווי די יידישע פרויען זענען געווען שוואַכע שפּינערינס און מ׳האָט געדאַרפט אַ סך רוימאַטעריאַל, האָט מען עס אַוועקגעפירט אין די דערפער און פאַר טייער געלט האָבן די פּויערים געשפּונען און געבריענגט דעם פאַרטיקן גאַרן אין געטאָ. אַזוי אַרום האָט נישט געפעלט קיין גאַרן צו דער אַרבעט, מען האָט יעדעס מאָל געליפערט זעק און די גזירה פון די דריי הונדערט פרויען איז דערווייל אָפּגעשריגן געוואָרן.

✶

איין מאָל קומט אָן אַ ידיעה, אַז פאַר אַ געוויסער סומע געלט קאָן מען אין קאָלאָמיי באַקומען „אויסווייזע״ (אַרבעטס־קאַרטן) פאַר אַ גרע־סערער צאָל מענטשן. האָבן זיך געמאָלדן צוויי מיטגלידער פון קאָמיטעט צו גיין קיין קאָלאָמיי און דאָס דערלעדיקן. מען האָט געקאָנט קומען אַהין נאָר צופוס, קיין שום פורמאַן האָט נישט געוואָלט פירן קיין יידן. דער וועג איז געווען זייער געפערלעך, ווייל ער האָט געפירט דורך אוקראַיִנישע דערפער, וווּ קיין איין ייד איז נישט געבליבן לעבן. די אוקראַיִנער האָבן גערויבט און געמאָרדעט נאָך ערגער ווי די דייטשן. אָבער עס שטייט דאָך געשריבן „שליחי מצוה אינן נזוקין״, איז זיי פון דעסטוועגן געלונגען אָנצוקומען אַהין. אין קאָלאָמיי האָט מען זיך פאַרבונדן מיט די געהעריקע אינסטאַנצן, און דאָס געשעפט איז געמאַכט געוואָרן.

די אַרבעטס־קאַרטן אין דער צאָל פון צוויי הונדערט ווערן אַרויס־

געגעבן אויף די נעמען פון די קאָסעווער ייִדן, וועלכע זענען אין געטאָ־קאָלאָמיי, און זיי וועלן קומען צוריק אין קאָסעוו. אָפּגעמאַכט, באַצאָלט די געפאָדערטע סומע, און מען נעמט שרייבן. מיט אַ מאָל ווערט אין געטאָ אַ בהלה. ס׳איז שבת, דעם 5טן סעפּטעמבער 1942. געסטאַפּאָ פאַלט אַריין אין געטאָ, מען כאַפּט ייִדן, מען שיסט אין די גאַסן, מען שלעפּט פון די הייזער, פון די קעלערס, פון די בוידעמער, מען לאַדעוועט זיי אויף אויטאָס, הונדערטער, טויזנטער, די קולות און געוואַלדן גייען עד־לב־השמים, די גאַסן זענען באַזייט מיט מתים. די צוויי קאָסעווער זענען על־פּי־נס ניצול־געוואָרן און האָבן פאַרלאָזט דעם געטאָ־קאָלאָמיי, ווידער דורכצומאַכן צופוס דעם וועג פון קאָלאָמיי, איבער איספּאַס־פּיסטין, קיין קאָסעוו.

אָנגעקומען זענען זיי קיין קאָסעוו שבת פאַר נאַכט און דאָרט גע־טראָפן אַ שרעקלעכע שטימונג. אַ טייל זאָגט, אַז ס׳וועט פאָרקומען אַ נייע רעגיסטראַציע, אַנדערע זאָגן, אַז עס קומט אַ נייע אַקציע. מען לויפט פון איינעם צום צווייטן, איינער קוקט דעם צווייטן אין די אויגן, מיינענדיק, אַז יענער ווייסט עפּעס און וויל אים נישט דערציילן. אויך די מיטגלידער פון קאָמיטעט קאָנען גאָרנישט ענטפערן אויף דער פראַגע, וואָס וועט זיין מאָרגן, ווייל אויך זיי ווייסן נישט. די נאַכט שלאָפט נישט קיין איין ייִד. מען באַראָט זיך, מען קלערט אַן עצה, אַ טייל גייט אין די בונקערס, אַ טייל צו פויערים, אַ טייל אין די וועלדער.

זונטיק אין דער פרי דעם 6טן סעפּטעמבער 1942. דער פּחד איז גרויס, אָבער קיינער ווייסט נישט וואָס עס קומט. דער אַרבעטס־לייטער פון קאָסעוו איז פּלוצעם אַוועקגעפאָרן פון שטאָט, פון אים וואָלט מען זיך אפשר עפּעס דערוווּסט. אויף זיין פּלאַץ איז דעם זעלבן טאָג געקומען דער אַרבעטס־לייטער פון האָראָדענקע. דער קאָמיטעט האָט באַלד אָנגעקניפּט מיט אים אַ קאָנטאַקט. ער האָט באַרויִקט און דערקלערט, אַז דאָס איז נאָר אַ רעגיסטראַציע, ס׳איז נישטאָ וואָס זיך צו שרעקן, אַלע ייִדן בלייבן דאָ און זיי זאָלן רויִק אַרויסגיין אויף דעם פּלאַץ.

כדי די ייִדן צו באַרויִקן, האָבן זיי תיכף אָנגעהויבן אויפשטעלן אויף דעם „ספּאָרט־פּלאַץ" טישן מיט בענק אַזוי ווי צו דער פריערדיקער רעגיסטראַציע.

מאָנטיק דעם 7טן סעפּטעמבער גאַנץ פרי, זענען די ייִדן אין דער צאָל פון בערך זעקס־זיבן הונדערט געקומען אויף דעם פּלאַץ, און אין אַ קורצער צייט נאָך דעם זענען אַרויס פון אַלע זייטן געסטאַפּאָ צוזאַמען מיט אוקראַיִ־נישע פּאָליציאַנטן, אַלע שווער באַוואָפנט און האָבן אַרומגערינגלט דעם

פלאַץ פון אַלע זייטן. מיר פילן אַצינד, אַז דער סוף איז געקומען. „וואָס שנעלער", בעטן אַלע. באַלד שטעלט מען אויס אַלע אין אַ ריי, און דער באַנדיט פראָסט ווילט אויס זעקס און פופציק מאַן צו דער אַרבעט; די איבעריקע הייסט ער אַוועקפירן אין שטאָטישן אַרעסט.

אויפן וועג צום אַרעסט האָט אַ טייל אָנגעהויבן לויפן. די באַנדיטן האָבן געעפנט אַ שיסעריי, און מער ווי צוואַנציק קרבנות זענען געפאַלן אויפן פלאַץ. דערמיט אָבער האָבן די רוצחים זיך נישט באַגנוגנט. תיכף נאָך דעם האָט מען אַרויסגעשיקט זוכן יידן אין די הייזער און דערשיסן. די מערדער האָבן אויסגעפירט דעם באַפעל פּינקטלעך, זענען אַריין אין געטאָ, אויפגעריסן די טירן און טויערן, געזוכט אין אַלע ווינקעלעך, אַרויס־געשלעפּט אין גאַס און דערשאָסן. פון אַלע עקן שטאָט האָט מען געהערט שיסן.

די אויסגעוויילטע זעקס און פופציק יידן שטייען דערווייל אויף דעם פלאַץ אונטער אַ שטרענגער וואַך. אין עטלעכע שעה אַרום פירט מען זיי אַוועק צוריק אין געטאָ, און זיי באַקומען אַ באַפעל: ביז צוויי שעה פאַרנעמען אַלע טויטע קערפּער פון די גאַסן, פון די הויפן, אויב נישט, וועט מען אויך זיי שיסן. אין גאַנצן צעבראָכן, האָבן מיר גענומען האַנט־ווּעגעלעך און געגאַנגען צונויפנעמען די טויטע. פיל פון די קרבנות זענען שרעקלעך געפּייניקט געוואָרן פאַרן טויט, און מיר האָבן געטראָפן מענטשן אין אַ גרויליקן צושטאַנד.

אין הויף פון אַברהם בלאָך טרעפן מיר אורצי קרומביין מיט זיין פרוי דבורה זיצן אָנגעשפּאַרט צום פּאַרקן, און אויף זייער פנים — אַ שמייכל, ווי זיי וואָלטן געלעבט. מיר זענען שטאַרק דערשראָקן צוגעקומען נענטער.ביידע זענען געווען טויט; האָט זיי דער באַנדיט אפשר געהייסן לאַכן פאַרן שיסן? אַזוי האָט מען צונויפגעזאַמלט די קערפּער און זיי אַוועק־געפירט אויף דעם בית־הקברות. אויפן צווייטן טאָג האָט מען אויסגעגראָבן צוויי קברים און די טויטע באַהאַלטן. צוזאַמען זענען געווען הונדערט זיבן און דרייסיק קרבנות, מענער, פרויען און קינדער. די קינדער האָבן זיי נישט געשאָסן, און זייערע מוחלעך האָט מען אָפּט פון די ווענט צוזאַמענ־גענומען.

די יידן וואָס אין אַרעסט האָט מען דעם צווייטן טאָג אָפּגעפירט צופוס קיין קאָלאָמיי, דאָרט זיי פאַרלאָדן אויף דער באַן אין די טרויעריק־באַרימטע וואַגאָנען און אַוועקגעפירט אין די גאַז־קאַמערן אין בעלזשעץ. אויפן וועג קיין קאָלאָמיי האָט אַ טייל יונגע מענטשן געפּרוווט אַנטלויפן.

אייניקע איז אַזוי אַרום געלונגען זיך צו ראַטעווען אונטער אַ האָגל קוילן, אַנדערע זענען געבליבן ליגן טויטע.

אין קאָלאָמיי האָט מען אויסגעווײלט אַ גרופּע שטאַרקע יונגעלייט און זיי אַוועקגעפירט קיין לעמבערג, אין באַרימטן יאַנאָווסקי־לאַגער, ווו זיי זענען נאָך אַ געוויסער צייט אומגעקומען פון שווערער אַרבעט, הונגער, קראַנקהייטן און שוידערלעכער באַהאַנדלונג.

אויפן וועג קיין בעלזשעץ, זענען אַ טייל געשפּרונגען פון צוג. צווישן זיי אַברהם בערגרין, וועלכער איז געבליבן לעבן און געקומען ביז ראַוואַ־רוסקאַ; פון דאָרט האָט ער געשריבן קיין קאָסעווּ, אַז מען פירט די יידן אין די גאַזקאַמערן אין בעלזשעץ. שפּעטער איז אויך ער דאָרט אומגעקומען. איצט האָבן שוין אַלע, סיי לעגאַלע, סיי אומלעגאַלע יידן, געוווּסט, אַז דער סוף איז נאָענט און אומפאַרמיידלעך.

מ׳האָט אָנגעהויבן שטאַרק לויפן, אַ טייל קיין רומעניע, אַ טייל קיין אונגאַרן. אין איינער אַ נאַכט איז דער פאָרזיצער פון הילפּס־קאָמיטעט ח. ה. שטיינער מיט זיין משפּחה און נאָך אַ גרופּע יידן אַוועק קיין אונגאַרן. געפירט איבער דער גרענעץ האָבן די אוקראַיִנישע שוואַרצערס.

דאָס לעבן פון די רעשטלעך יידן איז געוואָרן ממש אומדערטרעג־לעך. די דייטשן האָבן פאַרלאַנגט, מען זאָל זיי געבן זאַכן, ווי פריער און ס׳איז נישט מער געווען וואָס צו געבן. צו די יידן אין די בונקערס איז געוואָרן זייער שווער צוצוקומען, ווייל די אוקראַיִנער האָבן נאָכגעקוקט און שפּעטער אַליין געכאַפּט די יידן, אָדער געבראַכט צו זיי די דייטשן. עס זענען אויך געווען אוקראַיִנער, וועלכע האָבן גערעדט יידיש, זענען זיי אַרומגעקראָכן אין געטאָ איבער די צעשטערטע הייזער און געשריגן אויף יידיש, אַז זיי האָבן געבראַכט עסן, און אַ סך מאָל איז זיי געלונגען אַזוי אַרום אַרויסצונאַרן די יידן פון די בונקערס. שפּעטער האָט מען זיך דערזיבער אָפּגעמאַכט ספּעציעלע סימנים, פון וועלכע די שונאים זאָלן נישט וויסן.

דאָס לעבן אין די בונקערס איז מיט יעדן טאָג געוואָרן שווערער; ווייניק עסן, ווייניק לופט. און עס האָט שטאַרק דערקוטשעט דאָס ענגעניש. דאָס געוויין פון די קליינע קינדערלעך האָט פיל מאָל פאַראָטן דעם בונקער. ביטער און פינצטער!

ווידער איז אַ גרופּע אַוועק קיין אונגאַרן מיט די זעלבע שוואַרצערס. אָבער אין אַ וואַלד האָבן די אוקראַיִנער זיי באַרויבט און אַלע דערמאָרדעט; אַנדערע זענען געלאָפן קיין רומעניע.

דעם 28סטן סעפּטעמבער איז אַרויס אַ באַפעל, אַז אַלע אומלעגאַלע

יידן, וועלכע וועלן זיך פרייוויליק מעלדן קיין קאָלאָמיי אין געטאָ, וועט קיין שום שלעכטס נישט געשען. איז אַוועק אַ גרופּע קיין קאָלאָמיי פריי־וויליק, האָפנדיק, אַז פון דאָרט וועלן זיי זיך אפשר מיט געלט העלפן און דערשלאָגן אויף אַ מער זיכערן פּלאַץ. אָבער די רוצחים האָבן פריער שוין געזאָרגט דערפאַר אַז אַלע יידן אָן אויסנאַם, רייכע און אָרעמע, זאָלן אומקומען, ווער אין געטאָ פון הונגער און קראַנקהייטן, ווער אין לאַגער, און ווער אין די גאַזקאַמערן.

די צייט ווערט אַלץ שווערער, די קיך איז נאָך טעטיק, און מען טיילט צו אויך פאַר די בונקערס צו ביסלעך עסן, אויף וויפל די אומ־שטענדן דערלויבן דאָס. אָבער די דייטשן שטעלן יעדעס מאָל נייע פאָ־דערונגען, וועלכע מען קאָן נישט נאָכקומען, און יעדעס מאָל ביי אַזאַ באַשטעלונג דערמאָנען זיי, אַז פאַר נישט ליפערן וועט מען באַצאָלן מיטן לעבן. אויסער דעם כאַפּט מען יעדעס מאָל אומלעגאַלע יידן. ווען עמעצער פאַרלאָזט מחמת הונגער דעם בונקער, עפּעס עסן זיך צו פאַר־זאָרגן און גיין צוריק, שפּיאָנירט מען אים נאָך און מען כאַפּט אים. די געכאַפּטע פירט מען אַוועק אין קרימינאַל, מען זאַמלט צונויף אַ גרעסערע גרופּע און צוזאַמען מיט די יידן, וועלכע מען שטעלט אַריבער פון רו־מעניע, פירט מען זיי אַוועק און מען דערשיסט זיי אין שעפּאַראָווצער וואַלד.

מיר באַקומען ידיעות וועגן מיליאָנען יידן, וואָס ווערן פאַרגאַזט אין די גאַז־קאַמערן פון אוישוויץ, טרעבלינקע, מיידאַנעק און בעלזשעץ; וועגן יידן, וועלכע ווערן צו הונדערט פופציק פאַרלאָדן אין די פּי־וואַגאָנען, און די מערהייט פון זיי קומען אָן שוין אַהין טויט, אָדער האַלב טויט. גוט איז געווען נאָר יענע, וועלכע מ׳האָט אויפן באַרג דערשאָסן ביי דער ערשטער אַקציע! זיי האָבן נישט געוווסט, וווהין מען פירט זיי און זענען באַלד געווען טויט. ווען וועט שוין נעמען אַ סוף אויך צו אונדזערע צרות?

דאָס רעשט ביסל יידן האָט זיך צוזאַמען אַריינגעצויגן אין די הייזער, כדי ווייניקסטנס צו זיין צוזאַמען אין די לעצטע שעהען פון זייער לעבן.

די צאָל יידן פאַרקלענערט זיך פון טאָג צו טאָג, און צו דער אַרבעט גייען נאָר עטלעכע אויף יעדן פּלאַץ. עס קומט אָן אַ באַשטעלונג פאַר דער סטאָלעריי, אָבער די סטאָלערעס זענען שוין נישטאָ; דאָס זעלבע פאַר שוסטער, שניידער און אַנדערע, אויך זיי זענען מער נישטאָ. מען מאַכט דעריבער די אַרבעט ביי קריסטלעכע באַלמעלאָכעס, אָבער יענע הייסן זיך גוט באַצאָלן.

מען לויפט ווו די אויגן טראָגן, אין דער האָפענונג זיך צו ראַטעווען, אָבער די אויסזיכטן זענען אַזעלכע שוואַכע, די שוועריקייטן אַזעלכע גרויסע, אַז די יידן דאָ וואַרטן שוין אויף דעם מאָמענט, ווען זיי וועלן ענדלעך אויסגעלייזט ווערן.

אַזוי קומט אָן דער לעצטער שבת. אַ דייטש האָט זיך אויסגערעדט, אַז מיטוואָך דעם 4טן נאָוועמבער 1942 וועט מען די לעצטע יידן פון דאַנען אַריבערפירן קיין קאָלאָמיי, און קאָסעוו וועט ווערן „יידנריין". דעם זעלבן שבת זענען נאָך מערערע אַוועק. איין גרופּע איז אַוועק קיין רומעניע, אַ טייל פון איר האָט מען געכאַפּט אויפן וועג, צוריקגעבראַכט קיין קאָסעוו און פאַרניכטעט; אַ צווייטע גרופּע פון אַכט און צוואַנציק מענטשן איז אַוועק אין אַ בונקער צו אַן אוקראַינער אין דאָרף קובאַקי; איינצלנע זענען אַוועק אין וואַלד. די נאַכט אויף זונטיק איז קיינער נישט געשלאָפן. ווי גאָר ס'האָט אָנגעהויבן טאָגן, האָט מען געקאָנט באַמערקן מחוץ דעם געטאָ אַ באַוועגונג פון אוקראַינער, וואָס זענען שוין געקומען נעמען ירושה. די דייטשן, וועלכע האָבן זיך דורך זייערע אוקראַינישע שותפים דערוווּסט, אַז די יידן אַנטלויפן און אַז ביז מיטוואָך וועלן זיי נישט האָבן וועמען „אויסצוזידלען" און קאָנען נאָך, חלילה, פאַרלירן אַ שטיק בלוטיקע אַרבעט, האָבן באַשלאָסן באַלד זונטיק דעם 3טן נאָוועמבער צו מאַכן קאָסעוו „יודנריין".

זונטיק, זייגער אַכט אין דער פרי, זענען אַריין צוויי דייטשן אין געטאָ מיטן אויסרייד, אַז זיי דאַרפן אַרבעטער. ווען מען האָט זיי געענט־פערט, אַז ס'זענען נישטאָ מער קיין מענטשן צו דער אַרבעט, זענען זיי צוריק אַרויס, און מיט אַ מאָל זענען אָנגעקומען גאַנצע מחנות דייטשן און אוקראַינער, אַריין אין די הייזער, האָבן אויפגעבראָכן די פאַרשלאָסענע טירן און אָנגעהויבן אַרויסשלעפּן יידן, בלאַסע, דאַרע, אָפּגעריסענע, אַלטע און יונגע. האָבן געשלאָגן, געווילדעוועט, אויפגעריסן פּאָדלאָגעס, געזוכט בונקערס און אויך געפונען. עס שטייען שוין אין אַ ריי בערך הונ־דערט פופציק — צוויי הונדערט יידן, און מען שלעפּט ווייטער.

דאָ האָט פּלוצעם די מאַסע יידן זיך אַ ריר געטאָן און אָנגעהויבן לויפן צום טייך, לויפן ווי נאָר די פיס טראָגן נישט אַזוי זיך צו ראַטעווען, ווי כדי שוין דאָ אויפן אָרט צו כאַפּן אַ קויל און נישט דאַרפן פאָרן קיין בעלזשעץ. די פּאָליציי האָט אָנגעהויבן שיסן און אַ סך זענען געפאַלן טויט. אַנדערע לויפן ווייטער און פאַלן טויט. אַ טייל בלייבט שטיין, אָבער אויך זיי שוינען נישט די קוילן, און זיי ווערן אויסגעלייזט פון דעם עלנדן

לעבן. דער זאַרינעק, ווו ס'האָט תמיד געווווינט דער אָרעמסטער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין קאָסעוו, איז איצט באַזייט מיט די גופים פון קאָסעווס טייערע זין און טעכטער. די וואָס זענען נישט אַנטלאָפן, האָט מען אַוועקגעפירט אין קרימינאַל, דאָרט געלאָזט זיצן אַן עסן און טרינקען ביז מיטוואָך און נאָכהער אַוועקגעפירט קיין קאָלאָמיי, ווו מ'האָט זיי מיט אַ סך אַנדערע יידן אַוועקגעשיקט קיין בעלזשעץ.

קאָסעוו איז געוואָרן „יודנריין״! דאָס טייערע, לעבעדיקע שטעטעלע מיט זיינע טייערע יידן, אַרבעטסזאַמע, אינטעליגענטע יוגנט, ביבליאָטעקן, שולן, זיינע קולטורעלע, ווירטשאַפטלעכע און פּאָליטישע אינסטיטוציעס, — נישטאָ מער, אָפּגעמעקט פון דער ערד, נישטאָ אַפילו ווער עס זאָל קדיש זאָגן אויף זייערע קברים! הי״ד!

✶

ס'איז כדאי צו פאַרצייכענען אין ספר נאָך עטלעכע וויכטיקע פאַקטן פון דער שואה־צייט.

1) נאָך דער ערשטער אַקציע, ווען מ'האָט אין די צוויי קברים אויפן באַרג באַגראָבן איבער צוויי טויזנט יידן, האָבן זיך די קברים יעדעס מאָל געזעצט, און מען האָט געדאַרפט אויפשיטן יעדעס מאָל ערד אויף די גופים — דאָס האָבן געטאָן אוקראַינער; איין מאָל קומט פון די דייטשן אַ באַפעל, אַז די יידן זאָלן דאָס אַליין טאָן. אַ גרופּע פון צוואַנציק יידן האָבן זיך פרייוויליק געמאָלדן צו דער אַרבעט, ווייל מען האָט געוואָלט געבן די גריבער אַ צורת־הקבר. אַרויפגעקומען צו די מאַסן־גריבער, האָט די גרופּע געזאָגט קדיש. דערווייל איז ביי אַ טייל אויפגעשווומען דער געדאַנק, מען זאָל אָנשטאָט צודעקן דאָס קבר, אויפדעקן עס אַ ביסל און זיך איבערצייגן, אויב דאָרט זענען טאַקע באמת דאָ מתים, ווייל ווי איז דאָס מעגלעך אין צוויי גריבער אַריינצוברענגען איבער 2000 מענטשלעכע גופים? מען האָט אויסגעשטעלט היטערס אין אַלע זייטן, טאָמער וועט זיך דערנענטערן אַ דייטש, און גענומען גראָבן. נאָך די ערשטע עטלעכע לאָפּעטעס ערד האָט מען שוין דערזען דעם ערשטן טויטן קערפּער פון אַ פרוי מיטן פּנים אַראָפּ, גאַנץ נאַקעט. באַלד דערזען מיר ווי דער היטער ח. ל. מילבויער רעדט דאָרט מיט אַ דייטש אים אויפצוהאַלטן אַ ביסל ביז מיר וועלן צוריק פאַרשיטן. ווען דער דייטש קומט צו צום קבר, איז שוין אַלץ ווידער פאַרדעקט, ער פרעגט אונדז, אויב מען זעט עפּעס דערין, און מיר אין גרויס שרעק דערקלערן אים, אַז מיר שיטן בלויז ערד אויפן קבר. ער איז אַוועק.

2) נאָך דער ערשטער אַקציע, אין אַ דעצעמבער־אָוונט. אין דרויסן פאַלט אַ נאַסער שניי, וואָס נעמט דורך די ביינער, אויפן שאָסיי אַ טיפּע בלאָטע, גייען צוויי מיטגלידער פון קאָמיטעט אַהיים. דער זייגער איז געווען 8.45, דאָס הייסט נאָך 15 מינוט צו דער פּאָליציי־שעה. (נאָך 9 אַזייגער האָט מען יעדן געכאַפּטן יידן אָן אַ משפּט געשאָסן). מיט אַ מאָל דערהערט מען פון ווייטנס די באַקאַנטע שווערע טריט פון דייטשע פּאָליציי־שטיוול. ווען די טריט קומען נענטער, זעט מען, כאָטש ס׳איז שטאַרק פינצטער, ווי פינף יידן שלעפּן אַ וואָגן, און די פּאָליציי גייט זיי נאָך. וואָס אויף דעם וואָגן איז דאָ, ווייסט מען נישט, אפשר מתים? פּלוצעם פאַלט פון די יידן אַ וואָרט: „יידן ראַטעוועט!", ווייסן מיר דערפון, אַז זייער לאַגע איז אַ קריטישע. איינער שלאָגט פאָר, מען זאָל זיך אומקערן און פּרוּוון ראַטעווען די יידן, דער צווייטער וויזט אָן, אַז ס׳איז אין גאַנצן געבליבן 10 מינוט ביז 9 אַ זייגער, קאָן מען אַפילו נישט באַוויזן ביז צו דער פּאָליציי צוצוקומען. מען דאַרף נישט איינשטעלן זיין אייגן לעבן. דער ערשטער לויפט דאַן אַליין צוריק, כאַפּט זיך אַריין צום פּאָרזיצער פון קאָמיטעט און דערציילט אים, אויף גיך, וואָס עס האָט פּאַסירט. יענער, נישט רעדנדיק קיין וואָרט, נישט קוקנדיק אויפן פּראָטעסטירן פון זיין משפּחה, גייט באַלד מיט, און דורך אונטערוועגן קומען זיי ביידע צו דער אוקראַיִנישער פּאָליציי. גראָד האָט מען געבראַכט אַהין די פינף יידן מיט דעם וואָגן, אויף וועלכן עס איז געלעגן — אַ געקוילעטע קו, דאָס הייסט, אַז מען האָט זיי געכאַפּט ביי שוואַרצער שחיטה און דער אורטייל דערפאַר איז — טויטשטראָף. מען פּרוּווט זיך צונויפצורעדן מיטן קאָמענדאַנט, אָבער ער האָט מורא פאַר זיינע אייגענע פּאָליציאַנטן. ערשט ווען מען איז מיט די פּאָליציאַנטן דורכגעקומען, האָט ער מסכים געווען עפּעס צו טאָן: „אָבער וואָס זאָל איך שרייבן אין פּראָטאָקאָל פאַר די דייטשן?", „שרייב, אַז די פּאָליציי האָט אין אַ ליידיק הויז קאָנפיסקירט אַ געקוילעטע קו און גענומען די יידן, זיי זאָלן זי אַראָפּשלעפּן". האָט ער אַזוי געשריבן. און „יעצט באַפריי די פינף יידן"! „ווי קאָן איך דאָס טאָן, זיי טאָרן דאָך נישט גיין ביי נאַכט, זאָלן זיי דאָ איבערנעכטיקן אין אַרעסט, און מאָרגן וועל איך זיי באַפרייען". „מאָרגן וועט שוין נישט זיין וועמען צו באַפרייען, זיי וועלן ביי נאַכט פאַרשווינדן, שיק זיי אַהיים מיט פּאָליציי, די זעלבע, וואָס האָבן זיי געבראַכט!" און אַזוי איז טאַקע געשען. איינער פון די יידן לעבט היינט אין ישראל מיט אַ משפּחה.

3) נאָך דער אַקציע פון 7טן סעפּטעמבער 1942 איז געקומען

פֿון קאָלאָמיי אַ ייד מיטן נאָמען אַברהם מאַוזנער, וועלכער האָט דאָ געזוכט אַ שוואַרצער, וואָס זאָל אים אַריבערשטעלן קיין רומעניע. אין אַ געוויסן טאָג קומט מען צו לויפֿן און מען דערציילט, אַז מ׳האָט געכאַפּט אַן אומלעגאַלן ייד און צוויי אוקראַיִנישע פּאָליציאַנטן פֿירן אים אַוועק. ער איז פֿאַרלוירן! אַ מיטגליד פֿון קאָמיטעט לויפֿט זיי נאָך, אָבער דערזען די פּאָליציאַנטן, ווייסט ער שוין, אַז מיט די דאָזיקע צוויי באַנדיטן קאָן מען גאָרנישט אויפֿטאָן. און דער ייד, אַ האַלב טויטער, גייט און שרייט דערביי, „מײַנע דודלעך, מײַנע דודלעך״, דאָס האָט ער געמיינט די דאָלאַרן, וואָס ער האָט געהאַט ביי זיך זייער אַ סך. „גייט ווייטער און רעדט נישט קיין וואָרט!״, זאָגט צו אים שטיל דער מיטגליד פֿון קאָמיטעט. ווען מען קומט אַריין אין דער פּאָליציי, גיבן זיי איבער אַ פּראָטאָקאָל, אַז זיי האָבן געכאַפּט אַן אומלעגאַלן ייד. דערויף האָט דער מיטגליד פֿון קאָמיטעט דערקלערט, אַז דער ייד איז לעגאַל, ער האָט אַן אויסווייז פֿון אַ שמאַטעזאַמלער, נאָר האָט אים פֿאַרגעסן אין דער היים. „ברענג מיר זיין אויסווייז, וועל איך אים באַפֿרייען — זאָגט דער קאָמענדאַנט, — ער וועט דאָ בלייבן ביז דו ברענגסט זיינע פּאַפּירן״. אָבער ווויסנדיק, אַז אויב ער וועט דאָ בלייבן, וועט מען אים רעוויזירן, און זיינע דאָלאַרן זענען אין אַ סכנה, און חוץ דעם קאָן אַריינקומען אַ דייטש און אים דערוויל סתם דערלאַנגען אַ קויל, בעט ער דעם קאָמענדאַנט אַריינצופֿירן דעם ייד אין אַרעסט. דער קאָמענדאַנט האָט געהייסן אַ פּאָליציאַנט אַזוי טאָן. דער אויפֿזעער איבער דעם אַרעסט, דער „קלוטשניק״, אַ פּאָליאַק, אַן אונטערגעקויפֿטער פֿון דעם קאָמיטעט, פֿלעגט העלפֿן מיט וואָס נאָר מעגלעך די אַרעסטירטע, ער האָט דעם יידן אַריינגעזעצט אַליין אין אַ צעלע און צוגעזאָגט, אים צו באַשיצן. דער קאָמיטעט־מיטגליד איז דעמאָלט געלאָפֿן אין געטאָ, האָט גענומען ביי אַ צווייטן ייד זיין דאָקומענט, (כאָטש דער נאָמען און די פֿאָטאָגראַפֿיע האָט נישט געשטימט), און איז דערמיט געקומען צו דער פּאָליציי. דער קאָמענדאַנט, נעמענדיק דאָס פּאַפּיר אין האַנט, האָט באַלד פֿאַרשטאַנען דעם טריק, געמאַכט אַ צווייטן פּראָטאָקאָל, אַז דער ייד איז אין אָרדענונג און געשיקט אין אַרעסט אַ פּאָליציאַנט אים צו באַפֿרייען. שפּעטער איז אָט דער קאָלאָמייער ייד אַנטלאָפֿן קיין רומעניע. היינט לעבט ער מיט זיין משפּחה אין ישראל און מאַכט גוטע געשעפֿטן.

4) אין די ערשטע טעג פֿון אָקטאָבער 1942 האָט מען געכאַפּט אַ גרעסערע צאָל אומלעגאַלע יידן אין געטאָ און אויך אַ גרופּע יידן פֿון טשערנאָוויץ, אַנטלאָפֿענע, וועלכע מ׳האָט פֿון דאָרט צוריקגעשטעלט. די

יידן זענען געזעסן אין אַרעסט און דער קאָמיטעט האָט זיי געשיקט אַהין עסן. זיי האָבן געוואַרט אויף זייער אורטייל. אין אַ געוויסן טאָג לאָזט דער קאָמענדאַנט פון דער אוקראַיִנישער פּאָליציי רופן צו זיך אַ מיטגליד פון קאָמיטעט און דערקלערט אים, אַז ער האָט באַקומען פון די דייטשן אַ באַפעל אויף מאָרגן גאַנץ פרי צוזושטעלן די יידן, וואָס געפינען זיך אין אַרעסט און אַז מען וועט זיי ליקווידירן. נאָר אַזוי ווי ער וויל דאָ העלפן, דערציילט ער, אַז עס איז פאַראַן אַ געהיימער באַפעל ביי די דייטשן, אַז אויב יידן פון די אַרעסטן וועלן פרייוויליק גיין אין געטאָ קיין קאָלאָמיי, דאַרף מען זיי באַפרייען. דערביי אונטערשטרייכט ער, אַז די וואָס וועלן זיך ווענדן צו די דייטשן וועגן באַפרייען די יידן, טאָרן נישט דערציילן, אַז דאָס ווייסט מען פון אים. ווייל דאַן איז זיין קאָפּ און אויך זייערע קעפּ נישט ווערט אַ פּרוטה... מען זאָגט אים צו צו זיין פאָרזיכטיק. צוויי קאָמי־טעט־מיטגלידער האָבן זיך געמאָלדן צו גיין אינטערווענירן. דאָס גיין דעמאָלט איז געווען גלייך צו זעלבסטמאָרד! אָבער עמעצער מוז דאָך גיין.

ווען די צוויי האָבן זיך געמאָלדן צום דייטשישן פּאָליציי־שעף, און זענען צו אים אַריינגערופן געוואָרן, האָבןביידע נישט געקאָנט אַ וואָרט אַרויסרעדן. אויף זיין פראַגע: „וואָס וואָלען די יודן?" איז קיין ענטפער נישט געקומען. ענדלעך האָט איינער זיך געפּאַסט און געזאָגט: „הער אָבערשטורעמפירער, עס איז ביי אינען איין ערלאַס פאָרהאַנדן, דאס די יודן, די זיך אים אַרעסט בעפינדן אונד פרייוויליק נאַך קאָלאָמיי געהען וואָלען, זאָלען פאָם אַרעסט באַפרייט ווערדן". „וואָהער ווייסן זי דאַס?", שרייט ער. „דאַס קאָן איך ניכט זאַגן". „גלייך ווירסט דו שפּרעכן!". ער קלינגט אָן, און עס קומען אַריין צוויי דייטשן. „נעמען זי די יודען און ברינגען זי זי צום רעדן!" די יידן ווייסן וואָס דאָס הייסט. מען נעמט זיי אַריין אין אַ צווייטן צימער און ווי נאָר די דייטשן ווילן זיך נעמען צו דער אַרבעט, קומט ער אַליין אַריין און פרעגט נאָך אַ מאָל „וואָהער ווייסן זי פאָן זאָ איינעם עדלאַס?". זאָגט דער ייד, „דאַס קאָן איך ניכט זאַגן, נור אַלס דייטשער אָפיציר ווערדן זי זיכער די באַפעלע דער העהערן מאַכט רעספּעקטירן". „ביטע באַפרייען זי די יודען פאָם אַרעסט און די ווערדן פרייוויליק אינס געטאָ קאָלאָמיי געהען". אַ שטילקייט הערשט, און פּלוצעם רופט ער צו אַ דייטש און זאָגט צו אים: „וואַכמייסטער וויטשוטעק, גייען זי מיט דעם יודען אינס אַרעסט און אַלע יודען, די אויס קאָסאָוו זינד, געבן זי פריי". די יידן האָבן געדאַנקט און אויפן וועג ביזן אַרעסט האָט מען נאָך מיט

דעם דייטש אָפּגעמאַכט, אַז אַלע יידן אין אַרעסט זענען קאָסעווער. די שמחה פון די פיר און פופציק יידן, וועלכע האָבן שוין געוואַרט אויף זייער אורטייל, איז נישט געווען צו באַשרייבן. אָנשטאָט צום טויט פירט מען זיי אַרויס פריי. אַלע זענען אַוועקגעפירט געוואָרן אין געטאָ. דאָרט האָט מען זיי צוגעטיילט דירות און עסן און באַזאָרגט מיט שוואַרצערס, וועלכע האָבן זיי אַריבערגעפירט איבער דער גרענעץ. אַ טייל פון זיי איז אַוועק קיין רומעניע, קיין אונגאַרן, אַ טייל לעבט אין ישראל און אין אַמעריקע. אַ טייל איז שפּעטער אומגעקומען ביי דער לעצטער ליקווידאַציע פון די יידן אין קאָסעוו.

5) אין אַ בונקער אין הויף פון וואָלף ברונוואַסער האָט די אוקראַי־נישע פּאָליציי געכאַפּט צען יידן. אַ מיטגליד פון קאָמיטעט האָט זיי אויס־געקויפט, און איינער פון זיי לעבט אין ווין; די אַנדערע האָט מען שפּעטער דערהרגעט.

6) אין אַ בונקער אין הויז פון קאָסעווער רבין האָט די אוקראַינער פּאָליציי געכאַפּט פערצן יידן. אַ מיטגליד פון קאָמיטעט האָט זיי אויסגעקויפט און פיר פון זיי לעבן אין ישראל, איינער אין אַרגענטינע און איינער אין דייטשלאַנד.

7) דעם לעצטן טאָג פאַר דער ליקווידאַציע האָט אַ דייטש געכאַפּט צוויי ברידער, וועלכע זענען מיט גרויסע רוקזעק מיט זאַכן געגאַנגען אויף אַ פּלאַץ זיך צו ראַטעווען. אַ מיטגליד פון קאָמיטעט האָט זיי אויסגעקויפט פאַר 2000 זלאָטעס. איינער פון זיי לעבט אין נס ציונה, ישראל.

עד כאן דער באַריכט פון דעם עד־ראיה, ח׳ ברוך ענגלער.

✶

דאָס איז דער קאָשמאַרנער סך־הכל, די „ענדגילטיקע לעזונג" פונעם גורל פון העכער 4000 לעבעדיקע מענטשן:

בערך 2100 אין צוויי גריבער אויפן באַרג;

ביי 700 — דורך דעם קאַלאָמייער געטאָ — אין די גריבער פון שעפּאַראָוויעץ, אָדער מיט די טויטן־באַנען ווייטער;

בערך 600 ביי דער סעפּטעמבער־רעגיסטראַציע;

אַרום 200 אין טאָג פון מאַכן קאָסעוו „יודען ריין".

און דער רעשט, אויב נישט אומגעקומען פון דייטשע און אוקראַינישע מערדער־הענט, האָבן זיך אַליין דאָס לעבן גענומען, זענען געשטאָרבן פון הונגער, נויט, קרענק.

דאָס גרויזאַמע דערנידעריקן די מענטשן — אַ מינוט פאַרן טויט — דורך צווינגען זיי עפנטלעך זיך אויסצוטאָן נאַקעט און דאָס מעכאַנישע, באַנדיטישע אַריינטרייבן יעדן אַ קויל, אויסער די לעבעדיקע אין גרוב אַריינגעוואָרפענע קינדערלעך, — האָבן באַשריבן די עטלעכע געשאָסענע־און־נישט־דערשאָסענע, וועלכע האָבן זיך צייטווייליק אָפּגעראַטעוועט. פון אַ מרחק פון אַ האַלבן קילאָמעטער בערך האָבן זיך דערצו אויך צוגעקוקט מיט פחד און גרויל, צוויי פון אונדזערע פריינד (זלמן גלאַזבערג און ברוך ענגלער).

די הילכיקע טאַנץ־מוזיק, וואָס די מערדער האָבן זיך געלאָזט שפּילן אין מאַרק אַנטקעגן דעם „באַרג״, דעם שחיטה־פּלאַץ, זענען נישט געווען אימשטאַנד צו פאַרהילכן די שיסעריי און די געשרייען פון די געמאָרדעטע.

דאָס גסיסה־כאָרכלען פון אומשולדיקע, זיך שטיקנדיקע, קינדער־לעך האָט געדאַרפט האָבן דעם כוח, ווען שוין נישט די שערי־רחמים אויפצוטרייסלען, איז כאָטש אַ מבול אויף דער מיאוסער וועלט צו ברענגען! אָבער נישט דאָס און נישט יענץ איז געשען.

אונדזערע ברידער אין קאָסעוו האָבן נאָך דער גרויסער הריגה אויפן באַרג נאָך אַלץ נישט געקאָנט גלייבן, אַז איבער 2000 אומשולדיקע, דערהרגעטע מענטשן געפינען זיך אונטער דער דינער שיכט ערד אין די צוויי גריבער אויפן באַרג, ביז זיי האָבן נישט מיט זייערע לאָפּאַטעס אַליין זיך אָנגעשטויסן אויף די נאַקעטע טויטע קערפּערס.

אין שעפּאַראָוויץ ביי קאָלאָמיי, ווו עס זענען אויך דערשייכן געוואָרן יענע קאָסעווער יידן, וועלכע זענען נישט אומגעקומען פריער שוין אין קאָלאָמייער געטאָ פון הונגער, קעלט, קרענק און שמוץ, האָבן די דייטשן באַוויזן צו באַגראָבן אין פינף גריבער — 72.000 יידן! (טוביה פרידמאַן — „באַריכטן“).

פון בעלזשעץ, ווו ווייטערע הונדערטער קאָסעווער יידן זענען אומ־געקומען, פריער פון דערשטיקונג אין די אומבאַשרייבלעך איבערפולטע באַנען אָן אַ טראָפּן וואַסער, אָדער שפּעטער אין די גאַז־קאַמערן, האָט זיך קיין איינאיינציקער נישט אָפּגעראַטעוועט, און דאָס אַש פון אונדזערע ברידער און שוועסטער האָט דאָרט באַמיסטיקט די פעלדער פון די גויים.

*

ווער זענען געווען די קאַסעווער הויפּט־מערדער?

אָנגעפירט מיט דער אַקציע אין גאַנצן קאָלאָמייער קרייז, אַריינ־גערעכנט קאָסעוו און קיטעוו, האָבן:

דער שעף פון דער קרייז־געסטאַפּאָ, פּעטער ליידעריץ און דער שעף פון דער שוץ־פּאָליציי, הערבערט הערטעל.

(ליידעריץ, שפּעטער געכאַפּט, האָט געענדיקט אויף דער תליה אין פּוילן).

אין קאָסעוו האָבן געווילדעוועט:

דער אָפּטיילונג־שעף פון געסטאַפּאָ, פּראָסט, דער געסטאַפּאָ גראָס, דער וואַכמייסטער דענק, (דענק איז דער וואָס האָט אייגנהענטיק דער־שאָסן די אויבנדערמאָנטע דריי יידן אויף דער גאַס), דער געסטאַפּאָ בייער.

ווייטער זענען נאָך דאָ צו דערמאָנען: דער קרייז־קאָמענדאַנט פאָלקמאַן און דער אַרבעטס־לייטער רעבקאָוו.

זאָל אויך געזאָגט ווערן אַ „ימח שמם וזכרם" אויף פאָלגנדיקע אוקראַינער, וואָס האָבן מיט זיי מיטגעאַרבעט:

דער בירגער־מייסטער וויניצקי, וואָס האָט גרויסע פאַרדינסטן פאַרן דערפאָלג פון דער גרויסער הריגה ביי דער ערשטער אַקציע.

די צוויי פרויען־מאָנסטערס, די פרוי פון ד"ר סטעפּוראַק און די אלמנה נאָך ד"ר גאַרדעצקי.

דער קאָמענדאַנט פון דער אוקראַינישער מיליץ — יורקאָ קאָשאַק (אוקראַינישע פּאָליציאַנטן זענען אַגב, געווען די ערשטע, וואָס האָבן נאָך פּאַר די דייטשן געשלאָגן ביז בלוט גדליהו (טאַטקע) שמיט, מאיר גלאַזבערג, יוסף שערף מיט זיין פרוי א. אַ., לויט דעם עד־ראיה גלאַזבערג).

באַזונדערס האָבן געהאָלפן די דייטשן — לויט פריינד גלאַזבערג — די אוקראַינער קיאשטשוק סטעפּאַן, קיאשטשוק יורקאָ, מאַטיטשאַק איוואַן און אַנדערע.

*

אין דעם גרויסן ים פון שנאה פאַרלירן זיך נאַטירלעך, ווי טראָפּנס, די געציילטע גוים, וואָס האָבן געהאָלפן די יידן, איינשטעלנדיק דערביי זייער אייגן לעבן. אַזעלכע זענען געווען:

דער לינק ראַדיקאַלער אַדוואָקאַט בודנאַר, דער אינזש. הנאַטיוק,

אינזש. הוסיאַטינסקי, וואַסיל און אַננאַ לאָפּאַטינסקי, פּעטראָ טימקאָוו, ניקאָלאַי און יוזף טימיאַק און אפשר נאָך עטלעכע.

✶

זייענדיק קאָנצענטרירט אין דעם קליינעם געטאָ אָן אַ שטיקל געווער און אָן אַ מעגלעכקייט אַזעלכעס צו באַקומען, אין אַ סביבה פון לויטער בלוט־שונאים, האָט מען נישט געהאַט קיין שום מעגלעכקייט פון אַן אָרגאַניזירטן ווידערשטאַנד, אָדער מעשי־גבורה פון המונים. געהערט דעריבער דאָפּלט כבוד אַזעלכע מענטשן ווי זיידע פריילעך און ד״ר גאָלד־שטיין פאַר זייער מוט, שטייענדיק פּנים־אל־פּנים מיטן טויט, ווי עס איז אויבן געוואָרן באַשריבן. כבוד אויך דער יונגער פייגע שפּיגל אין זשאַביע פאַר איר אומגעוויינלעך מוטיקן פאַרהאַלטן זיך פאַרן טויט און צוגעבן מוט די אַנדערע.

נאַטירלעך נישט אויף געציילטע בלויז באַשרענקט זיך עס. אַ סך גרעסער איז די צאָל פון אונדזערע ברידער און שוועסטער, וואָס האָבן אין די שרעקלעכסטע מאָמענטן נישט פאַרלוירן דעם צלם־אלוקים און אַרויס־געוויזן מוט און כאַראַקטער. און ווען מיר ווילן היינט אורטיילן איבער זאַכן, וואָס האָבן זיך אָפּגעטאָן אין יענע טראַגישע טעג מוזן מיר זיך באַנוצן מיט באַזונדערע קריטעריען.

אויב אַ מאַמע האָט אין בונקער דערשטיקט איר וויינענדיק פּיצל קינד, איר אייגן בלוט און פלייש, כדי נישט צו פאַראָטן דעם בונקער מיט די מענטשן דרין פאַרן שונא, און אַזעלכעס איז פאָרגעקומען, ווי וועלן מיר דאָס אָנרופן? עס איז דאָך די זעלבע מאַמע, וואָס האָט נישט געקאָנט פריער אַ פליג אויף דער וואַנט אומברענגען! אָך און וויי איז געווען איר נשמה, ווען זי האָט געמוזט פאַרשטאָפּן דאָס לעבעדיקע מיילעכל פון איר קינד! גאָט האָט איר זיכער מוחל געווען, זייען מיר איר אויך מוחל!

נאָר די גאַנץ אויסערגעוויינלעכע אומשטענדן און די גאַנץ אומ־געוויינלעכע צייט האָבן געקאָנט גורם זיין דערצו.

מיט גאַנץ קליינע אויסנאַמען זענען אונדזערע טייערע ברידער און שוועסטער געבליבן מענטשן אין בעסטן זין פון וואָרט, האָבן זיך געטיילט מיטן לעצטן ביסל מעל, געהאָלפן איינער דעם צווייטן באַהאַלטן און דורכהאַלטן און אַזוי געגאַנגען אַנטקעגן דעם אומפאַרמיידלעכן טויט מיט ווירדע, ווער מיט פאַרביסענע ליפּן, ווער מיט אַ גלויביקן שמע־ישראל. אונזער הערשעלע פייער, בשעת מען האָט אים געפירט אַ פאַרבלוטיקטן

צום קבר, האָט — ווי מען דערציילט — יעדעסמאָל אויסגערופן: „איך זאָל זיין אַ כפרה פאַר כל ישראל".

אונדזער טייערער אַברהמציע קרייזל, פאַרשטעקט אין בונקער, אויסגעמאַטערט און אויסגעטרוקנט פון הונגער און קרענק, האָט פאַרן סוף (ער איז געשטאָרבן פון אַ געדערים־קרענק), אויף דער פראַגע, אויב עס קומען דאָך נישט אויף ביי אים עפּעס מחשבות־ספקות, צוזעענדיק וואָס עס טוט זיך, געענטפערט, אַז ניין, אַז זיין אמונה אין דער השגחה איז פול און גאַנץ.

✶

און אַ פּאָר באַמערקונגען צום פּראָבלעם „יודענראַט":

בדרך כלל האָט מען זיך איבערצייגט און אויך געהערט פון מויל פון דעם צורר אייכמאַן אַליין, אַז דער יודענראַט איז געשאַפן געוואָרן ווי איינס פון די מיטלען צו פאַרבלענדן, אָפּנאַרן און אַריינצוכאַפּן דעם קרבן.

עס גייט נישט אַריין אין אונדזער קאָמפּעטענץ צו אורטיילן, צי אין דעם אָדער יענעם יודענראַט זענען איניקע נישט געבליבן אויף דער מאָראַ־לישער הייך, צי עס איז געווען קאָאָפּעראַציע מיט די דייטשן, צי מען האָט דאָרט געדאַרפט אַזוי אָדער אַנדערש האַנדלען. אונדז אינטערעסירט איין זאַך — ווי איז געווען דער קאָמיטעט אין קאָסעוו?

וועלן מיר פון איין זייט אָפּוועגדן די טענות פון די יעניקע, וואָס טראָגן מעכאַניש אַריבער די אַלגעמיינע פראַזן וועגן „קאָאָפּעראַציע" א. אַ. וו., נישט האָבנדיק קיין פאַקטישע באַווייזן פאַר דעם, נאָר באַגניגנדיק זיך דערמיט, וואָס לויט זיי איז „יודענראַט" אידענטיש מיט אַקטיווער „קאָאָפּעראַציע".

זיי צו הילף וועלן קומען די ווינציקע, וואָס זענען אפשר בעוולט געוואָרן, אָדער מיינען, אַז זיי זענען בעוולט געוואָרן דורך וועמען פון קאָמי־טעט, און דערפאַר איז פאַר זיי דער קאָמיטעט כולו־חייב.

פון דער אַנדערער זייט ווידער טאָר מען זיך נישט לאָזן אין גאַנצן באַאיינפלוסן פון די יעניקע, וואָס מיטגלידער פון קאָמיטעט האָבן זיי גע־האָלפן, אָדער דאָס לעבן געראַטעוועט, און זיי זענען דעריבער פול מיט לויב פאַרן קאָמיטעט.

וואָס מיר ווייסן איז, אַז די מיטגלידער פון קאָסעווער קאָמיטעט, אַריינגערעכנט זיין פאָרזיצער, זענען געווען אַלע באַקאַנטע עסקנים מיט אַ לאַנג־יעריקן סטאַזש אין קאָסעווער געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישן לעבן.

ס'איז באַוווּסט אויך, אַז קיין לייכט לעבן אין קאָמיטעט האָבן זיי נישט

געהאַט, ווייל זיי האָבן תמיד געלעבט אין שרעק פאַר די אָפטע באַזוכן פון געסטאַפּאָ־לייט און ווייל דאָס גיין אינטערוועגירן ביי דער געסטאַפּאָ, אָדער דער אוקראַינישער פּאָליציי, איז תמיד געווען פאַרבונדן מיט סכנות־נפשות.

אַזוי האָבן שוין באַלד אין אָנהייב באַצאָלט מיט זייער אייגן לעבן פאַר אַן אינטערווענץ אין געסטאַפּאָ עטלעכע פון די בכבודיקסטע מיט־גלידער פון קאָמיטעט, און פון גאַנצן קאָמיטעט זענען בכלל ניצול געוואָרן נאָר געציילטע מענטשן.

וואָס האָט דער קאָמיטעט געטאָן? האָט ער געטאָן שלעכטס יידן? אויף אָט דער פראַגע האָבן אַלע אויסגעפרעגטע מיר געענטפערט מיט אַן אַבסאָלוטן ניין, און זיי רופן עס אָן אַ געמיינהייט, ווען עמעצער וואַגט אַזוי צו באַהויפּטן.

איז דער קאָמיטעט געווען ניצלעך? האָט ער געהאָלפן יידן? אויף דעם איז די תשובה אויך אַן איינהייטלעכע, כאָטש זי קומט פון פאַרשידענע מענטשן מיט פאַרשידענע טעמפּעראַמענטן און איינשטעלונגען:

זיי האָבן געהאָלפן, אויף וויפל מען האָט בכלל דעמאָלט געקאָנט העלפן.

זיי האָבן, ערשטנס, דורך ענערגישע אינטערווענצן, אָפּגעראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט גרופּן יידן, ווי די גרויסע גרופּע אין קרימינאַל, די קליינע גרופּע מיט דער געקוילעטער בהמה (פריינד אהרן דיסטעלהיים־וואַכטעל איז איינער פון דער גרופּע), און אַ סך יחידים.

זיי האָבן אַריינגעפירט אַן אָרדענונג אין דער צוואַנגס־אַרבעט, אַ ביסל געהאָלפן אין דער באַשפּייזונג פון די אָרעמע אין געטאָ, אין קרי־מינאַל.

האָבן געשטרעבט מיט פאַרשידענע מיטלען צו פאַרגרעסערן דעם קאָנטיגענט „לעגאַלע”, צייטווייליק פאַרשוינטע.

„עס איז געווען אַן אַדרעס וווהין זיך צו ווענדן”, לויט די ווערטער פון פריינד שלמה האַזעלמאַן — „מיט אַלע פּראָבלעמען און צרות”.

וואָס האָט מען דערפון, פרעגט מען נאָך, אויב סיי ווי סיי זענען כמעט אַלע אומגעקומען?

אויב מען האָט מיט עפּעס וואָס די אומגליקלעכע געבראַכט דער־לייכטערונג, אַזוי לאַנג ווי זיי האָבן געלעבט, איז עס אויך כדאי געווען.

און אויב נאָך די אַלע איבערלעבונגען האָט דאָך נאָך ווער טענות צו קאָמיטעט־מיטגלידער פאַר פערזענלעכע עוולות, ווייל איך דאָ אַבסאָלוט

קיינעם נישט ריינוואַשן, נאָר דערמאָנען דעם כלומרשט באַוווּלטן, דעם אַלטן כלל פון „אל תדון את חברך עד שתגיע למקומו״.

✶

דער זון פון ירחמיאל בלעכער פון זשאַביע, דודי, אַ שיינער טייערער בחור פון צוואָנציק יאָר. אין לויף צוזאַמען מיט מיר, האָט ער באַקומען אַ קויל און איז געפאַלן, און איבער זיין קערפּער — אויך איך. געלעגן אַ ביסל און געפילט, אַז איך בין גאַנץ, האָב איך זיך אויפגעהויבן און ווידער גענומען לויפן, בין אַריבער דאָס וואַסער און געלאָפן. פּויערים זענען מיר אַנטקעגן געקומען, אָבער מיך נישט געטשעפּעט. אַזוי בין איך געלאָפן ביז איך האָב זיך געפונען נעבן דעם אוקראַיִנישן יתומים־הויז „אָכראָנקע״.

נישט ווייט פון דאַנען איז דאָס הויז פון דעם פּויער, וווּ מיינע צוויי קינדער ליגן באַהאַלטן. דאָס הויז האָט אַ מאָל געהערט צו אָשר האַזעלמאַן, איצט וווינט דאָ אַ ציגיינער מיטן נאָמען ניקאָליי האַרבאַטשיק מיט זיין ווייב יעלענע, מוטער אַנאַ און שוועסטער פּאַראַסקאַ. ווער ווייס צי מיינע קינדער זענען נאָך דאָ? ניקאָליי ווייסט דאָך, אַז קיין יידן זענען מער אין קאָסעוו נישטאָ, ווייסט אויך, אַז מיך האָט מען געשאָסן, ווייל ער איז געווען זייער אַקטיוו ביים דורכפירן די אַקציעס, האָט צוגענומען די קליידער פון די קרבנות, אַ סך באַגראָבן און נישט קיין קליינעם חלק געהאַט ביים פירן יידן צו דער שחיטה. היינט איז ער באַשטימט געווען אין שטאָט און געזען די לעצטע אַרבעט פון די רוצחים. מיך קען ער גוט, האָט מיך באַשטימט געזען צווישן די יידן, וואָס זענען אַנטלאָפן און מען האָט זיי געשאָסן, איז צו וואָס דאַרף ער האָבן די קינדער, איינס פון פופצן יאָר דאָס צווייטע פון אַכט יאָר, וועלכע איך האָב אים איבערגעגעבן צו באַהאַלטן?

דאָס אַריינגיין איצט אין זיין הויז איז פאַרבונדן מיט די גרעסטע געפאַרן, ווייל צו אים קומען זייער פיל געסט, און פּאָליציי קאָן מען אויך דאָרט טרעפן. אָבער נישט איבערלייגנדיק זיך וואָס איך טו, לויף איך אַריבער דעם שטראָז און בין שוין אין קאָרידאָר. ניקאָליי, וועלכער האָט מיך דער־זען דורכן פענצטער, איז מיר אַנטקעגן געקומען, און זעענדיק ווי איך זע אויס ווילד־איבערגעשראָקן, ענטפערט ער מיר אויף מיין פראַגע: „וווּ זענען די קינדער?״ אַז זיי זענען דאָ. ער פירט מיך אַרויף אויף דעם בוידעם. זיי ליגן דאָ בײדע אויף אַ ביסל שטרוי און וויינען. זיי האָבן געהערט די שיסעריי און זענען געווען זיכער, אַז זיי האָבן שוין קיין טאַטן אויך נישט.

די מאַמע זייערע איז אומגעקומען דעם 7טן סעפּטעמבער 1942.

איצט זענען מיר צוזאַמען און ליגן אויף דעם בוידעם. דעם 10טן נאָוועמבער האָט אָנגעהויבן פאַלן שניי, און ס׳האָט זיך געשטעלט דער ווינטער. ניקאָליי האָט אָנגעהויבן קלערן וועגן אַ באַהעלטעניש פאַר אונדז.

ער האָט אין זיין שלאָף־צימער, אונטערן בעט, אויפגעריסן דריי ברעטער, אויסגעגראָבן אַ גרוב אַ מעטער טיף בערד, 80 צענטימעטער בערך ברייט און 1.80 מעטער די לענג, אַריינגעלייגט אַהער אַ ביסל שטרוי, עטלעכע אַלטע זעק און דעם 12טן נאָוועמבער אונדז אָנגעזאָגט די בשורה, אַז דער קבר איז פאַרטיק, מיר זאָלן אַהין אַריינגיין.

ווען איך האָב זיך אַריינגעלייגט דאָס ערשטע מאָל אין דעם פינצטערן קבר, האָט מיר פאַרפעלט לופט און האָב געפילט, אַז מיר וועלן דערשטיקט. איך האָב אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ און געבעטן ניקאָלייען, ער זאָל מאַכן אַן עפענונג, ס'זאָל אַריין אַ ביסל לופט. דער ענטפער איז געווען: „קיין צווייטן פלאַץ האָב איך נישט, און אויב דו ווילסט נישט, קאָנסטו דיר גיין". איך האָב צוריק אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ, פאַרמאַכט די ברעטער, און אַ שרעקלעכע פינצטערניש האָט אונדז אַרומגענומען. פאַרפאַלן, אַז מען וויל לעבן, מוז מען דאָ ליגן לעבעדיק באַגראָבן.

דערצו איז דער קבר אין אַ שטוב, ווו עס קומען אַריין פאַרשידענע געסט, אַפילו אוקראַיִנישע און דייטשע פּאָליציי, מיט וועלכע ער פירט פאַרשידענע געשעפטן, — טאָר מען דאָך דאָ נישט רעדן. ליגן דריי מענטשן אין אַ קבר, אָן ליכט, אָן לופט, שטום, מיט איין וואָרט — לעבעדיק באַגראָבן. אין אַ ווינקל שטייט אַן עמער פאַר די באַדערפענישן. ווען דער עמער ווערט פול, טראָגט אים ביי נאַכט דער גרויסער זון אַרויס אויסצוגיסן. אין דעם קבר האָט מען געקאָנט נאָר ליגן און אַ ביסל זיצן. פון איין זייט ליג איך מיט מיין קליינעם זון און אַנטקעגן ליגט דער גרויסער. יעדע נאַכט, אַרום זייגער 1, קומט צו ניקאָליי אָדער יעלענע, געבן דעם אָפּגערעדטן צייכן. דעמאָלט מאַך איך פון אינעווייניק אויף אַ ברעט, און ער גיט אַריין דאָס עסן אויף אַ גאַנצן טאָג: אַ שטיק קאַלטע מאַמעליגע, אָדער שטיקלעך ברויט־אָפּפאַל פון זייערע סעודות, אַ טעפּל וואַסער און אַ מאָל וואַרעמע זופּ (גאָלע וואַסער). אין דער פינצטער, נישט רעדנדיק קיין וואָרט, טייל איך איין דאָס עסן, עס זאָל זיין אויף אַ גאַנצן טאָג. דער גרויסער באַקומט מער, ווייל ער ליידט פון הונגער, דער קליינער — ווייניקער, און איך אַליין — כמעט גאָרנישט. אָבער מיך אַרט עס נישט.

אַזוי האָבן מיר אָפּגעלעבט דעם ערשטן חודש. חודש דעצעמבער איז געוואָרן שטאַרק קאַלט. האָט אונדז ניקאָליי אַריינגעגעבן אַן איבערבעט זיך צוצודעקן. נישט געקוקט דערויף וואָס מיר זענען געווען נישט ריין, האָט מען זיך אָנגעהויבן צוצופּאַסן צום נייעם לעבן.

עטלעכע מאָל אין דער וואָך זענען אין דער שטוב פאַרגעקומען הוליאַנקעס. דער באַלעבאָס האָט אַ נעם געטאָן דאָס פידעלע, און ווען ער האָט אָנגעהויבן שפּילן, האָבן פון אַלע זייטן געמען שטראָמען אוקראַינער מיט די ווייבער. נישט איין מאָל זענען געקומען צום טאַנץ אוקראַינישע פּאָליציי און אַפילו ס. ס.־לייט.

די האָר אויף דעם קאָפּ פלעגן זיך שטעלן, ווען זיי פלעגן אָנהייבן זינגען די אַנטיסעמיטישע לידער. קעגן וועמען? קיין יידן זענען שוין דאָך נישטאָ! נאָכן עסן, שוין רעכט שיכור, האָט מען גענומען טאַנצן און צוגעטאַנצט ביזן בעט. אָבער מחמת שיכרות האָבן זיי נישט באַמערקט, אַז אונטער דער פּאָדלאָגע איז הויל.

מיר פלעגן ליגן אין גרויס פּחד און שטענדיק אין אַזאַ אָוונט זיין אָנגעטאָן אין אונדזערע אַלטע שמאַטעס, (די גוטע האָט ניקאָליי צוגענומען און פאַרקויפט), אַז אויב מען וועט אונדז אַנטדעקן, זאָל מען אונדז נישט טרייבן נאַקעט דורך דער שטאָט. פאַרשטייט זיך, אַז קיין עסן פלעגן מיר שוין דעם אָוונט נישט באַקומען, ווייל שטענדיק פלעגט עמעץ בלייבן שלאָפן אין זעלבן צימער; מ׳האָט געמוזט וואַרטן אויף דער צווייטער נאַכט. אָבער נאָר די קינדער האָבן געליטן. אויף מיר האָט דאָס פאַסטן נישט געווירקט.

חודש יאַנואַר 1943. איך באַמערק, אַז ניקאָליי גייט אַרום זייער נערוועז. דאָס עסן איז געוואָרן קנאַפּער און ווערט אַריינגעוואָרפן אין גרוב, נישט ווי ביז איצט. פרעג איך אים: „ניקאָליי, זאָג מיר וואָס איז די סיבה וואָס דו ביסט אַזוי נערוועז?". ענטפערט ער מיר, אַז ס׳האָט זיך ביי אים געענדיקט דאָס עסן און ער האָט נישט מער וואָס אונדז צו געבן. ער ווייסט, זאָגט ער, אַז איך האָב מיינע שכנים, די פּויערים, געגעבן סחורה און קליידער צו באַהאַלטן, זאָל איך אַהין גיין ברענגען די זאַכן, וועט ער זיי פאַרקויפן, קויפן פאַר אונדז עסן און אונדז ווייטער האַלטן. ווען נישט, מוזן מיר גיין. איך בעט אים, ער זאָל פאַרקויפן מיין נייעם אַנצוג, וואָס איז ביי אים, זאָגט ער, אַז ער האָט אים שוין לאַנג פאַרקויפט.

נו, נישטאָ קיין ברירה. דעם 12טן יאַנואַר 1943, אַ נאַכט אַ פינצ־טערע, אין דרויסן ברענט אַ פראָסט, טוט ער מיר אָן אַ פעלץ מיט אַ גרוי־סער קוטשמע און גיט מיר אַ זאַק. איך געזעגן זיך מיט מיינע קינדער און גיי אַוועק.

„ס׳קאָן זיין, אַז איך וועל מער נישט צוריקקומען, דער וועג איז מיט

גרויסע סכנות פֿאַרבונדן, בעט איך דיך, ניקאָליי, זאָלסט מיר אָפּהיטן די קינדער״.

איך גיי מיט אַ שווער געמיט. דער זייגער איז איצט 7 און גיין מעג מען ביז זייגער 9 אין אָוונט. דער וועג איז אַ ווייטער. איך מוז גיין מיט אונטערוועגן, ווייל אויפֿן הויפּטשטראָז פּאַטראָלירן אוקראַיִנישע און דייטשע פּאָליציי; דערקענט מיך עמעץ, בין איך פֿאַרלוירן. וואָס וועט זיין מיט די קינדער? ער וועט זיי דאָך קיין איין טאָג נישט האַלטן. און אפשר איז דאָס טאַקע זיין כוונה? אָבער נישט קיין צייט זיך צו פֿאַר־קלערן, דער הונגער איז שטאַרקער פֿאַר דער שרעק, און איך מוז גיין. דער וועג, וואָס דויערט נאָרמאַל אַ 40 מינוט, דויערט ערשט צוליב דעם אומוועג וואָס איך מאַך, גאַנצע צוויי שעה, און ערשט זייגער 9 קום איך אַריין אין שטוב צו מיין געוועזענעם שכן און פֿריינד, קרעמעניוק. דער מענטש איז תמיד געווען אַ גוטער חבר, אַן אַקטיווער סאָציאַל־דעמאָ־קראַט און אַ יידן־פֿריינד. ער האָט מיר דערלויבט באַהאַלטן ביי אים מיינע סחורות און שטוב־זאַכן, קליידער, וועש, בעטצייג א. אַ. ער דערקענט מיך תיכף, טראָץ מיין פֿאַרקליידונג און מיין באָרד. ער און זיין ווייב צלמען זיך איבער און צעקושן זיך מיט מיר. „איך בין געווען זיכער, אַז דו לעבסט שוין נישט״, זאָגט ער צו מיר, „ווייל זונטיק, ביי דער לעצטער אַקציע האָט מען דיך געשאָסן״. אַזוי האָט מען אים דערציילט. „זיי האָבן שלעכט געשאָסן, זאָג איך, און איך בין געבליבן לעבן״. „וווּ ביסטו באַ־האַלטן״? „אין וואַלד, איך מיט מיינע צוויי קינדער. און איצט, מיין פֿריינד, קום איך צו דיר, זאָלסט מיר העלפֿן. מיר האָבן נישט וואָס צו עסן און זענען כמעט נאַקעט, וויל איך דיך בעטן, זאָלסט מיר עפּעס געבן פֿון מיינע זאַכן״. „הער״, זאָגט ער צו מיר, „דיינע זאַכן האָב איך אַוועקגעגעבן אין דאָרף באַבין, צו אַ פּויער מחמת מורא, די דייטשן זאָלן נישט אַריינקומען און אַלץ צונעמען. דאָ האָב איך גאָרנישט. נאָר אויב דו ווילסט, קום נאָך אַ מאָל מאָנטיק אויף דער נאַכט, די צווייטע וואָך, וועל איך דיר די סחורה צוגרייטן״. „אפשר האָסטו אַ שטיקל ברויט, אָדער מאַמעליגע? מיר גייען אויס פֿאַר הונגער״. „ניין, איך האָב גאָרנישט״. איך געזעגן זיך מיט זיי, זאָג צו מאָנטיק צו קומען און גיי אַוועק אַ צעבראָכענער.

גיין אַהין מאָנטיק טאָר איך נישט, ער איז פֿעיִק צו מעלדן דער פּאָליציי. אַזוי איז אויך געווען. איך האָב געבעטן ניקאָלייען, ער זאָל מאָנטיק גיין אַהין, איז דאָס הויז טאַקע געווען אַרומגערינגלט מיט פּאָליציי.

פֿון דאָרט בין איך אַוועק צו אַ צווייטן שכן און פֿריינד, מיטן נאָמען

באלאהוראק, ביי וועלכן איך האָב אויך געהאַט זאַכן. ווי אַנדערש איז דאָרט געווען די אויפנאַמע. ער, זיין פרוי און איר מוטער האָבן, מיך דערזעענדיק, זיך שטאַרק צעוויינט, זיך מיט מיר צעקושט און נישט געקאָנט אַרויסברענגען קיין וואָרט. ענדלעך פרעגט ער מיך, ווו די קינדער זענען? איך דערצייל אים, אַז מיר געפינען זיך אין אַ וואַלד און הונגערן שטאַרק, ליידן שטאַרק פון קעלט. „דאָס ערשטע זעץ זיך עסן". און שוין איז דער טיש געגרייט מיט הייסער מילך און מיט מאַמעליגע. נאָך דעם מאַכט ער אויף דעם שראַנק און זאָגט: „דאָ זענען דיינע זאַכן, נעם דיר וויפל דו קאָנסט. קאָנסט אויך מיינע זאַכן נעמען, אויב נאָר דו קאָנסט זיך דערמיט ראַטעווען".

ער האָט אין מיין זאַק אַריינגעפּאַקט קליידער, וועש, מאַנטלען, געגעבן מיר צוויי ברויט פאַר די קינדער און ביים געזעגענען מיך געבעטן נאָך אַ מאָל קומען. מיר האָבן זיך צעקושט, און מיט דעם שווערן זאַק אויף די פּלייצעס בין איך אַוועק צוריק. איך בין געגאַנגען מיט אַ גאַנץ אַנדערן וועג און האָב יעדעס מאָל געמוזט זיך פאַרשטעקן הינטער די הייזער, ווייל די פּאַטרולן האָבן מיט זייערע לעמפּלעך אומעטום באַלויכטן דעם וועג. אַזוי בין איך צוגעקומען צו דער בריק, וואָס אויף דער מאָס־קאַלובקע. אָבער די בריק איז געווען באַוואַכט דורך אוקראַ:נישע פּויערים. האָט מיר איינער אַ לייכט געטאָן מיט אַ לעמפּעלע אין די אויגן. דערזעענדיק, אַז איך בין פאַרלוירן, האָב איך זיך צוריקגעצויגן ביז דעם הויז פון חיים גאָלדשמידט. דאָרט בין איך אַריין דורך דעם איינגאַנג אין דעם פריערדיקן געטאָ. דער פּויער איז מיר נאָכגעגאַנגען טריט נאָך טריט, נישט ווויסנדיק, אַז ער האָט פאַר זיך אַ פאַרקליידעטן ייד. ער האָט געוואָלט צונעמען דעם זאַק מיט די זאַכן. לויפנדיק צום אויסגאַנג פון געטאָ, בין איך געפאַלן איבער אַ קאַסטן און זיך שטאַרק צעקלאַפּט. אויך דער פּויער איז איבער אים געפאַלן. אַ צעבלוטיקטער בין איך ווייטער געלאָפן און האָב זיך מיט דעם פּעלץ און זאַק פאַרטשעפּעט אין שטעכענדיקן דראָט; איך האָב נישט געוווּסט, אַז דער געטאָ איז איצט פאַרצוימט מיט דראָטן, כדי די פּויערים זאָלן נישט צעטראָגן די הייזער.

מיט מיינע לעצטע כוחות דריק איך אַראָפּ די דראָטן, וואַרף אַריבער דעם זאַק, שפּרינג אַריבער און לויף ווייטער. ביז איך בין צוגעקומען צום בית־הקברות. דאָרטן בין איך אַריין צווישן די מצבות, האָב זיך אַנידערגעלייגט, ליג אָן כוחות און הער זיך צו אויב עמעצער לויפט נישט נאָך. זיך איבערצייגט, אַז נישט, האָב איך זיך געלאָזט גיין באַרג־אַרויף, כדי

זיך צוצושטעלן צו מיינע באַקאַנטע פּאָליאַקן מיטן נאָמען ראָליעוויטש. אפשר וועלן זיי מיך לאָזן דאָרטן זיין איבער דעם טאָג.

ווען איך בין צוגעקומען צום הויז, האָט אַ הונט אָנגעהויבן אַזוי צו בילן, אַז באַלד וועלן די שכנים אַרויס און מיך כאַפּן אַלס אַ גנב — איך האָב דאָך מיט מיר זאַכן. בין איך צוריק אַרויף אויפן בית־הקברות. ערשט דערזע איך, עס הייבט שוין אָן טאָגן. נו, נישטאָ קיין ברירה. האָב איך זיך געלאָזט גיין באַרג־אַראָפּ, בין צוגעקומען ביז זונדל פּיבערס הויז, אַריבער דאָס וואַסער, געלאָפן מיטן זאַרינעק ביז צו דער „אָכראַנקע" און אַריין צו ניקאָלייען...

אַ שטיקל צייט האָב איך געהאַט רו. ניקאָליי האָט די זאַכן פאַר־קויפט און געגעבן בעסער עסן. מיר זענען ווייטער געלעגן אין קבר און געוואַרט אויף דער באַפרייונג. די הוליאַנקעס אין הויז זענען ווייטער געגאַנגען.

דעם 18טן יאַנואַר, פרייטיק צו נאַכטס, דערהערן מיר אַ שיסעריי. ווער שיסט מען איצט, ווען קיין יידן זענען שוין נישטאָ ?

עפּעס קומט פאָר. דאָס הויז איז נישט ווייט פונעם אַרעסט און פון דאָרט הערט מען עס, דאָס שיסעריי. ווען ניקאָליי האָט אַרום זייגער 1 געבראַכט דאָס עסן, פרעג איך אים. דערציילט ער, אַז אין קיטעוו זענען אין אַ בונקער געווען באַהאַלטן פופצן יידן, צווישן זיי די משפחות פון ד״ר באַרטעל, זיידע מאַנדעל, ד״ר מנשה מאַנדעל. אין איינעם אָן אָוונט איז ד״ר מאַנדעל אַרויס, צו כאַפּן אַ ביסל לופט, האָט אים אַ פויער דער־קענט, אים נאָכגעשפּיאָנירט, און געבראַכט פּאָליציי. מ׳האָט די יידן אַרויס־גענומען און געבראַכט קיין קאָסעוו. דאָרט האָבן די דייטשן באַשטימט דורכצופירן די עקזעקוציע פרייטיק צו־נאַכטס. זיי האָבן דורך פּלאַקאַטן צו וויסן געטאָן די באַפעלקערונג, זי זאָל קומען זיך צוקוקן צום ספּעק־טאַקל. מאַסן פויערים האָבן זיך פאַרזאַמלט אין הויף פון אַרעסט, מען האָט אַרויסגעפירט די יידן, נאַקעט האָט זיך איינער געמוזט לייגן אויפן צווייטן, און אַזוי האָט מען זיי צעשאָסן. דעם פּאָליאַק, וואָס האָט זיי אויסבאַהאַלטן, האָט מען אַוועקגעפירט קיין קאָלאָמיי אין אַרעסט, נאָר ער איז פון דאָרט אַנטלאָפן און האָט זיך אויסבאַהאַלטן.

ענדע יאַנואַר. אין הויז פון מענדל מארמאראש ז״ל, איז געווען אַ בונקער, אַ גוט פאַרמאַסקירטער. דאָרט זענען געלעגן באַהאַלטן יענקל ערנסט, זיין זון לייבציע מיט אַ קינד, זיין טאָכטער גוסטאַ, יהושע בילער מיט דער פרוי א. אַ. צוזאַמען עלף מענטשן. באַזאָרגט מיט עסן האָט זיי

יוזעק גענסיעצקי, אַ פּאָליציאַנט, נאָר שפּעטער האָט ער אַליין געבראַכט פּאָליציי און זיי איבערגעגעבן. מ׳האָט זיי אַלע געשאָסן.

נתן פייגער מיט זיין משפּחה זענען געווען באַהאַלטן ביי זיינעם אַ באַקאַנטן פּויער, וועמען ער האָט אַוועקגעגעבן אַ גרויס פאַרמעגן. ער האָט זיי איבערגעליפערט, און מען האָט זיי געשאָסן.

נאָך אַ בונקער איז געווען אין געטאָ. דאָרט זענען געווען באַהאַלטן הערש ערנסט מיט זיין פרוי חוה און צוויי קינדער, ישראל העניש מיט משפּחה — פיר מענטשן, און אַנדערע. דער אַריינגאַנג איז געווען דורך דעם הויפּט־קוימען און האָט אַריינגעפירט אין אַ קעלער פון משה האַזנ־פּראַץ. פון דאָרט איז געווען אַן אויסגאַנג צו דער שטאָטישער קאַנאַליזאַציע. אין בונקער איז געווען ליכט, וואַסער און עסן. איין מאָל איז דער זון פון ערנסט, יאָסל, אַרויס פון דאָרט, אַ פּויער האָט אים נאָכגעשפּיאָנירט און געבראַכט פּאָליציי. די פּאָליציי האָט זיך געשראָקן אַריינצוגיין אין דעם בונ־קער, האָבן זיי אַריינגעוואָרפן האַנט־גראַנאַטן. זענען די יידן פון דאָרט אַריין אין די קאַנאַלן. האָט די פּאָליציי אַריינגעוואָרפן אין די קאַנאַלן גאַז־גראַ־נאַטן, און אַלע יידן זענען דערשטיקט געוואָרן.

די אַלע געשעענישן האָט מיר איבערגעגעבן ניקאָליי. גענוי ווען דאָס איז געשען, ווייס איך נישט, יעדנפאַלס אין ווינטער 1942 אויף 1943.

נאָך אַ גוטער בונקער איז געווען אין שולעכל פון מזרחי. דאָרט האָט זיך אויסבאַהאַלטן די משפּחה פון איציק שאולס, א. אַ. פּויערים האָבן אים אויפגעדעקט, און די יידן האָט מען באַלד געשאָסן.

אין פעברואַר האָט מען געפונען דעם טויטן קערפּער פון ישראל פוקס. ער איז געווען באַהאַלטן ביי אַ פּויער. יענער האָט אים וואַרשיינלעך אַליין דערמאָרדעט און זיין קערפּער אַוועקגעשלעפּט אין וואַלד, וווּ פּויערים האָבן אים געפונען.

ענדע פעברואַר. ניקאָליי איז ווידער נערוועז, און ווידער די זעלבע שפּיל: ער האָט נישט קיין עסן פאַר אונדז. איך זאָל גיין ברענגען זאַכן. ווידער בין איך אַרויס פונעם קבר. דאָס מאָל בין איך געגאַנגען צו אַ שכן, אַ פּאָליאַק, פּעטראָוויטש, מיינער אַ פריינד. ער האָט מיר געגעבן זיינע און אירע קליידער, ברויט, עפּל און געבעטן נאָך אַ מאָל קומען. ווען איך האָב דאָס ניקאָלייען געבראַכט, איז געוואָרן ווידער גוט.

איצט איז געווען שטיל ביז דעם 26טן מערץ 1943. יעם טאָג קומט ניקאָליי און ברענגט מיר אַ בשורה, אַז אין דאָרף קובאַקי האָט מען אַנטדעקט אַ בונקער מיט זעקס און צוואנציק יידן. מ׳האָט זיי געבראַכט

קיין קאָסעוו. צווישן די יידן זענען געווען אונדזער פריינד מענדל שיינ־פעלד מיט זיין פרוי און פיר קינדער, מענדל שערף און פרוי, משולם שאַלער און פאַמיליע, אָקסנבערג א. אַ.

ווי אַזוי איז דער בונקער אַנטדעקט געוואָרן? אין יאָר 1938 איז קיין קאָסעוו געקומען אַ יונגער־מאַן, וואָס האָט גערעדט דייטש און אָנ־געגעבן זיין נאָמען לעאָן פירטעל. ער האָט געשפּילט די ראָל פון אַ פרומען ייד, געגאַנגען דאַווענען, געלייגט תפילין און פאַרקערט אין ייִדישע קרייזן. אַזוי ווי ביי אונדז איז געווען אַנטוויקלט די קילים־אינדוסטרי, האָט ער זיך אויסגעלערנט אַרבעטן קילימעס און פאַרדינט. שפּעטער האָט ער זיך פאַרליבט אין אַ יידיש מיידל און מיט איר חתונה־געהאַט. זיי האָבן ביידע געאַרבעט, פאַרדינט און געמאַכט אַ לעבן.

ווען די דייטשן זענען געקומען, איז תיכף געווען צו באַמערקן אַ פאַרענדערונג אין זיין אויפפירונג. ער האָט אין געהיים אַרויסגעפּאָדערט פון ווין זיינע קריסטלעכע פּאַפּירן און אַלס קריסט און דייטש זיך גע־מאָלדן ביי די דייטשע מאַכט־אָרגאַנען. זיי האָבן אים פריינדלעך אויפ־גענומען און געמאַכט פאַר דעם לייטער פון שטאָטישן עלעקטריציטעט־ווערק. ער האָט באַלד אַוועקגעוואָרפן זיין יידישע פרוי און זיך אַרויס־געוויזן פאַר אַ שונא־ישראל.

מיט אַ צייט שפּעטער האָט ער אָנגעהויבן נאָכגיין דער שיינער טאָכטער פון מענדל שיינפעלד, חיהלע. איר צוגעזאָגט, אַז אויב זי וועט צו אים גיין, וועט ער זי אויסבאַהאַלטן און ראַטעווען. זי איז צו אים נישט געגאַנגען, מען האָט נישט צוגעלאָזט דערצו, און איז אַוועק מיט אירע עלטערן אין בונקער. אָבער זי האָט אים פאַרטרויט ווו דער בונקער געפינט זיך, און יעדע וואָך פלעגט ער אַהין קומען און איר ברענגען מתנות און עסן. אין אַ צייט אַרום האָבן די דייטשן אים נאָכגעשפּיאָנירט, און בעת איינעם אַזאַ באַזוך האָט ער זיך פלוצעם דערזען אַרומגערינגלט פון פּאָליציי. ער האָט געפּרוווט אַנטלויפן, נאָר אַ קויל פון אַ פּאָליציאַנט האָט אַ סוף געמאַכט צו זיין לעבן. די זעקס און צוואַנציק יידן פון דעם בונקער האָט מען מיט שליטנס געבראַכט קיין קאָסעוו און גלייך געפירט אויפן בית־הקברות. דעם טאָג איז געווען אַ שטאַרקער פראָסט. און די אומגליקלעכע האָבן געמוזט אַליין פאַר זיך גראָבן אַ קבר, זיך אויסטאָן נאַקעט, און אַזוי האָט מען זיי צעשאָסן.

דאָס בלוט אין די אָדערן פלעגט פאַרקילט ווערן, הערנדיק די ביטערע בשורות, טראַכטנדיק, אַז אויך אונדז דערוואַרט דער זעלבער גורל.

ס'איז אָנגעקומען דער זומער, און מיט אים נייע גרויסע צרות. דאָס עסן איז מיט יעדן טאָג געוואָרן קנאַפּער, און דער הונגער גרעסער. אויך דער דורשט איז געוואָרן גרעסער, ווייל ניקאָליי האָט מער ווי דאָס טעפּל וואַסער נישט געגעבן. אַרויסגיין עפּעס ברענגען איז געווען אומ־מעגלעך. דאָס ליגן אין קבר איז מיט יעדן טאָג געוואָרן אומדערטרעג־לעכער. די היץ איז געווען שרעקלעך. מיר זענען געלעגן גאַנץ נאַקעט און אונדזערע קערפּערס, די אויסגעטרוקנטע, זענען געווען שוואַרץ פון לייז און פליי. מיר האָבן זיי געשאַרט פון זיך מיט די הענט, נאָר זיי זענען געוואָרן אַלץ מערער. מיליאַרדן זענען זיי געווען און אונדז געפרעסן. מיר זענען געווען באַוואַקסן ווי ווילדע חיות. דערצו זענען נאָך די באַזוכן ביי ניקאָלייען געוואָרן אָפטערער. פּויערים און פּאָליציי פלעגן קומען און טייל פון זיי בלייבן נעכטיקן אין דעם צימער און אין דעם בעט איבער אונדזער קבר. דאַרף מען ליגן און זיך נישט רירן, נישט שלאָפן, ווייל דער קלענסטער שאָרך קאָן פאַרראַטן. פון באַקומען אין אַזאַ נאַכט עפּעס צו עסן איז שוין אָפּגערעדט.

ס'איז געווען אַ פאַל, אַז אַ פּויער, איז געבליבן נעכטיקן און ער מיט זיין פרוי זענען געשלאָפן אין דעם בעט. אין דער פרי, ווען ער האָט אָנגעטאָן די שטיוול, האָט ער גענומען מיט זיי קלאַפּן אין די ברעטער אונטערן בעט. ס'קאָן זיין, אַז ער האָט ביינאַכט געהערט אַ שאָרך אונטערן בעט. אין דעם מאָמענט איז ניקאָליי אַריינגעקומען און אים געשטערט. אַ נישט וואָלט ער אונדז געווען אַנטדעקט און ס'וואָלט געווען מיט אונדז געענדיקט.

איין מאָל ביי נאַכט, בשעת ניקאָליי האָט אונדז געבראַכט דאָס עסן, טוט ער מיר אַ פרעג: „ווייסט עמעצער פון די יידן, וואָס זענען ערגעץ באַהאַלטן, אַז דו געפינסט זיך ביי מיר?". איך האָב מיך באַלד אָנגעשטויסן זיין מיין, און ענטפער אים, אַז קיין שום ייד ווייסט נישט וועגן דעם, אויסער איינעם, וואָס איז אַנטלאָפן קיין רומעניע. נאָך דעם זאָגט ער מיר, אַזוי ווי עס דערנענטערט זיך דער גרויסער יום־טוב זייערער, „איוואַנע", ווען טויזנטער פּויערים זענען עולה־רגל קיין קאָסעוו און אויך ער וועט האָבן פיל געסט, וויל ער, מיר זאָלן איצט אַרויסגיין פון קבר און אַרויפ־גיין אויף עטלעכע טעג אויף דעם בוידעם, וווהין ער וועט קאָנען ברענגען אונדז עסן; כאָטש די סכנה איז אויפן בוידעם פיל גרעסער, אָבער דער געדאַנק, אַז מיר וועלן עטלעכע טעג אָטעמען אַ ביסל לופט און זען אַ ביסל זון, האָט אויף מיר אַזוי געווירקט, אַז איך האָב תיכף מסכים געווען.

זענען מיר אַרויף אויף דעם בוידעם. איך האָב געבעטן ניקאָלייען, ער זאָל מיר געבן דריי שטריק, אַז טאָמער וועל איך זען, די געפאַר איז גרויס, זאָלן מיר אַליין קאָנען מאַכן אַ סוף צו אונדזער לעבן און נישט אַריינפאַלן אין די הענט פון די רוצחים, וואָס וועלן אונדז פייניקן, מיר זאָלן דערציילן ווו נאָך עס זענען באַהאַלטן יידן. ניקאָליי האָט מיר געבראַכט די דריי שטריק.

דער וועג אויף דעם בוידעם האָט געפירט דורך אַ קאַמער, ווו ס׳איז געשטאַנען אַ לייטער אַרויפצוקריכן. די טיר פון דער קאַמער איז געווען פאַרשלאָסן מיט אַ שליסל. דאָרט איז געווען אַ ביסל שטרוי און איך האָב געמאַכט אַ געלעגער. ניקאָליי האָט געבראַכט עסן. ווען עס איז טאָג געוואָרן, האָבן מיר זיך גענומען אַ ביסל אַרומרייניקן פון דעם אומפלייט.

נאָך מיטאָג האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען געסט, פּויערים מיט זייערע משפחות, מיט פּעק, פאָרנדיק, רייטנדיק, און צופוס און האָבן געמאַכט אַ גרויסן רעש. גלייך האָט מען אָנגעהויבן עסן און טרינקען, די פידלען האָבן אָנגעהויבן שפּילן, די פיס — טאַנצן, און ווילדע שיכורע קולות האָבן פאַרהילכט די גאַס. אַזוי ביז שפּעט אין דער נאַכט.

דעם צווייטן טאָג, ווען דער עולם איז צוריקגעקומען פון קלויס־טער, האָט די הוליאַנקע ווידער זיך אָנגעהויבן, נאָך מיט מער רעש און געפּילדער. די געמיטער האָבן זיך טאַקע צעקאָכט, און אין מיטן טאַנצן איז פּלוצלונג אויסגעבראָכן אַ געקריגערײַ צווישן יעלענע און פּאַראַסקאַ. ס׳איז דאָרט געווען אַ יונגער, שיינער, פּאָליציאַנט, און זיי ביידע האָבן געוואָלט מיט אים טאַנצן. אָבער אַזוי ווי ביידע מיט אַ מאָל קאָן מען נישט, האָט מען זיך אָנגעהויבן קריגן, זידלען איינע די אַנדערע, און יעלענע האָט פּאַראַסקען אַראָפּגעלאָזט אַ פּאַטש. האָבן אָנגעהויבן פליען פּעטש. פּלוצעם טוט פּאַראַסקע אַ זאָג צו יעלענען: „וואַרט איך וועל דיר באַלד ווייזן”, און לאָזט זיך לויפן אין דער ריכטונג פון דער דייטשער פּאָליציי. פּויערים מישן זיך אַריין, ווילן זי צוריקהאַלטן, זיי ווילן נישט, דייטשן זאָלן זיך אַריינמישן אין זייערע סכסוכים. דער שיינער פּאָליציאַנט וויל זי שלאָגן, אָבער די פּויערים לאָזן נישט צו, און עס קומט פאָר צווישן אים און זיי אַ רייסעניש ביי דער טיר, וואָס פירט אויפן בוידעם. איך הער ווי מען רייסט די טיר און מיר קומט פאָר, אַז ס׳איז דאָס קול פון אַ פּאָליציאַנט, וואָס וויל זיך אַרויפבאַקומען צו אונדז. איך לויף צו און שלעפּ אַרויף די לייטער אויפן בוידעם, זאָל אים כאָטש נישט אַזוי לייכט

אָנקומען; איך וויל געווינען אַ ביסל צייט. דורך אַ שפּאַרע אין דער „פייער־וואַנט“, געמאַכט פון ברעטער, זע איך ווי פּאַראַסקע לויפט אין דער ריכטונג פון די דייטשן, און ניקאָליי מיט יעלענען אַנטלויפן מיט פּעקלעך אין די הענט פון דעם הויז. די פידלען שפּילן נישט, די פּויערים דרייען זיך אַרום פאַרן הויז. איך ווייס, אַז אונדזערע מינוטן זענען געציילטע. פּאַראַסקאַ וועט ברענגען פּאָליציי.

איך האָב אין קורצע ווערטער דערקלערט די קינדער די לאַגע: אונדז איז געבליבן צום לעבן נאָך מינוטן. איך וויל נישט, מיר זאָלן אַריינפאַלן אין די הענט פון די דייטשן. וועל איך מיט אַ שטיק אייזן, וואָס איך האָב געפונען דאָ, אָפּרייסן צוויי־דריי ברעטער פון דער פייערוואַנט, און מיר וועלן אַראָפּשפּרינגען אין גאָרטן פון פּעטראָוויטש, איך — דער ערשטער, נאָך מיר דער קליינער, גדעון און צולעצט דער גרויסער זון, אשר. מיר וועלן לויפן, און די דייטשן וועלן אונדז פון הינטן דערשיסן. זיי זענען מסכים, און איך נעם מיט מיינע שוואַכע כוחות רייסן די ברעטער. פּאַמעלעך האָבן די ברעטער נאָכגעגעבן. איך האָב אַפילו נישט קיין טראַכט געטאָן, אַז פון שטראָז קאָנען די פּויערים באַמערקן מיין אַרבעט. איך האָב צוגעשפּאַרט די ברעטער, און מיר וואַרטן. מיט אַ מאָל דערזע איך דורך אַ שפּאַרע, ווי אַ פּאָליציאַנט, אַ שוואַר־באַוואָפנטער, פאָרט אויף אַ ראָווער מיט אַ שנעלן טעמפּאָ גלייך אין דער ריכטונג פון דעם הויז. ער בלייבט שטיין, שפּרינגט אַראָפּ און לויפט אַריין.

איצט איז פאַר מיר קלאָר, אַז דער פּאָליציאַנט איז געקומען אונדז נעמען. נעם איך אַ גרויסן נאָגל און קריץ אויס אויף אַ באָנטע (אַ געהילץ פון בוידעם), פאָלגנדע ווערטער: „פּה נהרגו שלושה יהודים: ברוך, אשר וגדעון אנגלר“, קלערנדיק אפשר וועט אַ מאָל, נאָך דער מלחמה פאַרבלאָנדזשען אַהער אַ ייד און וועט באַמערקן די אויפשריפט, וועט ער פאָדערן נקמה פאַר אונדז. איך האָב זיך צעקושט מיט די קינדער, אַוועקגעזעצט און געוואַרט. אָבער עס איז שטיל, און קיינער קומט נישט. קיין עסן האָבן מיר נישט, קיין טראָפּן וואַסער אויך נישט. די היץ איז שרעקלעך, די צונגען קלעפּן זיך צו צום גומען. אונטן הערט מען ווידער שפּילן און טאַנצן, און עס ווערט נאַכט. שפּעט ביי נאַכט זענען אַ טייל פּויערים אַוועק, און אַ טייל געבליבן דאָ שלאָפן.

ערשט אויפן דריטן טאָג, נאָך מיטאָג, איז ניקאָליי צוריקגעקומען. ער מאַכט אויף די טיר און דערזעט די לייטער איז נישטאָ. רופט ער מיך ביים נאָמען. האָב איך די לייטער אַראָפּגעלאָזט און ער איז אַרויף־

געקומען. ער איז געווען זיכער, אַז אָדער מיר זענען פון הונגער און שרעק געשטאָרבן, אָדער מען האָט אונדז געכאַפּט. איז אַוועק, געבראַכט עסן און דערציילט, אַז זיין שוועסטער איז שוין געווען אויפן שוועל פון דער דייטשער פּאָליציי, אונדז צו מסרן, אָבער אויס רחמנות אויף די קינדער האָט זי עס נישט געטאָן; דער פּאָליציאַנט איז דעמאָלט געקומען טרינקען און טאַנצן, און אונדזער שרעק איז געווען אַן אומזיסטע.

„ס׳איז געשען אויך אַ גרויסער נס", זאָגט ער, „איצט גייט שוין אַראָפּ אין גרוב".

געפינען מיר זיך ווידער אין קבר. דאָס עסן וואָס ניקאָליי האָט איצט געגעבן האָט קוים געקלעקט פאַר די קינדער. איך אַליין האָב דערפון כמעט נישט פאַרזוכט. וואָס זשע וועט זיין ווייטער?

כדי נישט צו פאַרגעסן דאָס רעדן, האָב איך אָנגעהויבן צו די קינדער צו שעפּטשען, לערנען זיי אויסנווייניק דאַווענען און פאַרשידענע לידער.

די צייט גייט פּאַמעלעך, און די לאַגע ווערט ערגער. די דייטשן מאַכן אָפּט „ראַציעס" און כאַפּן פּויערים צו דער אַרבעט קיין דייטשלאַנד. דעמאָלט פלעגט יעלענע אַריינשפּרינגען צו אונדז אין קבר און ליגן אַזוי לאַנג ביז די „ראַציע" האָט זיך געענדיקט. ניקאָליי האָט זיך מיט כריין געמאַכט ווונדן אויףביידע פיס און אַזוי יעדעס מאָל אויסגעדרייט זיך פון זייערע הענט.

איין מאָל איז געקומען צו פאָרן יעלענעס אַ טאָכטער פון איר ערשטן מאַן, אַ שיקסע פון אַ יאָר 18, און דאָ געבליבן וווינען. זיי האָבן זיך פאַר איר געהיט און נישט דערציילט וועגן אונדז, אָבער זי האָט באַמערקט, אַז ביי נאַכט טראָגט מען עסן צום בעט. זי איז דעמאָלט צו־געשטאַנען צו זיי, זיי האָבן איר געמוזט דערציילן וועגן אונדז און אויפ־געקלערט, אַז זי דאַרף שווייגן, ווייל דאָס קאָן אַלעמען קאָסטן דאָס לעבן. נאָך דעם איז געקומען אַ שייגעץ פון אַ יאָר 15, ניקאָלייס אַ ברודערס אַ זון, און אויך אים האָט מען אויסגעזאָגט דעם סוד. די סכנה האָט זיך פאַרגרעסערט.

איין מאָל אין אַ זונטיק, זענען ניקאָליי מיט יעלענען אַוועק אין קלויסטער, און די שיקסע האָט איינגעלאַדן אַהער חברים און חברטעס. מען האָט געזונגען און געטאַנצט אין דעם צימער ווו מיר זענען. די קינדער האָבן גראָד געכאַפּט אַ שלאָף, און דער קליינער האָט פּלוצעם אָנגעהויבן שרייען: ער האָט געחלומט, אַז פּאָליציי איז געקומען און מען

פירט אונדז שיסן. זייענדיק זיכער אַז מ'האָט אויבן דערהערט דאָס געשריי און באַלד וועט מען וועגן דעם צו וויסן טאָן, האָבן מיר אָנגעטאָן אונדזערע שמאַטעס און געוואַרט אויף דער פּאָליציי; אָבער אויך דאָס מאָל איז די זאַך אַריבער בשלום. זיי האָבן פאַרזיכערט, אַז דער רעש בײַ זיי איז געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט גדעונס געשריי נישט געהערט.

ניקאָליי האָט ווידער אָנגעהויבן ברענגען ידיעות וועגן כאַפּן יידן אין פאַרשידענע באַהעלטענישן.

אין איינעם אַ טאָג האָט מען געבראַכט מענדיסיע העלפער. די דייטשן האָבן אים שטאַרק געפּייניקט, ער זאָל דערציילן ווו די יידן זענען באַהאַלטן און אויסגעבן די פּויערים וואָס האָבן אים באַהאַלטן. ער האָט אָבער גאָרנישט דערציילט, האָבן זיי אים געשאָסן.

אין עטלעכע טעג שפּעטער האָט מען געכאַפּט אין כאָמטשינער וואַלד פיר יידן, צווישן זיי אַברהם שטיינער, דעם קצב, מיט זיין פרוי. זיי האָבן געמוזט אַליין גראָבן פאַר זיך אַ קבר, און מען האָט זיי דערשאָסן.

מען האָט געכאַפּט וואָלף ברונוואַסער (שלמה הודקעס אײדעם). ער איז געווען אַ שטאַרקער מאַן. די דייטשן האָבן אים אָנגעטאָן אַ קייט אויפן האַלדז, אַ דייטש האָט אים געפירט ביי דער קייט, און ברונוואַסער האָט געמוזט לויפן אויף אַלע פיר און בילן ווי אַ הונט, אַזוי דורך דער שטאָט און צוריק ביז צום בית־עולם. דאָרט האָט ער אויסגעגראָבן אַ קבר פאַר זיך, און מען האָט אים געשאָסן.

צוויי טעג שפּעטער האָט מען געבראַכט צו די דייטשן אַ יונג, שיין מיידל, אַן אייניקל פון רפאל „שעשורער". מען האָט זי גלייך אַרויסגעפירט אַרבעטן אין גאָרטן. אויפן צווייטן טאָג פירט זי אַ דייטש אַריין אין הויז און באַפעלט איר אויסוויישן אַלע צימערן. ער שטעלט אַנידער צוויי בענקלעך, לייגט אַרויף אויף זיי אַ ברעט און הייסט איר אַרויפקריכן. זי האָט נישט געוואָלט אַרויפגיין. אויף זיין פראַגע, פאַר וואָס? ענטפערט זי, אַז זי קאָן צעברעכן אַ האַנט אָדער אַ פוס. „דומעס מיידל, — זאָגט ער צו איר — איך דאַרף דיך דאָך באַלד דערשיסן, האָסטו אַנגסט פאַר צעברעכן אַ האַנט?". ענטפערט זי, אַז שיסן — יאָ, אָבער צעברעכן אַ האַנט אָדער פוס — נישט. האָט ער אַנידערגעשטעלט אַ טיש, און זי האָט גענומען קאַלעכן. פּלוצלונג דערזעט ער, אַז פונעם חזירים־שטאַל גייט אויף אַ פלאַם. ער לויפט אַרויס, און העלפט אַרויסטרייבן די חזירים און קומט אין עטלעכע מינוט אַרום צוריק. דאָס מיידל איז נישטאָ. זי האָט אויסגענוצט דעם מאָמענט וואָס ער איז אַוועק, אויפגעמאַכט דאָס פענצטער

און אַרויסגעשפּרונגען. זי איז אַוועק צו אַ פּויער און דאָרט געווען ביז נאָך דער מלחמה; זי איז איצט אין ישׂראל.

ס׳זענען געווען שמועות, אַז דער שייגעץ וואָס האָט געאַרבעט אין שטאַל ביי די חזירים האָט בכוונה געמאַכט די שׂריפה, כּדי איר צו געבן אַ שאַנס זיך צו ראַטעווען.

איין מאָל האָבן די דייטשן געכאַפּט אַ ייִנגעלע פון אַ יאָר צוועלף פון קוטי, זיי האָבן דאָס קינד געשלאָגן, געפּייניקט, צעבראָכן די הענט־לעך און פיסלעך, עס זאָל דערציילן ווו עס איז געווען. אָבער דאָס קינד האָט נישט אויסגעזאָגט. האָבן זיי עס געשאָסן.

אָקטאָבער 1943. ניקאָליי קומט צום גרוב און דערציילט, אַז מ׳האָט געבראַכט שמואל ענגלער, מיינס אַ קרוב. ער און זיין ברודער מרדכי זענען געווען באַהאַלטן ביי אַ פּויער אויף מאָסקאַלובקע אין אַ בונקער. ס׳איז זיי דאָרט געווען נישט שלעכט, האָבן געהאַט צו עסן. אָבער ס׳איז זיי נמאס געוואָרן דאָס ליגן דאָרטן, האָבן זיי באַשלאָסן צו שוואַרצן די גרענעץ קיין רומעניע. אַזוי ווי קיין געלט צו באַצאָלן אַ שוואַרצער האָבן זיי נישט געהאַט, זענען זיי אַליין געגאַנגען ביז צום טשערעמאָש און געפּרוווט אַריבערגיין דאָס וואַסער. אָנגעטראָפן אויף אַ טיפער שטעלע אין וואַסער, האָבן זיי, ווי גוטע שווימערס זיך געלאָזט שווימען. דער יונגערער, מרדכי, איז אַריבערגעשווומען אויף דער רומענישער זייט. האָבן אים אָבער פּויערים געכאַפּט און איבערגעגעבן דער רומענישער פּאָליציי, וועלכע האָט אים געבראַכט קיין טשערנאָוויץ. די ייִדן האָבן אים אַרויסבאַקומען פון זייערע הענט. ער איז געבליבן לעבן און געפינט זיך היינט אין ישׂראל. דער עלטערער, שמואל, האָט זיך צוגעשלאָגן צו אַ ברעג לעבן קיטעוו. פּויערים האָבן אים געכאַפּט און איבערגעגעבן דער פּאָליציי, וועלכע האָט אים איינגעזעצט אין קרימינאַל. אין דער צעלע האָט ער זיך געפּרוווט אויפהענגען, אָבער אַ פּאָליציאַנט האָט עס באַ־מערקט און אים אַראָפּגענומען. אויפן צווייטן טאָג האָט מען אים געבראַכט קיין קאָסעוו און איבערגעגעבן די דייטשן. זיי האָבן אים געפּייניקט, געשלאָגן מערדערלעך, ער זאָל עפּעס דערציילן, אָבער אומזיסט, ער האָט נישט גערעדט. דאַן האָט מען דורך פּלאַקאַטן געגעבן צו וויסן די פּויערים צו קומען דעם און דעם טאָג זען אַ ספּעקטאַקל. מען האָט אים אַרויס־געפירט און אין קעגנוואַרט פון הונדערטער פּויערים אָנגערייצט אויף אים פיר הינט. די הינט האָבן אים צעריסן ממש אויף שטיקער, און דעם קערפּער, וואָס האָט זיך נאָך געלעבט, אַריינגעוואָרפן אין אַ צעלע. אויפן

צווייטן טאָג, ווען מען איז געקומען אים נעמען צו באַגראָבן, האָט מען אים געטראָפן הענגען איבערן בעט. דער קדוש ליגט אויפן קאָסעווער בית־עולם. הי״ד.

ענדע אָקטאָבער האָט מען אין דער בעקעריי פון פרוי ריפּטיק געכאַפּט ישעיהו געלטנער. איר זון, וועלכער האָט געוווינט אין לעמ־בערג, איז געקומען צו איר אין גאַסט, האָט אויפן בוידעם געפונען דעם ייד און אים באַלד איבערגעגעבן דער פּאָליציי. מען האָט אים געפּייניקט, ער זאָל אויסגעבן ווו נאָך יידן ליגן באַהאַלטן. אָבער מען האָט פון אים גאָרנישט געקאָנט אַרויסבאַקומען. ער האָט זיי געגעבן אייניקע אַדרעסן, אויף וועלכע זיי האָבן נאַטירלעך קיין איין ייד נישט געפונען. דערוויייל האָבן זיי אים נישט געשאָסן.

אין מיטן נאָוועמבער האָט מען ביי אַ פויער געכאַפּט שמשון פויגל, זיינע צוויי טעכטער מיט אַ קינד.

איין מאָל קומט ניקאָליי און זאָגט, אַז מיר מוזן אַרויס פון גרוב און אַרויף אויף דעם בוידעם, ווייל ער דאַרף דעם גרוב צוגרייטן צום ווינטער. אָבער ער האָט דערביי געהאַט אַנדערע כוונות. עסן האָט ער געגעבן איין מאָל אין צוויי טעג און איז שטענדיק אַרומגעגאַנגען ברוגז. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָ גייט עס שוין צו אַ סוף, און מיר דאַרפן זיין גרייט. מיר ליגן שוין אויף דעם בוידעם. אין דרויסן איז קאַלט און עס רעגנט, מיט איין וואָרט: ווינטער. מיר מאַכן אָפּט פּרוּוון מיט די שטריק, כדי אין נייטיקן פאַל צו קאָנען אַליין מיט זיך אַ סוף מאַכן. דעם גרויסן זון מוז איך די גאַנצע צייט היטן, ווייל דער הונגער דערגייט אים שטאַרק, און ער מאַכט אַלע מאָל אַ פּראָבע מיטן שטריק. דער קליינער קאָן נישט דערלאַנגען, עס איז צו הויך, און איך זאָג אים צו, אַז איך וועל אים העלפן.

דעם 22סטן נאָוועמבער קומען אַרויף צו אונדז ניקאָליי מיט יעלענען און זאָגן, אַז מיר מוזן תיכף פאַרלאָזן זייער הויז, ווייל מ׳איז זיי שוין חושד, און יעדע מינוט קאָן מען אונדז כאַפּן. פרעג איך זיי: וווהין זאָלן מיר איצט גיין? ווער וועט אונדז אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע, נאַקעטע און באָר־וועסע, הויט און ביין, קוים וואָס מען האַלט זיך אויף די פיס, באַוואָקסן ווי ווילדע חיות, אָן אַ גראָשן ביי דער נשמה — צונעמען? ענטפערן זיי, אַז זייער אייגן לעבן איז זיי טייערער און אַז אין סטאַרי קאָסעוו איז דאָ אַ פויער מיטן נאָמען לולטשוק, וועלכער האָט שוין עטלעכע מאָל איבער־געחזרט, אַז ער באַדויערט זייער פאַר וואָס ער האָט מיך נישט געראַ־

טעוועט, זאָל איך צו אים גיין, און ער וועט מיך באַשטימט צונעמען. דער פּויער איז טאַקע געווען מיינער אַ גוטער פריינד. ניקאָליי זאָגט מיר שוין, ווי אַזוי איך זאָל גיין צו אים, כדי מען זאָל מיך אין וועג נישט כאַפּן.

איך האָב תיכף פאַרשטאַנען זיין פּלאַן. ער איז אַ כיטרער פּויער, ער וויל פון מיר פּטור ווערן, וויל אָבער נישט, מען זאָל מיך כאַפּן ביי אים אין שטוב. זאָלן מיר אַוועקגיין צו לולטשוקן, און אויפן וועג וועט מען אונדז שוין דערליידיקן.

איך האָב אים גענומען בעטן, צוגעזאָגט מיין הויז, מיין פעלד, געלט, וואָס ליגט באַגראָבן ערגעץ אויף אַ פּלאַץ, אָבער עס העלפט נישט. דעמאָלט בעט איך אים, ער זאָל מיך נאָך איין טאָג לאָזן דאָ זיין. איך האָב גערעכנט, מיר וועלן דאָ מיט זיך אַ סוף מאַכן. אָבער ער האָט זיך עס אָנגעשטויסן. צו וואָס דאַרף ער האָבן דריי געהאָנגענע יידן ביי זיך? האָט ער איינגעוויליקט, נאָר מיר זאָלן תיכף אַראָפּגיין אין גרוב.

דעם 23סטן נאָוועמבער אויף דער נאַכט איז ער צוגעקומען און געזאָגט, „איצט מוזט איר גיין". מיר זענען אַרויס פון גרוב, זיך געזעגנט און צעקושט מיט זיי. איך האָב אים געבעטן, ער זאָל מיך נישט באַגלייטן, — וואָס ער האָט געוואָלט טאָן — און מיר האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

לויט זיין פּלאַן האָבן מיר געדאַרפט דורכגיין נעבן שמשון פויגלס מיל, וועלכע איז שוין געווען אַרומגעשטעלט מיט פּאָליציי. ער האָט אונדז נאָכגעקוקט, און מיר זענען טאַקע געגאַנגען אין דער ריכטונג. אָבער שפּעטער בין איך אַוועק אויף אַ צווייטן וועג.

ס'איז פינצטער און קאַלט, עס רעגנט אַ גאַנץ דריבנע רעגנדל. די שמאַטעס אין וועלכע ס'זענען איינגעהילט אונדזערע אויסגעטרוקנטע קערפּערס זענען אין עטלעכע מינוט געווען דורכגעווייקט און צוגעפרוירן צו די ביינער. מיר קאָנען קוים אַ שפּאַן טאָן. דער וועג פירט דורך פעלדער, וועלדער און וואַסערן. די בלאָטעס — ביז די קניען. דער גרויסער ייִנגל גייט מיט צוויי שטעקנס, און דעם קלענערן, וועלכער פאַלט אַלע מאָל אַוועק, מוז איך נעמען אויף די הענט. אויך מיר פאַרלאָזן די כוחות. אָבער מען מוז ווייטער גיין.

איינצלנע פּויערים קומען אונדז אַנטקעגן, זעען פאַר זיך דריי ווילדע פאַרשוינען, אָבער טשעפּען אונדז נישט. אַזוי זענען מיר די גאַנצע נאַכט געגאַנגען און אָנגעקומען אין דאָרף סאָקאָלובקא, אַכט קילאָמעטער פון קאָסעוו. דאָ האָב איך פיל באַקאַנטע פּויערים.

מיין שטימע איז פאַר דער צייט פאַרענדערט געוואָרן, און פון מיין האַלדז איז אַרויס אַ מין קוויטשען פון אַ חיה. איך האָב זיך אַליין דערשראָקן פאַר דער שטימע מיינער. דערצו זענען מיר די אויגן רויט, און איך בין אין גאַנצן באַוואַקסן ווי אַ ווילדער.

ווען איך בין צוגעקומען צום ערשטן הויז פון מיינעם אַ באַקאַנטן פויער און אָנגעקלאַפּט אין פענצטער: „הריצקי, מאַך מיר אויף!" הער איך ווי ער זאָגט צו זיין פרוי, „ברוך איז דאָ אין דרויסן". ער לויפט אַרויס, כאַפּט מיך אַרום און קושט מיך, „דו לעבסט"?, שרייט ער, „אָבער ווי דו זעסט אויס! איך ברענג דיר שוין עסן", „ניין, הריצקי, נישט עסן וויל איך פון דיר, אפשר קאָנסטו מיך צונעמען און באַהאַלטן, ווייל מיר האָבן נישט וווּהין צו גיין". „ניין" זאָגט ער, „זיין ביי מיר קאָנסטו נישט, ווייל איך האָב אַ פרעמדע דינסט, און זי וועט תיכף מעלדן דער פאָליציי".

זענען מיר באַלד אַוועק צו אַ צווייטן הויז — מען לאָזט אונדז נישט אַריין. אויך אין אַ דריטן נישט. און אין דרויסן הייבט אָן טאָגן. מיר וועלן פּרובירן נאָך אויף איין פּלאַץ, ווען נישט מאַכן מיר מיט זיך אַ סוף!

איך קלאַפּ אָן ביי דעם פויער און רוף: „אָנופרי, מאַך מיר אויף", ווען זיי האָבן אונדז דערזען, האָבן אַלע אויסגעבראָכן אין אַ געוויין, און מען זאָגט מיר „גיי שנעל דורכן גאָרטן, ביז דו וועסט צוקומען צו אַ שטאַל. דאָרט גיי אַריין, ס'איז דאָ שטרוי, לייגט אייך אַריין, און באַלד ברענגט מען אייך עסן. דאָרט קאָנט איר זיין וויפל איר ווילט, קיין עסן וועט אייך נישט פעלן!"

אַריינגעקומען אין שטאַל, לייגן מיר זיך אַריין אין שטרוי, און באַלד ברענגט די פויערטע ברויט מיט הייסע מילך און זאָגט נאָך אַ מאָל, אַז דאָ וועלן מיר קאָנען זיין ביז נאָך דער מלחמה. חוץ אונדז קומט קיינער נישט אַהער, זאָגט זי. זי דערציילט אונדז אויך, אַז די דייטשן האָבן אויף אַלע פראָנטן גרויסע מפלות, און אין קורצן וועט זיך דער קריג ענדיקן, און מיר וועלן זיין פריי. מיר וויינען אַלע פאַר פרייד.

פינף טעג ליגן מיר דאָ, און עס איז אונדז גוט. אויפן זעקסטן טאָג, פאַר טאָג, קומט אַריין דער פויער און זאָגט, אַז מיר מוזן שוין אַוועק. מען האָט נאָכגעקוקט און מען ווייסט שוין וועגן אונדז. איך נעם די קינדער און מיר גייען.

מיר גייען צו צו אַ הויז. איך וועק אויף דעם פויער, און ער זאָגט מיר: „שנעל גייט דאָ אַריבער דאָס וואַסער. אויף יענער זייט איז דאָ אַ שטאַל, גייט אַהין אַריין. איך וועל קומען אַהין, וועלן מיר אָפּרעדן ווי

אַזוי אייך צו באַהאַלטן". מיר טוען ווי ער האָט אונדז געהייסן. אַ פּאָר מינוט שפּעטער קומט אַריין, אָנשטאָט דעם פּויער, זיינער אַ זון, אַ שייגעץ פון אַ יאָר 18, וועלכן ער האָט געשיקט. ווי נאָר ער דערזעט אונדז, לויפט ער אַרויס אין דרויסן מיט אַ געשריי: „זשידי! זשידי!" מיר לאָזן זיך אַנטלויפן. אין דרויסן איז שוין טאָג, און פּויערים, דערהערנדיק די קולות, שטעקן אַרויס די קעפּ פון די פאַרפרוירענע פענצטער. אַ טייל גייט אויך אַרויס פון די הייזער. און מיר לויפן. נאָענט דערזעען מיר אַ וואַלד, לויפן מיר אין אים אַריין און פאַרשווינדן אין דער געדיכטעניש פון דיביימער.

איך בין קיין מאָל אין דעם וואַלד נישט געווען. מיר גייען אַריין אין אים טיפער און טיפער. נאָר וואָס ווייטער פון דעם דאָרף! דעם גאַנצן טאָג בלאָנדזשען מיר אַזוי אַרום אין דעם וואַלד. ווען ס'איז געוואָרן נאַכט, האָבן מיר זיך אַריינגעלייגט צווישן די קשאַקעס און איינגעשלאָפן.

אויפן צווייטן טאָג — דער רעגן הערט נישט אויף. די קינדער בעטן עסן, אָבער איך האָב זיי נישט וואָס צו געבן. הייבן די קינדער אָן צו־צושטיין צו מיר: „טאַטע, מיר האָבן דאָך שטריק, פאַר וואָס זאָלן מיר זיך אַזוי מוטשען?" איך באַרויק זיי, בעט זיי נאָך צוּוואַרטן, אפשר דאָך וועט געשען אַ נס. מיר גייען נאָך טיפער אַריין אין וואַלד. פּלוצעם דערזע איך פון ווייטן אַ הייזל. איך לאָז איבער די קינדער און גיי צו דעם הייזל. איך קום אַריין און בעט עפּעס עסן פאַר מיר און מיינע קינדער. גיט מיר די פּויערטע עסן, און איך ברענג דאָס מיינע קינדער. ווען זיי האָבן שוין אָפּגעגעסן, גיי איך באַלד אַוועק פון דעם פּלאַץ, ווייל איך ציטער, זי זאָל מיר נישט שיקן פּאָליציי. ביי טאָג האָט דער רעגן נאָכ־געלאָזט, און מיר האָבן זיך צוגעלייגט אַ ביסל.

אין דעם וואַלד האָט מיין גרויסער זון אָנגעהויבן שוין צו אָפּט צו מאַכן רעפּעטיציעס מיט דעם שטריק, און איך האָב דעריבער געמוזט אויף אים שטאַרק אויפפּאַסן. איין מאָל, בשעת אונדזערן אַ דרימל, האָט ער אָנגעטאָן דעם שטריק, און ווען איך וואַך נישט אויף, ווער ווייסט וואָס עס וואָלט געשען.

אויף צומאָרגנס האָב איך ווידער געבעטן עסן אין אַ צווייטער הייזקע, און האָב באַקומען.

מיר זענען געלעגן צווישן קשאַקעס. אין שלאָף דערפיל איך, אַז מיין קליינער זון איז נישטאָ נעבן מיר. אויפגעהויבן דעם קאָפּ, דערזע איך ווי ער פליט אַראָפּ פון באַרג. איך האָב מיך אַ לאָז געטאָן נאָך אים און

אים אָנגעכאַפּט ביי אַ פּיסל. ער קאָן נישט רעדן, נאָר ווייזט מיר עפּעס מיט דער האַנט. איך טו אַ קוק אין דער ריכטונג: דאָרט שטייט אַ סאָלדאַט מיט געווער אין האַנט. גדעון האָט אים דערזען און איז פאַר שרעק אַנטלאָפן און געפאַלן. דאָס בלוט גליווערט אין מיינע אָדערן. וואָס צו פאַרלירן האָב איך שוין נישט מער. נעם איך גדעונען ביי דער האַנט, גיי מיט אים צו צום סאָלדאַט און זאָג צו אים אויף אוקראַיִניש: „האָב מיטלייד מיט די קינדער. דו האָסט דאָך אויך קינדער. טו אונדז נישט קיין שלעכטס“.

איך ווייס נישט, צי די ווערטער האָבן געווירקט, צי דער אָנבליק פון די קינדער, איך ווייס נישט אַפילו צי ער האָט מיך פאַרשטאַנען, צי דאָס איז געווען אַ דייטש, צי אַן אוקראַיִנער. ער טוט זיך אַ שטעל אַוועק אין אַ זייט און אַ מאַך מיט דער האַנט: „גייט אייך!“. ער איז פאַרשוווּנדן. אויך איך האָב באַלד גענומען די קינדער און בין אַוועק פון דעם אָרט.

מיר גייען אַריין נאָך טיפער אין וואַלד. די לאַגע איז האָפענונגסלאָז. אָבער איך פאַרטרייב דעם געדאַנק פון זעלבסטמאָרד. איך וועל נאָך פּרוּוון אונדזער מזל, דאָס וועלן מיר נישט פאַרשפּעטיקן. אויפן צווייטן טאָג, גיי איך זוכן עפּעס עסן, און איך האָב באַקומען אין אַ פּויערישער הייזקע אַ שטיק קאַלטע מאַמעליגע. גייענדיק ווייטער האָב איך מיך איבערגעלייגט, אַז מען מוז זיך פון דאַנען אַרויסבאַקומען. אפשר, אונטן, אין די דערפער, צווישן אַזוי פיל באַקאַנטע פּויערים, וועט זיך דאָך געפינען איינער, וואָס וועט אונדז וועלן העלפן. עס בלייבט נאָר די פראַגע, ווי אַזוי קומט מען אַרויס פון דאַנען? דער וואַלד איז אויף אַ באַרג, פון די רעגנס איז שטאַרק גליטשיק, און מען האַלט זיך קוים אויף די פיס. איך געפין עפּעס אַ סטעזשקע, און מיר הייבן אָן גיין באַרג אַראָפּ. ס'איז געווען שווער צו גיין, האָט מען זיך אַראָפּגעזעצט און אַראָפּגעגליטשט, נישט צו וויסן ווו מען איז. אויף אַזאַ אופן זענען מיר אַראָפּגעקומען, שוין אין אָוונט, נאָענט צו אַ דאָרף. מען זעט די כאַטקעס מיט די קליינע נאַפטלעמפּלעך. ווען מיר זענען דערגאַנגען צום ערשטן הייזל, האָבן די הינט אָנגעהויבן בילן און נישט געלאָזט צוגיין. אַזוי אויך ביי דעם צווייטן הייזל. מען מוז פון דאַנען וואָס שנעלער אַנטלויפן, ווייל די פּויערים וועלן אונדז כאַפּן. מיר זענען אַוועק און, דורך טיפע בלאָטעס, קוים זיך אַרויסבאַקומען. מיר זענען אַרויס אויף אַ שטראָז, און איך ווייס נישט אין דער פינצטער ווו מיר זענען. מיר קומען צו צו אַ קירכע. נעבן דער קירכע שטייט אַ

נייע הייזקע, וועלכע איך דערקען, אַז דאָ האָט אַ מאָל געוווינט וועלוול קרויטהאַמער. מיר געפינען זיך, הייסט עס, אין דאָרף האָראָד, נאָר פינף קילאָמעטער פון קאָסעוו. איך בין געווען אַזוי שטאַרק צעטומלט, אַז איך בין שיעור נישט אַריינגעגאַנגען אין דעם הויז, ווו עס האָט זיך געפונען די פּאָליציי.

מיר גייען ווייטער. דער וועג איז זייער געפערלעך, פון איין זייט דער וואַלד, פון דער צווייטער אַ וואַסער, וואָס איז פון די לעצטע רעגנס שטאַרק אָנגעשוואָלן געוואָרן און האָט אָפּגעשווענקט אַלע בריקלעך און קלאדקעס. אַריבערגיין אויף יענער זייט איז נישט מעגלעך. גייען מיר ווייטער מיט דעם וועג, ביז מיר קומען אָן מיט אומוועגן קיין קאָסעוו.

ווען איך קום צו צום הויז פון ערשטן פּאָליאַק, מיין פריינד קעמ־פּינסקי און קלאַפּ אָן אין פענצטער, קומט ער צו און ווי נאָר ער דערזעט מיך, שרייט ער אויס: „אַוועק פון מיין שטוב! שנעל אַוועק"! אַ צווייטער פּאָליאַק — דאָס זעלבע. אַ דריטער דראָט מיר מיט פּאָליציי, אַ פערטער העצט אויף מיר דעם הונט. איך בעט אַ ביסל וואַסער, אָבער אויך דאָס באַקום איך נישט. איך גיי אַוועק צו אוקראַינער. אויך דאָ האָב איך דעם זעלבן קבלת־פּנים. מען לאָזט אונדז נישט צו צו די הייזער, ווי קרעציקע הינט טרייבט מען אונדז. גאַנץ פאַרצווייפלט שטיי איך איצט און באַדויער, וואָס איך האָב נישט געפאָלגט די קינדער און נישט געמאַכט אַ סוף צום לעבן.

פון ווייטן גייט אַ פּאַטרול און באַלייכט מיט לעמפּלעך דעם וועג. מיר פאַרשטעקן זיך. ווען זיי זענען דורך, זאָג איך צו די קינדער, אַז מיר מוזן זיך צושלאָגן נאָך אַ מאָל צו ניקאָלייען, איך האָף, אַז ער וועט אונדז צונעמען. מיט שווערער מי און גרויסע יסורים זענען מיר מיט זייטיקע וועגן אָנגעקומען, שפּעט ביי נאַכט, צוריק צו ניקאָלייס הויז. שוין פון ווייטן דערהערן מיר דאָס שפּילן די פידעלעך און שיכורע קולות פון פּויערים. אַלזאָ, דאָרט איז איצט אַ באַל, און אונדז איז געבליבן נאָר איין וועג — ענדיקן מיטן לעבן! די קינדער לאָזן נישט נאָך, נאָר מיר זאָלן עס שוין טאָן. מיר גייען אַריין אין גאָרטן. אין דרויסן שנייעט. מיר לייגן זיך אונטער די ביימער און וואַרטן. איך הער ווי מען הייבט זיך אָן דרינען געזעגענען און עס ווערט שטיל. גיי איך צו צום פענצטער, ניקאָליי קומט צו און ער הייסט אונדז אַריינגיין אין שטוב. זיי האָבן איינגעהייצט דעם אויוון, אַראָפּגעריסן פון אונדז די נאַסע שמאַטעס און געגעבן הייסע מילך מיט מאַמעליגע. ווען מיר זענען אַ ביסל צו זיך געקומען, זאָגט ער:

„דערציילט מיר וואָס איז געווען". איך זאָג אים, אַז צו לולטשוקן בין איך נישט געגאַנגען, ווייל איך בין נישט געווען זיכער צי ער וועט מיך צונעמען. איך בין אַוועק אין אַן אַנדער דאָרף, נאָר קיין איין פויער לאָזט נישט אַריין צו זיך. אַלע ווילן געלט, און איך האָב איצט נישט.

„אפשר, ניקאַליי, וועסטו מיך צוריק אַריינלאָזן אין גרוב? איך פאַרשרייב דיר מיין גאַנץ פאַרמעגן. דער קריג וועט שוין לאַנג נישט דויערן. די דייטשן האָבן אויף אַלע פראָנטן גרויסע מפלות".

„ניין", — ענטפערט ער, ער וויל אונדז נישט מער, ער האָט מורא.

ער האָט צום סוף דערלויבט איין טאָג צו בלייבן. מיר האָבן זיך אַנידערגעלייגט אין דעם גרוב, און זענען איינגעשלאָפן.

אין אָוונט איז ניקאָליי צוגעקומען: „איצט מוזט איר גיין". מיר געזעגנען זיך און גייען אַוועק.

אויף דער פראַגע פון די קינדער, וווהין מיר גייען, ענטפער איך זיי, אַז נאָך איין פלאַץ איז מיר געבליבן, אויב דאָרט וועט מען אונדז נישט צונעמען, וועלן מיר באַגיין זעלבסטמאָרד.

מיט זייטיקע וועגן, דורך טיפע בלאָטעס, קומען מיר צו צום הויז פון דעם אינזשיניער לאַפאַטינסקי, איצט בירגערמייסטער פון קאָסעוו. ער איז מיינער אַ גוטער באַקאַנטער. ער און זיין פרוי זענען עלטערע מענטשן, אַ 70 יעריקע, אָן קינדער, די פרוי פאַרנעמט זיך מיט היילן קראַנקע, עס קומען צו איר אַ סך לונגען־קראַנקע פויערים, וועלכע זי היילט מיט קרייטעכצער. אַרום הויז איז דאָ אַ גאָרטן. מיר גייען אַהין אַריין. איך באַהאַלט די קינדער, צווישן קשאַקעס, און אַליין גיי איך צו דער טיר און קלאַפּ אָן. אין עטלעכע מינוט אַרום קומט אַרויס די פרוי, און מיט איר זייערע צוויי הינט. דערזען פאַר זיך אַ ווילדן פאַרשוין, פרעגט זי:

„ווער ביסטו"?, „ענגלער", ענטפער איך.

„ענגלער לעבט נישט", און זי קלאַפּט צו די טיר.

די הינט בלייבן מיט מיר, און איך קאָן נישט אַוועקגיין, זיי וועלן מיך צערייסן. שטיי איך, און נאָך עטלעכע מינוט קלאַפּ איך ווידער אָן. עס חזרט זיך איבער די זעלבע סצענע. זוען איך קלאַפּ אָן צום דריטן מאָל, עפּנט זי די טיר, וויזט מיר אָן אויף אַ שטאַל פון חזירים און זאָגט: „לויף אַהין אַריין".

איך קריך אַריין און ליג דאָרט. איך הער ווי מען זאָגט, „אַ גוטע

נאַכט״, אויף אוקראַיִניש. עס זענען געווען ביי זיי געסט. איצט קומט זי אַרויס, רופט מיך פון שטאַל און ווען איך שטיי נעבן איר, זאָגט זי:

„איך זע, אַז דו ביסט אַ ייד. זאָג מיר דעם אמת, ווער דו ביסט, וועל איך דיך צונעמען״.

„ענגלער״, זאָג איך איר.

„ער לעבט נישט. מ׳האָט אים געשאָסן ביי דער לעצטער אַקציע״.

„איר גלייבט מיר נישט, גייט צו דאָרט אונטערן פּאַרקן, וועט איר געפינען מיינע קינדער״.

זי גייט שנעל אַהין צו און נעמט אַרויס די קינדער. מיך האָט זי נישט דערקענט, אָבער זיי יאָ. זי הייבט אָן שטאַרק צו וויינען, לויפט אַריין אין שטוב צו איר מאַן, וועלכער זיצט ביים ראַדיאָ, פירט אים אַרויס צו אונדז אין קאָרידאָר. ער צלמט זיך און זאָגט, צוגייענדיק נאָענט און דערלאַנגענדיק מיר די האַנט:

„רוחות גייען דאָך נישט אַרום אויף דער ערד. דיך האָט מען דאָך געשאָסן דעם 1טן נאָוועמבער 1942. ביזט געלעגן צווישן די טויטע, ווי אַזוי קומסטו אַהער?״

„אמת, געלעגן בין איך, אָבער איך בין געבליבן גאַנץ און איצט בעט איך דיך, זאָלסט אונדז ראַטעווען״.

די פרוי איז דערוויל צוגעגאַנגען צו אַ טיר און געגעבן דריי קלעפּ — אַ סיגנאַל אַזאַ. פון אַ באַהעלטעניש איז אַרויסגעקומען אַ יידישע פרוי און ווען זי האָט איר געזאָגט, אַז ברוך ענגלער מיט זיינע קינדער זענען דאָ, האָט זי גענומען שטאַרק שרייען. צום גליק האָבן דאָס געשריי די שכנים נישט געהערט. די פרוי איז געווען פּעסיע ערנסט. זי האָט זיך צעשריגן, ווייל שוין מער ווי אַ יאָר ווי זי איז געווען זיכער, אַז מיר לעבן נישט.

מיט איר צוזאַמען זענען דאָ געווען באַהאַלטן נאָך דריי יידן: אורציע דיסטלהיים, זיין שוועסטער, אסתר לויב, מיט איר מיידעלע, מלכה. פּאַמעלעך האָט מען זיי מיטגעטיילט וועגן אונדזער קומען, און מיר זענען אַריין אין דעם פּאַרשטעק. דאָס באַגעגעניש איז נישט צום באַשרייבן. מען האָט געוויינט און זיך געקושט, און כסדר דאָס זעלבע. קיין וואָרט אַרויסברענגען האָט מען נישט געקאָנט. זיי האָבן אַ גאַנץ יאָר גערעדט וועגן אונדז ווי וועגן טויטע, און ערשט זענען מיר צוזאַמען!

דרך אַגב, קיין טשערנאָוויץ איז אָנגעקומען אַ ידיעה וועגן מיין טויט, האָט דאָרט מיין ברודער געזאָגט נאָך מיר אַ גאַנץ יאָר קדיש.

אויפן צווייטן טאָג האָט מען זיך צו אונדז גענומען: אָפּגעשוירן די האָר, די נעגל, אָפּגעוואַשן אַ ביסל פון דעם שמוץ, אַוועקגענומען די שמאַטעס און געגעבן אַנדערע קליידער. מיר זענען געזעסן, און איך האָב זיי דערציילט מיינע איבערלעבענישן.

די פיר ייִדן זענען געווען אין אַ צימער, נאָר ווען עס פלעגן קומען געסט, פלעגט מען זיי דורך אַ סיגנאַל צו וויסן טאָן, און זיי פלעגן אַרייַן אין אַ בונקער, וואָס דער אינזשיניער האָט געמאַכט פאַר זיי. זיי האָבן דאָרט געהאַט נישט שלעכט.

אויפן דריטן טאָג זאָגט די פרוי, אַז זי באַדויערט, וואָס זי האָט אונדז צוגענומען. זי וועט אונדז מוזן אַוועקשיקן, ווייל זי וועט נישט קאָנען געבן עסן זיבן פאַרשוין. האָבן זיי אַלע געוויינט און געבעטן, זי זאָל אונדז נישט אַוועקשיקן, מען וועט דאָס עסן וואָס ביז איצט פאַרטיילן פאַר אַלע. און מיר זענען פאַרבליבן. די שטריק האָט מען ביי אונדז צוגענומען און פאַרברענט. די צוויי ייִדישע פרויען האָבן ביי די באַלעבאַטים אַלץ געטאָן: געקאָכט, געבאַקן, געוואַשן וועש, די פּאָדלאָגעס, און אַנדערע הויז־אַרבעט. די מענער האָבן געהאַקט האָלץ אין שטוב. די שכנים איז קיין מאָל נישט איינגעפאַלן צו פרעגן, פאַר וואָס מען האַקט ביי זיי דאָס האָלץ אין שטוב; ווער קאָן עס גאָר אויף דער מחשבה קומען, אַז ביים בירגערמייסטער אַליין, וועלכער איז אויך באַקאַנט אַלס אַנטיסעמיט, זענען באַהאַלטן זיבן ייִדן! ער פלעגט אָפט איינלאַדן געסט, און דעמאָלט זענען מיר געלעגן אין בונקער. ווען עס איז געווען רויִק, און מיר זענען געווען אין צימער, פלעג איך אויסנוצן די צייט און לערנען די קליינע קינדער שרייבן און לייענען, חשבון אָדער פאָרלייענען פאַר אַלע די ביכער, וואָס דער באַלעבאָס האָט מיר צוגעשטעלט.

אַזוי איז אונדז די צייט אַוועקגעאַנגען. מ׳האָט ווייניק געגעסן, אָבער פיל געשלאָפן. דער ווינטער איז געווען אַ קאַלטער, איז מען גע־לעגן איינגעוויקלט אין שמאַטעס און געוואַרט אויף דער באַפרייונג. יעדן אָוונט פלעגט די פרוי אונדז רופן הערן ראַדיאָ, כאָטש דאָס איז געווען פאַרבאָטן אונטער טויט־שטראָף. און מיר האָבן געוווסט וועגן די גרויסע מפּלות פון די דייטשן אויף אַלע פראָנטן.

אין פענצטער זענען געשטאַנען הייליקע בילדער, אונדז אָפּצו־היטן פאַר שלעכטס. זי פלעגט יעדן טאָג אָפּריכטן תפילות, פאַלן צו דער ערד און זיך שלאָגן אין האַרצן.

אין יאַנואַר 1944 קומט צו פאָרן צו איר אַ גלח פון לעמבערג, וועל־

כער קומט איין מאָל אין צוויי יאָר זיך היילן פון זיין לונגען־קרענק. ער איז שוין דאָ געווען עטלעכע מאָל און בלייבט יעדעס מאָל אַ גאַנצן חודש. פאַרשטייט זיך, אַז ער איז פול אומעטום, אין די שטובן, אויפן בוידעם, אין קעלער. וואָס וועט איצט זיין?ביידע יידישע פרויען זענען אין דער קיך הינטער אַ פוירהאַנג. ער קומט אַריין, און די באַלעבאָסטע רופט איין פרוי ביים נאָמען, זי זאָל אַריינקומען. זי שטעלט זי פאָר פאַר אים:

„אסתר, אַ יידישע פרוי".

